STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05886

HEYMLOZE YIDN

Israel Efros

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל אפרת

הײמלאָזע ײדן

די גאַנצע הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז
באַשטימט פאַר דער הילפס־אַרבעט לטובת
די אויסגעוואָרצלטע ײדן.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכּה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן – י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון אַ רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
ד״ר הלל זיידמאַן: טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ.
נח גריס: קינדער־מאַרטיראָלאָגיע
פריידע זרובבל: נע־ונד (פאַרצייכנונגען פון אַ פּליטה)
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

נחום סאָקאָלאָוו: פּויליש־ייִדישע פּערזענלעכקייטן
טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג דורך אָקופּירטע לענדער
ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע
ד״ר יצחק שיפּער: ייִדן אין אַלטן פּוילן
צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
זלמן וואַסערצוג: יאַנוש קאָרטשאַק
א. ל. שוסהיים: סילועטן און עפּיזאָדן פון גאַליציע
שמואל צעסלער: זאַבלודאָווע — די לעגענדע פון אַ ייִדיש שטעטל

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע
„דאָס פּוילישע ייִדנטום" זיך ווענדן:
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Pueyrredón 667 Buenos Aires

ישראל אפרת

היימלאזע יידן

אַ באַזוך אין די יידישע לאַגערן אין דייטשלאַנד

★

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל - פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
און
הילפס-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין סאַאָ-פּאַאולאָ
(בראַזיל)

פאַרלאַגס-לייטונג: אברהם מיטלבערג
בוענאָס-איירעס — סאַאָ-פּאַאולאָ 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Israel Efros, N. York

ISRAEL EFROS

HEIMLOSE IDN

(JUDIOS SIN HOGAR)

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
y Sociedade Beneficente dos Israelitas Poloneses
en Sao Paulo
Buenos Aires - Sao Paulo 1947

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאלט

זייט

צו די לייענער	7
פון דעם מחבר	9
1. אין וועג	11
2. לאָנדאָן	18
3. אויף דייטשער ערד	25
4. מינכען	27
5. גארמיש	30
6. ציוניזם אויף דייטשער ערד	37
7. אין לאנדסבערג	42
8. סט. אטיליען	69
9. דאכאאו	74
10. ביי אונררא אויף קעסט	82
11. גאאוטינג	89
12. א געשפרעך מיט א רוויטארמייער	96
13. ביים „שטארענבערגער זעע"	100
14. א וויכטיקע אסיפה	105
15. העברעאיש	109
16. פערענוואלד	113
17. איינרינג	139
18. פעלדאפינג	147
19. י"ד אייר, דער נייער יום הזכרון	168
20. אונררא צענזורירט אונדז	176
21. א שבת אין לייפהיים	181
22. שטוטגארט	193
23. היטלערס פוטש-קעלער, קאפאם און שעפעלעך	202
24. בערכטעסגאדען	208
25. דעם אָדלערס נעסט	214
26. די קינדער-קאָלאָניע אין אשאאו	218
27. אָפשייד	222
28. אונררא הייסט אונדז גיין	226
29. צוריקוועגס	232
30. מאָרגן פרי — אין פאריז	238

צו די לייענער

דאָס דאָזיקע בוך — דער צוועלפטער באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" — אַנטהאַלט די באַשרייבונג פון אַ רייזע, וואָס דער מחבר האָט געמאַכט איבער די לאַגערן פון אויס־געוואָרצלטע יידן אין דייטשלאַנד, צוזאַמען מיטן דיכטער ה. לייוויק און די זינגערן עמא שיווער, אין דער קולטור־שליחות פון יידישן וועלט־קאָנגרעס.

דאָס בוך איז אָבער נישט בלויז אַ רייזע־שילדערונג. עס איז אַ דאָקומענט פון דער נאָכמלחמהדיקער צייט, אַ דאָקומענט, וואָס איז פול מיט טראַגיזם, ווייל עס אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ בילד פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן עד־היום טויזנטער און טויזנטער יידישע מענער און פרויען, יוגנטלעכע און קינדער, אין דער כלומרשט באַפרייטער וועלט.

עס איז אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער וועלט בכלל, און עס איז נישט ווייניקער אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אונדזער אייגענער יידישער וועלט. קעגן אונדזערע מנהיגים און וועלט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פולשטענדיק אומפעאיק צו קענען אויפרודערן דאָס פאַרגליווערטע געוויסן פון דער וועלט און צו באַפרייען די, וואָס זענען ווייטער פאַרבליבן פאַרשלאָסן און פאַרשקלאָפט אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד.

דער מחבר פון דער דאָזיקער אומגעווענלעכער רייזע־שילדערונג, ד"ר ישראל אפרת, איז נישט קיין פּאָליטיקער.

ער איז א דיכטער און א וויסנשאפטלער, וואס פארנעמט אן אנגעזעען ארט אין דער העברעאישער ליטעראטור אין נארד־אמעריקע און אין דער נארד־אמעריקאנער וויסנשאפטלעכער וועלט אלס פראפעסאר פון דער העברעאישער שפראך און ליטעראטור אין דעם בארימטן האנטער קאלעדזש אין ניו־יארק און אלס געוועזענער דעקאן פון דעפארטאמענט פון סעמיטישע וויסנשאפטן ביי דעם אוניווערזיטעט פון בופאלא.

א צארטער העברעאישער דיכטער און גלייכצייטיק מחבר פון וויכטיקע ווערק אין דער ענגלישער שפראך. אזוי דארף דערמאנט ווערן זיין ענגליש ווערק וועגן דעם רמב״ם „מלות ההגיון", וואס ווערט אפט ציטירט אין דער פאך־ליטעראטור, זיין ענגלישע דראמע, וואס שפיגלט אפ די שיילאק־טראגעדיע פון יידישן שטאנדפונקט, זיין זאמלונג פון העברעאישע דיכטונגען וועגן אונדזער נאציאנאלער קאטאסטראפע, וואס איז לעצטנס דערשינען אין ניו־יארק א. נ. „אנחנו הדור" א. א. וו.

מיר האבן עס באטראכט פאר א פליכט און א נויטווענדיקייט איינצושליסן די רייזע־שילדערונג פון ד״ר ישראל אפרת „היימלאזע יידן" אין אונדזער ביכער־סעריע, בכדי אזוי ארום צו באררייכערן די דאקומענטאלע ליטעראטור וועגן אונדזער קעגנווארט מיט א ווערק, וואס דארף באקאנט ווערן דער ברייטסטער יידישער עפנטלעכקייט און וואס וועט פארבלייבן ווי א טרויעריקער זכר פון דער יידישער נאציאנאלער טראגעדיע.

די רעדאקציע.

בוענאס־איירעס, פעברואר 1947.

פאָרוואָרט

אַנומלטן מאָנטיק פרי, פאַריקן יאַנואַר, טעלעפאָנירט מיר דער וועלט־קאָנגרעס, און גיט מיר אַ זאָג:

— ווילט איר פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן צו דער שארית הפליטה?

ווער איך נישט איבערראַשט, אַזוי ווי איך האָב אויף דעם גע־וואָרט, און דעם ענין דורכגעטראַכט, שוין יאָרן. ענטפער איך:

— יאָ.

ערשט נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן ספקות. וואָס אַזוינס זאָל איך זיי זאָגן? וואָס פאַר אַ כוס תנחומים קען איך זיי ברענגען? און דער טעאַטער — ס'הייסט, די אַקופּאַציע־מאַכט — האָט אָנגעהויבן לייגן שטיינער אין וועג. האָט מען די שטיינער אָפּגעראַמט. און די ספקות זענען פאַרבליבן.

פאַרן אָפּפאָר, האָט מיך דער מאָרגן־זשורנאַל איינגעלאַדן צו שרייבן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער נסיעה, און 'אָט אַזוי איז גע־וואָרן אַ בוך.

און איך האָף, אַז עס וועלן קומען טעג, ליכטיקע, מענטשלעכע, און די היימלאָזע יידן וועלן קומען „צו דער רו און צו דער אַרבונג", און זייערע ליידן וועלן ווערן נאָך אַ קאַפּיטל אין אונדזער געשיכ־טע. אָבער אייביק וועלן מיר דאָס קאַפּיטל מוזן לייענען און פאַר־שטיין: מאי קא משמע לן, וואָס לאָזט עס אונדז צו הערן?

דער מחבר.

ה' כסליו, תש"ז.

קאַפּיטל איינס

אין וועג

4 אזייגער בייטאָג, דעם 10־טן אפריל 1946.

קאַלט, מידע זענען מיר אין לאַ־גוואַרדיאַ־פיעלד, ניו־יאָרק, אין לופט־שיף אריין. די מאָטאָרן האָבן אָנגעהויבן צו רוישן און די שיף צו טראָגן איבער דער ערד־פּלאַץ. פּלוצים אויפגעהערט, ווידער אָנגעהויבן מיט א נייעם שטאַרקן אימפּעט צו רוישן און צו לויפן, און ענדלעך זיך אָפּגעריסן פון דער ערד.

א מיידל מיט גרינע אויגן און געקרייזלטע פלאַקסענע האָר איז אַרום־געגאַנגען, איינגעהילט די פּאַסאַזשירן מיט בלויע קאָלדרעס, אונטערגע־לעגט זיי מיט ווייסע קישעלעך און געשמייכלט: שלאָפט, אומרואיקע, פליענדיקע קינדערלעך, אויפוואַכן וועט איר אויף דעם אייזיק־שנייאיקן ניו־פאַונדלאַנד.

אומרואיקייט. וואָס איז אומרואיקייט?

פּאָרט א פּעטלעכער יונג קיין ענגלאַנד צוליב געשעפט, צוליב סי־נעמאַ־פאַרבינדונגען צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד. פליט א פלאַטשיק־פּנימדיקע פרוי קיין אירלאַנד צו אירע אַלטע עלטערן, וועמען זי האָט נישט געזען דורך די אַלע מלחמה־יאָרן.

אומרואיקייט איז דאָס זוכעניש פון גליק און באַפרידיקונג. וואָס פאַר א גליק אָדער באַפרידיקונג זוך איך, וואָס צוזאַמען מיט ה. לייוויק און עמא שייוועו בין איך געשיקט פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס צו די לאַגער־יידן אין דייטשלאַנד, צו דער קליינער צאָל יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט שוין האַלב־פאַרסמאַליעטע פון די קאַלך־אויוונס, וועלכע די אייביק־פאַרשאָלטענע דייטשע נמרודים האָבן מיט זייער העלישער שנאה איינגעהייצט?

ס׳איז פינצטער געוואָרן אין לופט־שיף. שווער און מיד האָב איך דעם קאָפּ אוועקגעלייגט. איך האָב די אויגן געעפנט צוויי שעה שפּעטער. ס׳איז נאָך גאַנץ פרי, אָבער די זון גליט. איך גיב א קוק דורכן רונדן פענצטערל. דער הימל איז לויטער בלוי, און אונטער אונדז — א ים פון וואָלקנס, אַזוי ווי פאַנטאַסטישע ווייסע שעפּסעלעך, וואָס ווי דער יוצר האָט זיי באַשאַפן, אַזוי הענגען זיי, אָן באַוועגונג, אָן א ריר.

און אָט הייבט אָן די שיף זיך אַרונטערלאָזן, א פאַל נאָך א פאַל, א זונק נאָך א זונק דורך דעם וואָלקן־ים. ס׳איז מיין ערשטע לופט־נסיעה, און דאָך פיל איך נישט דאָס מינדסטע ביסל פּחד. וואָס איז דאָס, וואָס האָט מיך אַזוי פאַרהאַרטעוועט צו מיין אייגענעם לעבן און מיין אייגענעם גורל?

און אָט גיט זיך דער ים א הייב און שטעלט זיך אוועק קעגן אונדז ווי א וואַנט. אין אויער הייבט אָן שניידן א שאַרפער ווייטיקדיקער. סירעגען־קוויטש. דאָס מיידל טיילט אונדז אויס קיי־גומע און בינדט אונדז צו צו אונדזערע שטולן, און די שיף לאַנדעט אויף א קורצער ווייַלע אויף א קאַלטן וויסטן פּלאַץ, אין ניו־פאַונדלאַנד.

די שיף הייבט זיך ווידער אויף. אָפּגעפרישטיקט און דערוואַרעמט, ליגן די פּאַסאַזשירן ווייטער אוועק זייערע קעפּ. מיר שווימען ערגעץ ווו אין סטראַטאָספער, אויף דעם צווייטן עטאַזש פון דעם קאָסמאָס, אונטערן צווייטן הימל. אונטער אונדז מאַרמאָר און אַלאַבאַסטער און איבער אונדז דער „עצם התכלת״. דער רעכטער שיף־פליגל גלאַנצט ווי לויטער זילבער. טיילן פון זיינע ראַנדן עפענען זיך אויסעלע און פאַרמאַכן זיך ווי שנאַפּ־

דיקע זשאַבערעס פון אַ פיש. פון דער אַנדערער זייט פון דעם פליגל פלאַ־טערן פייערדיקע זון-פאַלדן. אַמאָל, אַמאָל וואָלט איך איצט אפשר אַ מאַר־גן־שירה געזונגען, און שיינקייט־קרוינען גאָטס וועלט אָנגעטאָן. אָבער איך זוך אַלץ אַן ענטפער אויף דעם סוד פון מיין זוכעניש און פליעניש און אומרואיקייט.

צוליב וואָס האָב איך אַ פּאָר טעג פאַר אונדזער שיינעם פרילינגס יום־טוב, פסח, פאַרלאָזן אַלע מיינע ליבסטע, און מיין רואיקע, מיין כלומרשט רואיקע, רוטינע איבערגעהאַקט און זיך אַוועקגעלאָזט אויף דעם דאָזיקן לאַנגן, שווערן און ווייטיקלעכן וועג?

איז דאָס בלויז אַ נייגעריקייט אָנצוקוקן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן מיט אונדזערע ברידער, וואָס יעדער איינער פון זיי איז פול מיט חורבה און קבר? איז דען נישט אזא נייגעריקייט אַן אַבסאָלוטער מאַזאָכיזם, אַ דראַנג צו זעלבסט-פּייניקונג פון זיך אַליין ליב און לעבן צו רייסן? און אויב אַזוי, פון וואַנען שטאַמט אָט דער דראַנג זיך אַליין ענויים אָנצוטאָן.

און וואָס איז דאָס וואָרט, וואָס איך טראָג אַהין? דער וועג איז דאָך אַזוי שווער, מוז ער דאָך זיין כדאי.

ס'איז נאָך דאָ אַ גאַנצער טאָג צו זיצן און פליען. צייט גענוג צו טראַכטן און טראַכטן.

:: :: ::

איך בין בלויז אַ געשיקטער, אַ שליח-ציבור פון דער יידישער אַמע־ריקע, אַן עמער, וואָס ער לאָזט אַרונטער אין טיפן ברונעם, כדי אַלע זאָלן טרינקען און זיך דערפרישן.

זיך דערפרישן און זיך דערפילן.

וואָרום אָפּגעטעמפּט פון ווויל־טאָג זענען די חושים. דאַרף מען זיי אין דעם שאַרפן עסיג פון צער ווייקן.

צוויי געפילן ליגן אין נשמה־תוך פון דער גאַנצער מענטשהייט אין דעם דאָזיקן נאָך־מלחמה פּעריאָד. זיי ליגן איינגעאָרעמט און איינגע־פלאָכטן איינער אין דעם אַנדערן.

איינער איז א שווערער, שטומער אפאקאליפטישער פחד, וואס די אטאמען־באמבע איז בלויז זיין קאנקרעטער סימבאל, א פחד, אז אין איינער א נאכט וועט עפעס פון הימל אראפפאלן און דער גאנצער יש וועט מיט אמאל צונישט ווערן און ס׳וועט שוין קיין מארגן נישט זיין.

ווארום עפעס ברעקלט זיך אין דער גאנצער וועלט. איין מלחמה, און באלד דעם נאך א מלחמה, א סך אן ערגערע, און שנאה און רשעות־דיקער כוח זענען נישט אויסגעריסן געווארן פון דער וועלט, נאר בלויז אריבערגעפירט פון איין דירה אין דער אנדערער. זיצן די גרויסע וועלט־לאטוטניקעס ביי איין טיש און רייסן יעדער איינער דעם וועלט־בגד צו זיך און סטרינגעווען און לאטעווען, און דער בגד איז אלץ פול מיט לעכער, נאר א סך גרעסערע. איז וואס זשע וועט זיין, אויב א נייע מלחמה וועט, מיר נישט דיר נישט, אויסברעכן? וועט טאקע פון דעם גאנצן בגד בלייבן איין לאך.

און דאס צווייטע געפיל באגלייט דעם ערשטן ווי אן אקארד פון ווידוי און צידוק־הדין. ס׳זענען דאך טייכן בלוט פארגאסן געווארן, מער ווי ווען עס איז אין דעם גאנצן מענטשלעכן עבר. ס׳זענען דאך מיליאנען יונגע קרעפטיקע לעבנס פארשניטן געווארן אויף די שלאכטפעלדער. איז אויף וועמען פאלט די שולד? אויפן רשע, דעם אנגרייפער? ער פילט דאס נישט. זיין פינצטערע נשמה האט קיין הרהורי־תשובה נישט. ס׳איז דער גע־רעכטער, דער אנגעגריפענער, דער אומשולדיקער, וואס פילט די שולדי־קייט און טראגט די וועלט־אחריות. ס׳נורעט אין אים און גיט אים קיין מנוחה נישט. וואס מער צדיק, אלץ מער שולדיק. הבל שטייט אויף פון טויט און פילט זיך שולדיק, ווארום קין איז דאך זיין אייגענער ברודער, מוז דאך אין אים אליין אויך זיין קין.

אט די צוויי געפילן, וואס זייערע סימנים מערקן זיך שוין אין דער וועלט־ליטעראטור, זענען אייגנטלעך פאסיוו און נאכגעביק. דאך טרעפט זיך, אז דער אשמנו־קלאפ אויפן ברוסט לייטערט די נשמה און רופט ארויס פרישע מאראלישע כוחות, וואס שטילן און לייקענען דעם פחד, און נאכן ווידוי ווערט דער מענטש געזונט.

מיר ייִדן האָבן אויך אונדזער פּחד. ס'איז דאָך אַזוי טיף געווען דער בים פון דער חיה רעה און אַזוי פיל בלוט האָבן מיר אָנגעוווירן. און אַנדערע חיות בייסן נאָך אַלץ. און ווער פון אונדז הערט נישט אויף זיין גע̇לעגער ביינאַכט ווייטע טרויעריקע טריט פון אומקום? ווייל איז געווען אונדזערע אבות, וואָס זייערע אויערן האָבן אַזעלכעס נישט געקענט הערן.

און מיר האָבן אויך אונדזער שולדיקייט. כ'מיין נישט יענעם הויךמאָראַלישן אחריות־געפיל פאַר דער וועלטס דעגענעראַציע, אַזוי אַז דאָס יידישע הבל־פאָלק מעג זיך פילן שולדיק פאַר דעם, וואָס די קין־וועלט האָט ביי אים זעקס מיליאָן קדושים גענומען. כ'מיין אַ קאָנקרעטערע שולדיקייט, וואָס איר ווייטיקדיקע אנערקענונג קען אונדז לייטערן, אונדזער פּחד שטילן און אונדז געזונט מאַכן.

דורך דער גאַנצער צייט פון דעם היטלעריסטישן טעראָר איז די יידישע וועלט צעשפּאָלטן געווען אין צווייען, פּונקט ווי די גרויסע שטאָט ביתר אינעם צווייטן חורבן. אויף איין זייט האָט דער שונא קינדער געשאָכטן, און פון דער אַנדערער זייט — הלולות און חתונות. פון יענער זייט ים האָבן זיך מחנות פון מיליאָנען יידן אונטער דעם ווילדן געשריי און קנוט צום שרעקלעכן טויט געצויגן, און דאָ האָבן מיר זיך רואיק שפּאַצירט אין די גאַסן, און פון די שויפענצטער האָבן גאָלד און בריליאַנטן געפינקלט, האָבן רייכע קליידער און „דאַמים" מיט פוטערנע מאַנטלען געוווּנקען, האָבן גאָלדענע חלות און צוקערקעלעך געריי̇צט, האָבן זיך עפּל און אָראַנזשן אויפן טראָטואַר געשאָטן.

יאָ, פון צייט צו צייט האָבן גרויסע רעדנער שיינע דרשות געהאַלטן און מיר האָבן טרויער־אַקטן דורכגעפירט. האָבן מיר אפשר אַלע אין איינעם אַ תענית־ציבור אויף זיך גוזר געווען? האָבן מיר אפשר אויף די אייזערנע פּאַרקנס פון די מעכטיקע זיך געוואָרפן — און זאָלן זיי מיט זייערע פערד אויף אונדז אָנפאָרן און אונטער זייערע פּאַדקאָוועס אונדז צעטרעטן? אפשר, אפשר וועלן זיי אונדזער קול דערהערן און אַ טייל פון אונדזערע ברידער פון דעם שונאס ציין אַרויסרייסן. ניין, דאָס האָבן מיר נישט־געטאָן. מיר האָבן זיך אין אונדזער צער געהאַלטן אין שטאָט, און

פון די האָלאָבליעס נישט אַרויס. מיר האָבן אונדזערע ווערטער געוויגן און געמאָסטן, אונדזער צונג אויף דיפּלאָמאַטישע שלייף-שטיינער געשליפן און פאַרגעסן דעם כוח פון דעם אמתן רויען אַרויסגעשריגענעם צער.

אַט דאָס טרייבט מיך אַמשטאַרקסטן צו אונדזערע ברידער דאָרטן, צו באַהעפטן זיך מיט זייערע יסורים.

און ס'איז דאָ נאָך אַ ברייטערע, עלטערע שולדיקייט, אַ היסטאָרישער חטא, וואָס ציט זיך שוין טויזנטער יאָרן. מיר האָבן אים די גאַנצע צייט נישט טיף דערשפּירט. איצט מוזן מיר אים מיט אַלע אונדזערע חושים דערפילן.

איין לאַנגע קייט פון גזירות, גירושים, שמד און עלילות-דם אין אייראָפּע געווען, אַ שטענדיקע ברענעניש אונטער אונדזערע פיס איז זי אונדז געווען. האָבן מיר געהאַלטן אין איין לויפן, און קיינמאָל נישט דערטראַכט זיך צו אַנטלויפן, כ'מיין אין אונדזער אייגן לאַנד. מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו לויפן, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אונדזער נאָרמאַלער גאַנג. אַז מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון אַ לאַנד, זענען אונדזערע שתדלנים געקומען צו דעם קעניג און זיך געבויגן אין דרייען:

— אדוני המלך, לאָז אונדז צוריק אין דיין מלוכה אַריין כאָטש בלויז אויף עטלעכע יאָר.

— און נאָכדעם וואָס וועט זיין?

— נאָכדעם וועסטו אונדז ווייטער אויסמעלקן און אַרויסטרייבן.

מיר האָבן אַזוי ווי געהונגערט נאָך גירושים, און וועגן אַ ראַדיקאַלער ליי‌זונג, וועגן אַ יציאת אייראָפּע און שיבת ציון, וועגן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון גלות, האָבן מיר קאָלעקטיוו ערנסט נישט געטראַכט, כאָטש די געשיכטע האָט דאָך אונדז אַ סך גינסטיקע מאָמענטן אַרויסגעשטעלט: נעמט און קערט זיך אום, אויב איר מיינט עס ערנסט מיט אייער „ותחזינה עינינו״! פאַרוואָס האָבן מיר געוואַרט, ביז עס זאָל זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלען אַן אַראַבער-פּראַגע, אַן אויל-קאָנקורענץ און כל המינים פּאָליטישע שוועריקייטן, אַזוי, אַז אַפילו פריינטלעכע פעלקער זאָלן זיך קווענקלען אונדזער בקשה אויסצופילן?

און אַזוי זענען אונדזערע ישובים אין די הונדערטער פיל מאָל חרוב געוואָרן איבער גאַנץ אייראָפּע און תמיד האָבן מיר זיך צוריקגעקערט און אָנגעהויבן אויפסניי, אַזוי, אַז אונדזער היסטאָריש לעבן איז געוואָרן אַ מין פּאַלימפּסעסט, איין שריפט אויפן אַנדערן, אָפּגעמעקט און ווייטער געשריבן, אַזוי אַז עס איז איינגאַנצן געוואָרן מער מעק ווי שרייב, אַ תהו ובהו, וואָס האָט ענדלעך געפּלאַצט און האָט אונדז מיט געוואַלד אַרויסגעשטופּט פון אייראָפּע, נאָר דאָס מאָל דורך די קוימענס פון טרעבלינקע און מאַידאַנעק.

זענען איבערגעבליבן נאָך אַ פּאָר הונדערט טויזנט חרובע יידן אין אייראָפּע, ישעיה הנביאס „ועוד בה עשיריה". קומען נאָך אייניקע ווילע מענטשן און טענהן: פּאַרלאָזט נישט דאָס טייערע אייראָפּע. בויט שולן, בויט קהילות און בלייבט אויפן פּלאַץ. און געוויסע גוטע גויים, וואָס האָבן די גאַנצע צייט פון דער שחיטה געשוויגן, האָבן זיך איצט צוקער־לעקעכדיק צערעדט: מיר דאַרפן האָבן אייערע גייסטיקע כוחות, אייער זשעני, פּאַרלאָזט אונדז נישט!

אָבער וויפל דאַרף אַ פאָלק צאָלן רבי־געלט, ביז עס זאָל זיך עפּעס אויסלערנען?

ס'איז אַמאָל געווען אין באַרצעלאָנאַ אַ ייד מיטן נאָמען רבי יהודה אבן ווירגא. איז די אינקוויזיציע געקומען. האָבן אויפזיכט איבער דאָס קריסטלעכע כשרות פון די מאַראַנען. האָט זיי איינער געזאָגט, אַז ר' יהודה שטייט אין פאַרבינדונג מיט די אנוסים און האַלט אויף ביי זיי דאָס אייביק יידישע פייער. איז ער באַצייטנס אַנטלאָפן. אָבער קודם האָט ער אַרויסגעשטעלט אין זיין פענצטער דריי פּאָר טויבן. איין פּאָר איז געווען גאַנץ און לעבעדיק און אויף זייערע העלדזלעך איז געהאַנגען אַ סויטעלע: דאָס זענען די, וואָס וועלן באַלד אַנטלויפן. די צווייטע פּאָר איז שוין געווען נאַקעט אָפּגעפּליקט און האָט געטראָגן אַ קווויטעלע: דאָס זענען די, וואָס וועלן שפּעטער אַנטלויפן. און די דריטע פּאָר איז געווען אָפּגעפּליקט און געקוילעט, און זייער קוויטעלע איז געווען: די וועלן שוין קיינמאָל נישט אַנטלויפן.

אַט אַזוינע דריי פּאָר טויבן, דוכט זיך מיר, דאַרפן מיר שיקן איצט

צו אונדזערע ברידער אין דעם פּיל־פּעלקערטום, אין דעם גרויסן קאָכיקן שנאה־קעסל, וואָס הייסט אייראָפּע:
ברחו מכשדים.
איז דאָס אפשר דער זין פון מיין שווערער שליחות?
ניין, נישט דאָס אַליין. כ׳דאַרף אויך זיי שטאַרקן און קרעפטיקן, וואָרום דער גרויסער בראָך האָט זיי דערדריקט ביז אָנמעכטיקייט, און אפשר אויך דערגראַדירט ביז געפאַלנקייט. ווו איז דאָס וואָרט פון שטאַרקונג, א פונק, וואָס זאָל אין זיי דעם מוט אָנצינדן?

:: :: ::

דאָס מיידל מיט די געקרייזלטע פלאַקסענע האָר איז דערשינען מיט אירע שמייכלענדיקע, בלישטשענדיקע גרינע אויגן און בינדט מיך נאָך אַמאָל צו צו מיין שטול. דער טאָג פאַרגייט. מיר זענען אין אירלאַנד.
פון אירלאַנד — קיין לאָנדאָן.

קאַפּיטל צוויי

לאָנדאָן

כ׳בין אריין אין מיין אכסניה־צימער און די טיר הינטער מיר פאַרמאַכט.
כ׳האָב אויסגעוואַשן די וואַנדערניש פון מיינע מידע אויגן, זיך אויף א בעטל געלייגט און די טונקעלע שטילקייט האָט מיך אריינגעזויגן.
צוויי נעכט בציבור געזעסן, בציבור געפלויגן. האָב איך איצט צו אַליינקייט, צו יחידות געגאַרט.
אַזוי לאַנג אינעם אין־סוף געפלויגן — איז מיר איצט גוט און ליב דאָס קליין חדרל, די דלת־אמותדיקייט געווען.
איך און מיין — גוט אַוועקצוגיין פון זיי, און גוט צו זיי זיך אומצוקערן. און נאָכדעם בין איך ארויסגעגאַנגען.

כ'האָב געמוזט מיינע אינערלעכע דימענסיעס צוריק אויפשטעלן, צוריק דערפילן ערד-פעסטקייט.

און די שטאָט לאָנדאָן האָט מיך נישט אַנטטוישט.

ברייטע ריינע גאַסן. קיין שפרינקעלע שטויב נישטאָ.

ס'איז אַ רעזידענץ-קווארטאַל. ס'זיפּט זיך אַן ערב-פּסחדיקע נעפּלדי־קע זוניקייט און אַ זוניקע נעפּלדיקייט. ווייט פון דער אַנדערער זייט גאַס ביים ראָג זעט זיך אַ מענטש, ווי אַ זעלטנהייט, און פון דיסטאַנץ.

דער מענטש איז אַ יחיד, אַן איינס. חשוב איז דער מענטש.

פיר־שטאָקיקע הייזער מיט לאַנגע שטאַרקע האָריזאָנטאַלע ליניעס, וואָס ווערן איבערגעשניטן און באַלאַנסירט מיט גריכישע קאָלאָנעס, וואָס דערמאָנען אָן אַלטן קלאַסישן חן.

איך שטייג אַרויף אויף אַ באָס און פאָר צו דעם באַרימטן פּיקאַדילי, וואָס איז דער צענטער פון געשעפט און טעאַטער. מער און מער רעשדיק ווערן די גאַסן. ס'הייבט זיך אָן אַ מענטשן-געדראַנג און ס'רייסן די אויגן גיגאַנטישע אַפּישן.

דאָך אויך דאָ זענען הייזער נישט נאַקעט־אוטיליטאַריסטיש, נישט סתם הייזער, נאָר רייך און שווער מיט אויסגעשניצטע געזימסן און מיט קינסטלערישע פיגורן.

און עס הויערט אַ רואיקע מעכטיקייט.

צווישן די ניו-יאָרקער הימל-קראַצער פילט זיך שטאַרק די ווערטי־קאַלע ליניע, אַ רייסעניש צום הימל. אָט גיט אַ בלאָז אַ שטאַרקער ווינט פון ים און ניו־יאָרק רייסט זיך אָפּ און פליט הויך אַוועק ווי אויף אַ כשופדיקן טעפּיך פון באַגדאַד.

דאָ אָבער איז אַ פעסטע זיכערקייט, אַן איינגעקלאָמערטקייט אין דער ערד, אַ פויזנדיקע מאַיעסטעטישקייט, ווי די מעכטיקע לייבן אויפן טראַ־פאַלגאַר סקווער.

שטאַרק און זיכער איז דאָס האַרץ פון דער גרויסער בריטישער אימ־פּעריע, רואיק־שטיל אין מיטן פון די גרויסע פּאָליטישע ראַנגלענישן און וועלט־שטורעמס.

שיינע לאָנדאָן!

:: :: ::

חרובע, נאָך־מלחמהדיקע לאָנדאָן!

הייזער אין שטיינער־הויפֿן פֿאַרוואָנדלט, אין מיטן גאַס ווי ציין אַרויסגעריסן, הייזער־סקעלעטן, פּאַלאַצן ווי שקראַבעס, אַלע שטאָקן פֿון אינעווייניק אויסגעדרילעוועט און אויסגעליידיקט. בלויז די פֿיר אויסערלעכע ווענט מיט לעכער־פֿענצטער פֿון אונטן ביז אַרויף, אָן דעכער, מיט וויסטער זוניקייט ווי אַ סוכה נאָך שמחת תורה.

און הייזער, וווּ די לעכער זענען שוין פֿאַרשטאָפּט מיט ליים ווי אָרימע פֿאַרלאַטעטע בגדים. און פֿענצטער — אַזוי פֿיל פֿענצטער מיט ברעטער פֿאַרדעקטע ווי אויגן מיט בעלמעס. נישטאָ גענוג גלאָז. איז ווו דו קערסט זיך בעלמעט בלינד דיר אַנטקעגן אַן אויג!

און דער יידישער ווייטשעפּעל, צו וועמען די היטלעריסטישע שנאה האָט זיך געריסן נאָך מער שנאהדיק, ווו ס'איז געפֿאַלן די ערשטע באָמבע אין לאָנדאָן און אויך די לעצטע! זעט: בלאָקן גאַנצע צעאַקערט, צעלעכערט ווי אַ פֿעלד און מיט גראָז שוין באַדעקט.

דאָך פּליסט און שלענגלט זיך דאָס לעבן אַריין און אַרויס, לויפֿט פֿאַרביי די רואינירטע הייזער און שפּרינגט אַריבער די חורבות. און אויף די פּנימער פֿון דער יוגנט זינגט אַ פֿאַרשייטקייט: עט, באַלד וועט מען די הייזער צוריקבויען און די בעלמעס פֿון די אויגן אַראָפּנעמען. דאָס לאַנד איז געבליבן, די ערד איז דאָך דאָ. מיר יידן אָבער? אָן ערד. ווו קען מען די סוכה פֿון שמחה צוריק אויפֿשטעלן?

געוויסע שפּייזן פֿעלן. נישטאָ קיין פֿרוכט, קיין מילך, קיין פּוטער און קיין אייער. אָראַנזשען־זאַפֿט, אָן וועלכן דער אַמעריקאַנער קען בכלל זיין אַרבעטס־טאָג נישט אָנהייבן, בעסער, אַז מען פֿאַרגעסט אין דעם ווען מען קומט אָן אין לאָנדאָן. בעיני ראיתי ווי אין אונדזער האָטעל איז אַ פֿאַמיליע פֿון פֿיר אין עס־צימער אַריין, און די מאַמע האָט פֿון טאַש עפּעס אַן אַלטן אימפּאָרטירטן אייינגעשרומפּענעם אָראַנזש אַרויסגענומען און מיט ציטערדיקע הענט אים אויף פֿיר צעשניטן, און אַלע מענטשן אין זאַל האָבן זשעדנע און טרויעריק צוגעקוקט. אַ פֿיינקוכן באַקומט מען אַמאָל, אָבער ער איז געמאַכט פֿון געטריקנטע פּולווערייזירטע אייער. קיין גרינסן

זענען נישטאָ, אויסער קאַרטאָפל און דאָס איז אַ טאָג־טעגלעכער מאכל. דער לאָנדאָנער איז איינגנטלעך אין זיין לשון אַ גאַליציאַנער — ער זאָגט, צום ביישפּיל: „אַ קאַי" אָנשטאָט „אַ קעי", אָבער אין זיין עסן־שטייגער איז ער נעבעך אַ ליטוואַק: זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס א. א. וו. אָבער באַקלאָגן באַקלאָגט זיך קיינער נישט. באַלד וועט אַמעריקע געבן די גרויסע הלוואה און אַלץ וועט גוט ווערן.

:: :: ::

פרייע לאָנדאָן!

אָט איז דער באַרימטער „האַיד פּאַרק". אויף קעסטלעך און בענקלעך שטייען דרשנים און רעדן וועגן פאַרשידענע ענינים, וועגן דער ענגלישער אַרבעטער־רעגירונג, וועגן רוסלאַנד, וועגן יידן, וועגן אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וועגן עקאָנאָמיע, וועגן גאָט. גאָט האָט דעם קלענסטן קרייז, רוסלאַנד דעם גרעסטן.

דאָ איז דאָס וואָרט פריי. דו מעגסט דאָ רעדן וועגן און קעגן אַלעם. קיינער וועט דיך נישט אָננעמען ביים קאַרק און דיך פון בענקל אַראָפּשליידערן. מעגלעך, אַז אַ צוהערער וועט דיך אָנרופן עם־הארץ, וועסטו צוריקגעבן דעם קאָמפּלימענט און זיך פאַרטיידיקן. בכלל הערשט דאָ אַ דרך־ארץ צום רעדנער.

און אַ שורה צונגען שלייפן זיך, ווייזן אַרוים אַ באַדייטנדיקן כוח־הדיבור און פאַטאָס און אַמאָל אויך סאַטירע. ווער ווייסט, אויב דער יונגערמאַן מיטן ציגל־קאָלירטן פּנים, מיטן שטייפן ברוינעם קאָפּ האָר וועט מאָרגן אָט אַזוי זיך נישט אַריינרעדן אין „האוז אָוו קאָמאָנס". רעדנעריי, איבערהויפּט אין דעמאָקראַטישע מדינות, איז דאָך אַ שיפל, וואָס קען זיך הייבן הויך אויף כוואַליעס פון חוצפה און זעלבסט־גלויבן, אויב נאָר די אונטערלאַסט איז לייכט.

ס'איז זונטיק, און די לאָנדאָנער, קענטיק שטענדיקע באַזוכער, שטייען אין די קרייזלעך און הערן זיך צו צו די רעדנער. ס'פילט זיך אַ

נאַיוו־דירנדיקער גלויבן אין אַרגומענטאַציע אַלס אַ וועג צום אמת, אפילו אַ גלויבן אין דעם טרוקענעם האַלב־פאַרגעסענעם אַריסטאָטעלישן סילאָ־גיזם, צו וועלכן די צוהערער אַפּעלירן אָפטמאָל. אָט זוכט איינער אין דעם גאַר קליינעם קרייז דווקא אַ סילאָגיסטישן דרך צו גאָט. אויב נישט, וויל ער נישט.

איך גיי אַרום צווישן די קרייזלעך און פרעג זיך: וואָס איז דאָס? דיסקוסיע לשם דיסקוסיע, אינטעלעקטועלע פעכטונג, שפּיל צו וועלכן דער פּשוטער לאַנדאָנער מענטש רייסט זיך ווי אַן אַמעריקאַנער צו „בעיסבאָל"? צי קען דען באמת איינער דעם אַנדערן אין עפּעס איבערצייגן? צי זענען דען אונזערע געדאַנקען סילאָגיסטיש־מאַשינאַלע פּראָדוקטן? איז דען נישט ריכטיקער, אַז זיי האָבן אַ טיפערן אָפּשטאַם, אַז די גאַנצע פּסיכיק, ווי זי בילדעט זיך פון געבורט אָן, און אפשר נאָך פון פריער, מיט אַלע אירע שטורעמס און פּחדים און באַגערן, נעמט אָן אַלס אמת דאָס, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין איר סטרוקטור און אַלס שקר דאָס, וואָס פּאַסט זיך אַזוי נישט אַריין? איז דען נישט ריכטיקער, אַז מחשבה איז טאָטאַל, אונדזער גאַנצער גוף טראַכט, כל עצמותי תאמרנה, און נישט נאָר עפּעס אַ שטי־קעלע מאַרך, וואָס זאָל אַפּערירן לויטן אַריסטאָטעלישן שולחן ערוך?

און אפשר איז דער ראַציאָנאַליזם און דער גלויבן אין אַ „לכו נא ונוכחה" כאַראַקטעריסטיש פאַר די היגע מענטשן, און „האַיד פּאַרק" איז די אַנטפּלעקונג פון דער ענגלישער פאָלקס־נשמה? ס'איז וויכטיק, מיר זאָלן וועגן דעם נאָכקלערן, ווייל אפשר ליגט דאָ ערגעץ די סיבה פון דעם, וואָס ענגלאַנד איז געוואָרן די מוטער פון פּאַרלאַמענטן, און אויך פון דעם, וואָס זי פּייניקט אונדז איצט מיט די אומענדלעכע בשותפות־דיקע קאָמיסיעס? אפשר האָט זי אין זיך עטוואָס פון דעם האַמלעטישן גייסט, וואָס רעדט און זוכט און פרעגט, און שוואַכט אָפּ דעם אייגענעם ווילן צו גוטע מעשים?

דו ווערסט אָבער באַצויבערט פון דער ערנסטקייט און פאַראינטער־רעסירטקייט אין סאָציאַלע און וועלט־פראַגן. עס דערמאָנט אַביסל אָן די נריכישע ראַציאָנאַליסטישע דיסקוסיעס אונטערן פרייען הימל און די ניסנדיקע זון שיינט וואַרעם אויף די פּשוטע פרייע מענטשן־קינדער.

:: :: ::

און — אָרים ײדיש לאָנדאָן!

דאָס ענגלישע ײדנטום האָט קײנמאָל נישט אַרױסגעגעבן קײן ערשט־ראַנגיקע קולטור־זשעניען, און דאָס ײדישע פעלד האָט דאָ קײנמאָל נישט געגרױשט מיט הױכע דעמבעס און מיט פרוכט. דאָך איז דאָ געװען די צײט־װײליקע הײם פון אחד העם, און יוסף חיים ברענער האָט דאָ אַרױסגע־געבן דעם „המעורר" מיטן לירישן איבערשריפט: „איך בין געקומען דיך אױפװעקן... פרעג: װו איז דער װעג, װו?" און אין דער ענגלישער שפּראַך איז דאָ געװען דער כולו־ײדישער זאַנגװיל.

איצט איז דאָס פעלד טרוקן און װיסט.

דאָס ענגליש־שרײבנדיקע ײדנטום האָט דעם כוח־היצירה אָנגעװאָרן. גראַד װערט דאָ געטאָן אַ גרױסע אַרבעט, װאָס האָט זיך אָנגעהױבן אונ־טער דער השפעה פון דעם פאַרשטאָרבענעם „טשיף־ראַבי" ד"ר הערץ. אָבער דאָס איז אָן אָסיענדיקע אַרבעט. מען נעמט אַרײן די זאַנגען, דעם תּלמוד, דעם מדרש, דעם זהר, אין אַ שײנעם ענגלישן שײער. אַ סך כוחות װערן אין דער זײער װיכטיקער אַרבעט אינװעסטירט, אָבער צו קײן יצירה קומט דאָס נישט. מען זאַמלט דעם הײליקן עבר, אָבער אַ הײליקן עתיד שאַפט מען נישט. ס׳איז אָן איבערניצעװען פאַר פאַרפרעמדטע, נישט קײן זױמען פאַר אונדזערע אײגענע פעלדער.

װאָרום תּרגום, האָט מיר אַמאָל יוחנן טװערסקי געשריבן, באַטרעפט פונקט װי דאָס װאָרט „תּרדמה". ס׳איז אַ ריכטיקע גימטריא. ס׳פאַרשלע־פערט נישט נאָר דעם מחבר, נאָר אױך דעם לײענער. עס גיט אים אַ צו לײכטן געפיל פון באַפרידיקונג און זעטיקונג. עס איז דעם קיצורים אַ קרוב. עס זאָגט: אָט האָסטו אַלעס, דעם תּלמוד, דעם עין־יעקב, אַלע שבע חכמות. דו ביסט שױן אַ למדן. ס׳איז אָבער פאַלשע למדנות און ס׳שפּינט נישט דעם גײסטיקן פאָדים פון אַ פאָלק.

װאָלט דער „אחד תּרגום" באַגלײט געװען מיט „שנים מקרא", װאָלטן מיר זיך געקענט פרײען מיטן לאָנדאָנער ײדנטום. איז אָבער דאָס פעלד פון דער אָריגינעלער קולטור זײער פאַרנאַכלעסיקט. עס קלאָגט דאָ אַ װיס־טעניש.

ס׳איז דאָ אַ קלײנע צאָל העברעאישע שרײבער, װאָס גרופּירן זיך

ארום דעם זאַמלבוך „מצודה", וועמענס רעדאַקטאָר איז דער חשובער יידישער דענקער ד"ר ש. ראַבידוביץ. איז עס אָבער אַ קליינע כוחות־שוואַכע גרופּע, וואָס ווייזט נישט אַרויס קיין אַגרעסיווקייט, קיין סך מוטיקייט און קרעפטיקייט. ס'איז דאָ אַ קליינע צאָל יידישע שרייבער, אייניקע פון זיי אמת טאַלענטירטע און אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן, אָבער פאַראייניקט זענען זיי נישט אויף קולטורעלער אַרבייט, שאַפן זיי קיין סביבה נישט, און קיין לופט צו אָטעמען איז נישטאָ. אַלץ וואָס ווערט געטאָן איז אָרים און יאושדיק.

עס שאַפט אַן איינדרוק, ווי זיי אַלע וואָלטן זיך אַרויסגעריסן פון קאָנטינענט איינגנטלעך צו פאָרן קיין אַמעריקע, נאָר על פּי צופאַל זענען זיי געבליבן שטעקן אין לאָנדאָן. זענען זיי אונטעוועגנס, און ווער האָט עס חשק צו בויען אינסטיטוציעס, צו שאַפן באַוועגונגען אונטערוועגנס?

און דער גרעסטער חסרון אין דעם לאָנדאָנער יידנטום, די גרויסע שולד, וואָלט איך זאָגן, איז, וואָס עס איז קיין חינוך הבנים נישטאָ. עס זענען דאָ אַלטמאָדישע חדרים און אַסימילירטע און אַסימילירנדיקע זונטיק־שולן, אָבער נישטאָ קיין איין העברעאישע שולע, וועלכע זאָל באַגייסטערן דעם יונגן דור מיט יידישן תוכן, מיט יידישע אידעאַלן, מיט יידישן ווייטיק און מאַכן פון אים אַ רינג און אַ קייט און פאַרזיכערן מיט אים אונדזער קיום. עס קומט אויס, ווי דער אַלטער דור איז מוכן ומזומן אָפּצושטאַרבן און קיין יורשים נישט לאָזן.

ס'וואָלט באַדאַרפט קומען אהער אַ חלוצישע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל נעמען אויף די אַקסלען דעם גאַנצן יאָך און אויפרודערן דאָס לאָנדאָנער יידנטום און אָרגאַניזירן עס צו דערציערישער אַרבעט. דער מאַטעריאַל איז דאָ און עס וואַרט אויף דעם קנעטער.

און ווי אומעטום איז עס אַ כשופדיקער ראָד. וויל מען דערציען די קינדער און מען פאַרנאַכלעסיקט די עלטערן, אָדער מען גיט זיך אָפּ מיט די דערוואַקסענע און מען פאַרגעסט די יינגערע — שרייבט מען אויף זאַמד. מען מוז מיטאַמאָל אויף אַלע פראָנטן אַטאַקירן, אַרבעטן אויף אַלע צייט־שיכטן פון אונדזער יידישן דור און אויף אַלע שטחים פון קולטור:

דערציאונג, באוועגונג און ליטעראטור. נאר דאן קען א סביבה געשאפן ווערן מיט יידישער לופט, נאר דאן קען מזל־ברכה זיין.

צו פיל ישובים האבן מיר פארלוירן, מיר זאלן זיך קענען פארגינען דעם לוקסוס אפילו איין ישוב צו פארנאכלעסיקן, און אוודאי נישט אזא קיבוץ פון צוויי הונדערט פופציק טויזנט יידן ווי לאנדאן.

קאפיטל דריי

אויף דייטשער ערד

א וואך צייט געווען אין לאנדאן, מיט מענטשן זיך באקענט, פריינט זיך געמאכט — א נישט־באפרידיקנדיקע, נישט־זעטיקנדיקע, בלויז אן אפעטיט־רייצנדיקע, פריינטשאפט. דא און דארט האט זיך אן אינטימקייט אנגעקניפט. ס'וואלט זיך וועלן מער באקענען, מער קניפן אנבינדן, מער איינער דעם אנדערן אנרעגן. יעדער מענטש האט דאך בלויז געוויסע גע־ציילטע מענטשן, מיט וועלכע זיין נשמה קען זיך דורכרעדן.

אבער סינעמאטיש־שנעל לויפט דער וועג, און מענטשלעכע אנטפלע־קונגען ווערן באלד פארשלאסן ווי די טירן פון אן ארון קודש, און פרייד ווערט איינגעהילטע בענקעניש.

וועלן מיר זיך וויטער זען, נייע פריינט מיינע?

נאכאמאל א לופט־שיף, אבער דאס מאל — א מיליטערישע. מ'איז אויסגעזעצט פון ביידע זייטן אויף נאקעטע קאלטע מעטאלענע בענק, אויך דער דיל קילט מעטאליש די פיס. די גארטלען, מיט וועלכע מען בינדט זיך איין, זענען קלינגענדיק ווי ארעסטאנטישע קייטן.

איך קוק ארונטער דורכן פענצטער. א שיינער טאג. די ערדישע פא־נאראמע איז העל־צעשטראלט און אטעם־פארכאפנדיק. גאסן און טייכן ווערן שמאלינקע פאסן. ס'ווערט אלץ מיניאטוריש ווי א שפילצייג. שטעט־לעך אין דער פלאך שטייען ווי פיגורן אויף א שאך־ברעט. עס דוכט זיך, אז ווען יעקב אבינו האט זיין קאפ געלייגט אויף גאנץ בית־אל ווי אויף

איין שטיין, איז ער ה ו י ך געשלאָפן און דאָרט טאַקע זיינע הויכע חלומות געחלומט.

אַלץ איז פלאַך, אַלץ איז עפּעס אַן אַגרעסיוו-דעמאָנסטרירנדיקע איין-דימענסיאָנישקייט, אַזוי אַז אַפילו די בערג שאַפן בלויז אַן א י ל ו-ז י ע פון העכערקייט.

די סאָלידקייט פון דער ערד איז אויפגעלייזט. עס זעט זיך אַ ציטער-דיקייט, אַ שווימענדיקייט, אַ לאַנגזאַמע אַהער-און-אַהין באַוועגונג.

אַ סאָלדאַט זיצט אַנטקעגן מיר, מיט אַ פּיקניק-קעסטל אויף איין קני, און אַ פּאַפּירענע סערוועטקע אויף דער אַנדערער און עסט אַ סאַנדוויטש. ער עסט לאַנגזאַם, סיסטעמאַטיש, קאָנצענטרירט, פּונקט ווי דער גאַנצער קאָסמישער יש ליגט ביי אים אין פּיקניק-קעסטל. אַנדערע סאָלדאַטן צע-לייגן זיך און לייענען דעטעקטיוו-מעשיות אין ביליקע אויסגאַבן.

מיר זענען אַריבער דעם ענגלישן קאַנאַל און מיר פליען שוין איבער אייראָפּע, איבערן צוויי טויזנט-יעריקן גלות אונדזערן, וואָס מוז זיך איצט ענדיקן: יציאת אייראָפּע, יציאת מצרים. ס׳איז דאָך חוה״מ פּסח לויטן לוח. ווער ווייסט, וואָסערע מדבריות מיר וועלן נאָך דאַרפן דורכגיין, און צי וועלן מיר האָבן אַן ענן און עמוד אש אויפן וועג, צי מיר וועלן זוכה זיין צו אַ סיני, וועלכער זאָל וואַרפן אַ פלאַם און אַ זין אויף צוריק און אַ נייעם משכן אין אונדזער לעבן אויף ווייטער.

אַט איז בעלגיע. גרינע אויזערן און פאַנטאַסטישע פיגורן אויף אַ ברוינעם הינטערגרונט, איבערגעשניטן פון דיקע בייגיקע לויפנדיקע לי-ניעס, ווי געמאָלטע גאָטישע פענצטער פון אַ קאַטעדראַלע. זיי ווינקן און רופן: דרשני, פאַרשטייט אונדז. עס איז דאָך נישט דאָס געזיכט פון דער ערד, וואָס מיר זעען, ווען מיר זענען אונטן. עפּעס איז זי זיך מתגלה. איז וואָס איז דער זין פון די געמאָלעכצן און פיגורן?

און אַט צעשפּרייט זיך די ערד שטראַלנדיק-קעסטלדיק ווי אַ פּאַר-קעט-דיל. יעדער קעסטל — דריי ברעטלעך זאַמדיק-העל און דריי ברעט-לעך גרין. אַט אַזוי מיילן אויף מיילן אָן אַ שום שינוי, אָן אַ בראָך, אויסער די ווייסע בייגיקע לויפנדיקע ליניעס.

ס׳איז אַ געאָמעטרישע רעגלמעסיקייט. ס׳איז אַ טיפער אַבסטראַק-

טער שטראַלנדיקער פּרצוף, דאָס אינערלעכע פּנים פון דער מוטער ערד.

דער סאָלדאַט קענגאיבער מיר האָט שוין געענדיקט דאָס עסן. ער שטייט אויף און ווייזט אונדז: די זיגפריד־ליניע!

איך גראָב איין מיין בליק. איך וויל עטוואָס דערזען אין דער דייטשער ערד, וואָס זאָל אַנטפּלעקן אָדער מרמז זיין אויף די מוח־ליניעס פון דעם פאָלק, וואָס איז שוין אַזוי פיל יאָרן סאַדיסטיש־קראַנק און דערגייט אונדז דאָס לעבן. עס מוז דאָך זיין עפּעס אַ שייכות צווישן ערד און פאָלק, ברוסט און קינד.

דער „פּאַרקעט־דיל" ציט זיך נאָך אַלץ. עס דוכט זיך, אַז די רעגל־מעסיקייט ווערט אַביסל פּגימהדיק, די שורות — נערוועאישער, די קעסטלעך — ענגער, אַסטמאַטיש, פּונקט ווי זיי וואָלטן וועלן זיך צעהוסטן.

איך ווער פאַרצווייפלט פון זוכן. כ'וויל פאַרשטיין און ס'איז נישט קלאָר און נישט זיכער.

די שיף לאָזט זיך אַראָפּ. איך בינד זיך איין מיט די אייזערנע קייטן, אָט אַזוי ווי די יידן אין היטלער־לאַנד.

מיר שטייגן אַרויס אין אונדזער ערשטער דייטשישער שטאָט, פראַנקפורט. מיר דערזעען די רואינען, וואָס די ווילע אַמעריקאַנער באָמבעס האָבן געמאַכט.

ס'איז אָבער נישטאָ קיין צייט שהחיינו צו מאַכן.

מיר איילן זיך צו נעמען דעם נאַכט־צוג קיין מינכען, אַרום וועלכער די יידישע לאַגערן זענען קאָנצענטרירט.

קאַפּיטל פיר

מינכען

20סטער אַפּריל.

ווייי צו דיר, מינכען, מוטער פון דעם שלעכטס, וואָס האָט די גאַנצע וועלט אין פלאַמען געצונדן, און מיין פאָלק ווי קעלבער געשאָכטן.

א קלאָג צו דיר, מינכען, וואָס האָט דעם שד אויף די קני געצערטלט.

זע, דו ביסט חרוב ונחרב, און קיינער וויל אויף דיין חורבן קיין איכה נישט זאָגן, קיין טרער נישט פאַרלירן.

כ'גיי אויף דיינע רואינען און עס שוועבט אויף זיי אַלטקייט, באַיאָרנטקייט.

פאַרוואָס זענען אַלע חורבות אַלט און יעדער בנין נײַ?

ס'דוכט זיך, אַז לכתחילה אפילו, ווען דו ביסט גאַנץ געווען, ביסטו אויך אין תוך געווען — חורבה. איז געקומען דאָס ביסעלע גערעכטיקייט און האָט דיין תוך פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט.

רואינען און רואינען. כמעט די גאַנצע שטאָט איז הויפנס מיט שטיינער, שטויב און דרויב.

דיין הויפּט באַן־הויף — א וויסטער סקעלעט, אַזוי אַז די אינערלעכקייט איז געוואָרן דרויסן, און די דרויסנדיקייט פליסט אריין דורכן דאַך און דורך די ווענט. מען דאַרף אַ כוח הדמיון זיך פאָרצושטעלן די פאַרשידענע זאַלן.

דיינע לייבן־סטאַטוען — זייערע שטאָלצע פאַררויסענע נעזער אָפּגעריסן.

דיינע גאַסן זענען אָפּגערייניקט, דאָך גיסט זיך אַלץ דער חורבן פון ביידע זייטן און פאַרדעקט דיינע טראָטואַרן.

דיינע הייזער זענען אויסגעהוילט און אויסגעדרילעוועט און אָנגעפילט מיט ליים און שטיינער און צעדרייטע פאַרזשאַווערטע אייזן־שטאַנגען ביז דעם פערטן שטאָק. זע, פון אויבן שטייט א הונט און נאַרעט מיט פיסק און פיס.

ער האָט א ביין פון א מת ערגעץ אונטן דערשמעקט.

דו ביסט א בית־עולם, מינכען, און די שטייענדיקע ווענט זענען מצבות אויף דיין פרעכקייט, אויף דיין מאָראַלישער פאַרשטאָפּטקייט, אויף דיין טייוולאַנישער שלעכטסקייט.

אַך, מיט וואָס פאַר א פרייד זענען די זין ממרחקים געקומען און זייער מלאכה בשלימות געטאָן.

זײ האָבן זײער נקמה גלײך־װערטיקאַל געװאָרפֿן און האָבן מױערן װי באַק־צײנער אַרױסגעריסן.

זײ האָבן זי דיאַגאָנאַל געשלײדערט און האָבן די לײדיקע װענט זיגזאַגישע טרעפּ געמאַכט.

און דײנע פּענצטער זענען נישט װי אין לאָנדאָן מיט ברעטער פֿאַר־בעלמעט — חושכדיק־שװאַרץ שטײען זײ װי די זעקס מיליאָן פֿאַר אױגן אונדזערע, װעמענס לעבנס־ליכט דו האָסט אױסגעלאָשן.

הײזער אָן אינערלעכע װענט װי פּוסטע פּעסטונגען, און הײזער אָן אױסערלעכע װענט מיט די פֿיר־שטאָקיקע סטעליעס הענגענדיק האַלב אַרונטער אײנע אױף די אַנדערע װי שטױביקע טעפּיכער.

ליגסטו איצט, מינכען, דורך און דורך אָפֿן, פּרעך־אָפֿן, װי אַן אַלטע נאַקעטע זונה, און צװישן דײנע בײנערדיקע אױסגעקרימטע פּיס שטײען ברױנע שעפּסעלעך שטיל און בעז־בײמער שמעקן.

פֿאַרװאָס איז דיר דײן שײן לאַנד נישט גענוג געװען, װאָס דו האָסט געמוזט אַנדערע לענדער פֿאַריאָכן?

פֿאַרװאָס איז דיר דײן ערד נישט גענוג פֿעט געװען, װאָס דו האָסט געמוזט עס באַרעגענען מיט מײן פֿאָלקס בלוט?

זע איצט דײנע צען־יעריקע ײנגלעך און מײדלעך װי זײ לױפֿן צו, װען זײ זעען אַ מענטשן רױכערן אַ סיגאַרעטל, און שטײען און קוקן אױף אים מיט הונגעריקע בליקן װי קרעציקע קעץ און װאַרטן, ביז ער װעט דאָס עקל אַװעקװאַרפֿן. זע װי זײ לערנען זיך מיט די שפּיץ־נעגל דאָס ברעקל סיגאַרעט האַלטן און עס אױסרױכערן.

זע װי דײנע הערן באַלאַגערן װי אַרעסטאַנטן דאָס מיט אײַזן־גע־רעשעטע פּענצטערל און שפּרינגען אױף פֿון פֿרײד, װען זײערע נעמען װערן אױסגערופֿן, אַז זײ זאָלן אָנטרײבן אונדזער אױטאָ אַ שעה צי צװײ פֿאַר אַ שטיקעלע שאָקאָלאַד אָדער זײף.

האָט זיך שױן אױסגעלאָזט דאָס גאַנצע זײף, װאָס דו האָסט פֿון ײדישע בײנער געמאַכט?

װײ צו דיר, מינכען, װאָס דו האָסט מײנע קװאַלן פֿון רחמים פֿאַר־שטאָפּט, אַזױ אַז װען איך זע אַ קלײן דײטש מײדעלע גײן אין שולע מיט

א ראנץ אויפן רוקן, א נייע תורה צו לערנען און מיטן גאנצן הארץ וואלט איך וועלן זי בענטשן, דערמאַן איך זיך אָבער אין די הונדערטער-טויזנטער יידישע קינדער, וועלכע דו האָסט מיט שטשירענדיקע חיהשע ציינער צע־ריסן און שטיקער פון זייער בלוטנדיק פלייש אין פייער געוואָרפן, און מיין ברכה צו דעם קינד ווערט אין א ביטערער קללה פאַרוואַנדלט.

ווי צו דיר, מינכען, ווינד צו דיר, מינכען.

זאָל קומען איין גוטער ווינט און זאָל א שליידער טאָן אַלע מיט ניסים הענגענדיקע ווענטלעך און מאַכן פון דיר איין הויפן שטויב — א קרעציקע געדעכעניש לעולם ועד פאַר מענטשן פון שלעכטס.

קאַפּיטל פינף

גאַרמיש

21סטער אפריל.

גאַרמיש איז אונדזער ערשטער עפנטלעכער קאָנטאַקט מיטן שארית הפליטה, ווי זיי רופן זיך דאָ אָן, און נישט אָן שטאָלץ, אָדער — ווי ד"ר זלמן גרינבערג, דער פאָרזיצער פונעם "צענטראַל־קאָמיטעט, פון די באַ־פרייטע יידן אין בייערן" שלאָגט פאָר — „שארית החורבן".

א שטיל שטעטעלע — גאַרמיש, ביי די פיס פון די שניי־באַדעקטע טיראָלישע בערג.

ס'איז נישט קיין לאַגער, נישט קיין אָפּגעזונדערטער פלאַץ פאַר יידי־שע פליטים, פאַר אויסגעוואָרצלטע, פאַרהיימלאָזטע יידן, נאָר א געמיינ־דע, וווּ עס וווינען ארום דריי הונדערט און פופציק יידן צוזאַמען מיט די דייטשן.

אין לאַגערן שטעלט די אונררא צו די לעבנסמיטלען, בעת אין געמיינ־דעס ווערן די יידן געשפייזט, ווי די דייטשן, דורך לעבנסמיטל־קאַרטן, נאָר מיט א קליינעם צוגאָב.

ד"ר גרינבערג, וועמען מיר האָבן ביז אהער נאָך אַלץ נישט באַגעגנט,

האָט אונדז איינגעלאַדן אהער, פאַרברענגען אין דעם דאָזיקן דייטשישן דאַטשע-שטעטל דעם אחרון של פּסח.

ס'איז אַ וואַרימער, כאָטש אַביסל וואָלקנדיקער פאַרנאַכט. בייערישע גויים שפּאַצירן אַרום. אַ פּויער אין אַ גרינעם הוט מיט אַ לאַנג געפאַרבטער פעדער טרייבט אַן אָקס מיט לאַנגע הערנער. די בערג וויקלען זיך אין גרוי.

רוּאיק־שטיל אַרום און אַרום, פּונקט ווי עס איז גאָרנישט געשען. גויים קענען לייכט פאַרגעסן. געוועזן אַ שטורעם. איז וואָס? ערד בלייבט ערד.

מיר קומען אַריין אין בית-הרב. ס'איז אַ צווייטער שטאָק מיט עטלעכע צימערן. פריער האָט דאָ געוווינט אַ נאַצי. האָט אים די רעגירונג אַריינגעזעצט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. און די וווינונג האָט דער צע. קאַ., ס'הייסט דער יידישער צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס איז אין מינכען, פאַר דעם רב באַקומען.

נאַצי-בילדער, נאַצי־מעבל, און אויף אַ נאַצי־קאָמאָד ליגט זיך יום־טובדיק אַ רויטלעך האַלב־אָפן טלית-זעקל און אַ גמרא פּסחים.

ס'קומען אַריין יידן פון די נאָענטע לאַגערן, עסן פּסח ביים רב. מען צינדט אָן די עלעקטריק. די בערג אין די פענצטער ווערן אַ שוואַרצע וואַנט אונטער אַ בלויען הימל.

דער רב, ל. בורנשטיין, אַ ליבלעך־ראָזיק פּנים מיט אַ רונד געשוירענער גרויער באָרד, קומט אַריין. איז דאָ אַ פּרי, און אפשר פּלוצלינג גרוי געוואָרענע יונגקייט, אָדער גאָר אַ יוגנטלעכע אַלטקייט?

מיר זעצן זיך אַלע ביי אַ לאַנגן טיש און דער רב מאַכט שטיל קידוש. ווען ער קומט צום כי בנו בחרת, גיט זיין שטים אַ ציטער.

סודעט מיר איינער אין אויער אַריין, אַז דער רב האָט זיין פרוי און פינף קינדער אין די נאַצישע אוויונס פאַרלוירן. כ'האָב אויפגעציטערט, אַריינגעקוקט אין דעם רבס געזיכט. ער האָט צו מיר ליבלעך געשמייכלט.

ווו נעמט ער, האָב איך זיך געפרעגט, אַזאַ כוח? ווו נעמען עס אַלע יידן דאָ — יעדער איינער אַן איינציק געבליבענער — דעם כוח צו שמייכ־

לען, צו רעדן, אריינצופּאַקן נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג אין זייער לעבנס־רענצל?

איז דאָס דער גרויזאַמער, נישט־פּרעגנדיקער, ביאַלאַגישער אימפּעט?

איז דאָס די עקשנותדיקע יידישע פּסיכיק?

איז עס גוט אַזוי, צי נישט?

יאָ, אַוודאי, גוט. מען דאַרף באַגריסן מיט פרייד יעדן שמייכל אויף די פּנימער פון די ווייניקע, אויפגעשטאַנענע פון דעם גרויסן מתים-באַרג. און דאָך טייעט אין האַרץ אַ נישט צופרידענע פאַרוווּנדערטקייט: ווער וויסט? אפשר הייבן זיי אויך אָן צו פאַרגעסן. און דאָס איז דאָך אַ חילול הקדושים?

מיר עסן שטיל, שטייף. אַביסל דריקט אויפן האַרצן דער יתומדיקער יום־טוב. און אַביסל זענען מיר נאָך פרעמדע געסט, פאַר וועמען עס שרעקט זיך נאָך דער פרייער משפּחהדיקער אויסדרוק.

געענדיקט דעם לחם עוני, גייען מיר צו אַדרעסירן אַ פאַרזאַמלונג, ווו מען זאָגט אונדז, אַז אַלע יידן פון גאַרמיש, אַ עטלעכע הונדערט, וואָס זענען אייגנטלעך אָט ערשט געוווּיר געוואָרן פון אונדזער קומען, וואַרטן שוין.

און אָט זיץ איך שוין אויף דער בימה, פּנים אל פּנים מיט די ער־שטע פון די, צו וועמען מיר זענען געפלויגן טויזנטער מייל, כדי צו ברענ־גען זיי אַ האַרציק וואָרט פון ברודערשאַפט און שטאַרקונג. כ'פאַרקוק זיך אין דער מיט מענטשן אָנגעפּאַקטער שול, אויף דער אָרימקייט פון די מענטשן, אויף די משונהדיקע בגדים, די היטלען און די העמדער — וואָס דען האָסטו דערוואַרט: פּרעכטיקע אַנצוגן? — נו, יאָ, אָבער איך גיב אַ טראַכט, אַז אַפילו דאָס ביסל אָרימקייט איז נישט אייגנס, נאָר ערגעץ ווו צוזאַמענגעקליבן און געשענקט, דעגראַדירנדיק די מענטשן צו דער מדרגה פון בעטלער, ליידיקגייער, און קצבה־־נעמער. און איך דערזע פּני־מער ווי אויסגעוואַשן און אויסגעטאָן פון וועלכן עס איז אויסדרוק, אַזוי ווי ס'איז שוין נאָך אַלעמען, און אויך פּנימער קאָנצענטרירטע, פאַרהאַר־טעוועטע, פאַרעקשנטע. און פּלוצים — אָן אויפלייזונג! און איך דערזע זיי אַ יאָר, צוויי יאָר צוריק, אַ קנעכטן־מאַרש, אַ טויטן־מאַרש איבער אַלע גאַסן פון אייראָפּע.

אַ גרופּע יידן אין א דייטשן קאָנצענטראַציע־לאגער גלייך נאָך
דער „באפרייאונג"

אין מײן פאַרקוקטקײט האָב איך נישט געקענט טראַכטן, װעגן װאָס איך זאָל רעדן, נאָר װען איך האָב מײן נאָמען דערהערט פונעם מויל פון דעם פאָרזיצער, האָט אַ קול אין מיר געזאָגט: של נעליך מעל רגליך... כי אדמת קודש הוא, און איך האָב גערעדט װעגן דער הײליקײט פון צער.

װי צערטלדיק און לאַשטשענדיק זײ האָבן אונדז נאָכדעם ארומגע־רינגלט! זײ האָבן אונדז פאַרבעטן צום קיבוץ אין מיטן װאַלד, װאָס איז דאָ נישט װײט. זײ האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף קרובים און פרײנד, װאָס אַלץ װאָס זײ האָבן געװוּסט װעגן זײ איז, אַז זײ װױנען ערגעץ װו אין אַמעריקע. זײ האָבן געװאָלט װיסן, װען די סערטיפיקאַטן פון ארץ — אַט אַזױ אינטים־ליבלעך רופן זײ דאָ אין ארץ ישראל — װעלן אָנהײבן אָנצוקומען. יעדעס האַרץ איז אַ זוכעניש און אַ בענקעניש צו אַ קרוב אָדער אַ פרײנד, אַ ציטערדיק באַגער צו באַהעפטונג, צו אַ מינדעסטן אויסדרוק פון גוטסקײט און ליבשאַפט — אַ יתומדיקער הונגער צו אַביסל װאַרעמקײט פון ברודער־מענטש.

אַט אַזױ האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר די ערשטע גרופּע פון דער שארית הפליטה — פּשוט, פאָלקסטימלעך, און רירנד צערטלדיק.

כ׳גײ צוריק צו דעם הויז, װו אונטער דעם רבס דירה, אויפן ערשטן שטאָק, האָט מען בײ אַ דײטשער פאַמיליע באַשטעלט פאַר מיר אַ שלאָף־צימער. דײטשע סענטימענטאַלע גרעטכען־בילדער, דײטשע אויסגעצװאָ־גענע רײנלעכקײט, װאָס עקלט. אַ דײטשע רונדע פּערינע אויף מײן גע־לעגער.

און פון װאַנען די דײטשע פּערינע? פון װאָס פאַר אַ ייִדישע קישנס, װאָס די קעפּ װעלכע זענען געלעגן אויף זײ זענען מער נישטאָ, איז אָנ־געשטאָפּט אָט די דײטשע פּעטע פּערינע, װאָס דעקט מיך צו?

מײן געלעגער און מײן צודעק, אין דער ערשטער נאַכט בײ דער שארית הפליטה, זענען געװען דערנער, שטעכעדיקע דערנער...

אויף מאָרגן זענען מיר װײטער געזעסן אין בית הרב בײ אַ גלאָז טײ. עס זענען זיך ביסלעך צוזאַמענגעקומען די ייִדן, װאָס זענען נעכטן געװען בײם עסן. דער רב איז נאָך געװען אין שול צו הזכרת נשמות.

נאָך װען איך בין געװען אין אָסװעגאָ, װו אַמעריקע האָט געהאַלטן טויזנט ייִדישע פּליטים אין אַ לאַגער, האָב איך באַמערקט װי די

מענטשן זענען גרייט דיר אנטקעגן צו קומען מיט די געשיכטעס פון זייער לײדן, און ווי דו טוסט זיי א חסד — און זיך אליין אוודאי — ווען דו הערסט זיך צו צו זיי. עס טראָגט נישט קיין כאַראַקטער פונעם שטאָלצן פיין פון אני הגבר. ס׳איז אויך נישט קיין מאזאָכיסטישער, אָדער איובּדיקער ווילן צו קראַצן דאָס אייגענע לײב מיט זכרון־שערבלעך. וואָרום וועגן נישט קיין פאַרהײלטע ווונדן ווי דער אומקום פון טאַטע־מאַמע, פרוי און קינד, רעדן זיי זעלטן, און נאָר א פּאָר ווערטער און מיט א טרער. עס איז גיכער די איבערגעקומענע יסורים, וועגן וועלכע זיי רעדן באריכות, כדי צו וועקן אַביסעלע אינטערעסיווקייט אין זייער לעבנס־באַוווסטזיין. דער געדאַנק פון איבערקום קנייפּט די באַקן פון זייער לײדיקן, גרויען, מאָנאָטאָניקן הײנט, ביז עס שטעלט זיך די פאַרב. עס נעמט אויך אָן א כאַראַקטער פון א מין רעליגיעזער עבודה, אזוי ווי די ספורי מעשיות צווישן חסידים. שטיל, שטיל הייבט איינער אָן, און ווען ער ענדיקט, הייבט אָן אַן אַנדערער.

די טיי־גלעזער זענען געשטאַנען לײדיקע. ווען איינער האָט גערעדט, האָבן אַנדערע זייערע קעפּ פאַרוואָרפן אָדער גלייך פאַר זיך געקוקט.

— מיין זונעלע איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי א ליטווישער פאַמיליע. נאָך דער מלחמה בין איך צו דער פאַמיליע געקומען, דערזען מיין קינד, און ווי פינצטער איז מיר געווען די ערשטע מינוטן, ווען מיין קינד איז געשטאַנען פאַר מיר קאַלט און פרעמד. כ׳האָב אים גערופן, די האַנט אויסגעשטרעקט, און ער — נישט א ריר. כ׳האָב אים אין פאַרצווייפלונג געדריקט צו מיר, ביז איך האָב בּיסלעכווייז דערוואַרעמט און דערוועקט אין אים דאָס קינד־געפיל. ער האָט געקוקט אין מיינע אויגן און געזאָגט: ס׳איז גוט וואָס אויך איך האָב א טאַטן. און איצט איז ער אוועק מיט דער לעצטער קינדער־עליה קיין ארץ ישראל.

— איך האָב מיין זון איז א זאַק ווי קאַרטאָפל געטראָגן, צו א גויאישער פאַמיליע. און ער איז דעם גאַנצן וועג אָן שום באַוועגונג, ווי א טויטער געלעגן אין זאַק.

— און איך, דערציילט א פרוי, האָב מיין מיידעלע אין א באַרג וועש באַהאַלטן. דער נאַצי האָט אין די וועש געשטאָכן צו זען, אויב עמיצער באַהאַלט זיך נישט דאָרטן, און אַז ער האָט קיין קול נישט געהערט, איז

ער אוועק. דאן האב איך דערזען די וועש פלעקנדיק זיך מיט בלוט. כ׳האב ארויסגענומען דאס קינד. איר פוס איז געווען דורכגעשטאכן, אבער קיין פיפס האט זי נישט געטאן. אט אזוי, ווי דערשראקענע, טרענירטע חיהלעך זענען די קינדער געווען אין דער שעה פון נסיון.

קינדער־ליידן און קינדער־גבורה. און דאן האט אן אנדערע פרוי אנ־געהויבן.

— מיר זענען געווען פינף הונדערט פרויען אויף א שיף, וועמען די נאַציס האבן געפירט אויפן באלטישן ים. וווהין האבן מיר נישט גע־וווסט. קראנקע, אינגאנצן נאקעטע פרויען, אן עסן, אן וואסער. די גאר קראנקע האט מען געלייגט אויפן דעק, און יעדן טאג איז דער קאפיטאן דורכגעגאנגען מיט א שטעקן און זיי אין ים געשליידערט, ביז עס זענען געבליבן צוויי הונדערט. אויפן צענטן טאג האבן די רוסן אונדז באמבאר־דירט און די שיף האט ווי עס איז זיך צוגעשלעפט צום האפן פון קיל, ווו א געוויסער גראף איז ארויפגעקומען און געפאדערט אויף זיין אייד־גענער אחריות — ער האט געזען, אז דער קריג האלט שוין ביי דער ענדע — אז מען זאל אונדז אראפלאזן. מען האט אונדז אריינגעפירט אין א לאגער, מען האט אונדז אנגעטאן און געגעבן עסן. פון דער אנדערער זייט לאגער האבן מיר פלוצים געפאנגענע האלענדישע מענער דערזען. איינע פון אונדז האט זיך היסטעריש צעשריען: מאנסבילן!

די דערציילערין האט ביטער א שמייכל געטאן: שוין פינף יאר גע־ווען, וואס מיר האבן קיין מאן נישט געזען, אויסער די ווילדע חיות! און איך האב מיט שוידער געטראכט וועגן די ליידן פון די פינף הונדערט פרויען, זייער טיפסטער הונגער, זייערע פארשוועכטע און פארטעמפטע צניעותדיקע גלידער, און איך האב דערזען נאך א טיפערע הייל אין די יסורים פון מענטשלעכע נשמות. די פרוי האט ווייטער דערציילט.

— אין עטלעכע טעג ארום זענען מיר באפרייט געווארן. איין פרוי איז אוועק צופוס זוכן איר מאן אין דאכאו. אין יעדן פונקט, ווו זי איז געקומען, האט זי געהערט נאר וועגן מענער, וואס זוכן זייערע פרויען, און פרויען וואס זוכן זייערע מענער, און אזוי האט זי פיל מענטשן צו־זאמענגעבראכט, פילע צעריסענע פאמיליעס גאנץ געמאכט.

זי אליין האט איר מאן געפונען אין מינכען.

דער רב איז אריינגעקומען, מען האָט זיך געזעצט עסן. מ'האָט גע־מאַכט לחיים און איינער דעם אַנדערן האָט געווונטשן, מען זאָל זיך אין גיכן זען אין ארץ.

מיר האָט מען געגעבן אַ שטול ביים רבס רעכטער זייט. ער האָט זיך געווענדט צו מיר:

— זאָגט מיר, וואָס איז דער מיין פון די יידישע יסורים.

— כ'פרעג אייך, רבי!

— כ'קלער שוין אַ לאַנגע צייט. זעקס מיליאָן הרוגים קענען דאָך נישט זיין קיין מקרה־זאַך.

— אַוודאי נישט, רבי.

— און אויב עס איז נישט קיין מקרה, מוז דאָך עס זיין אַ גאָט-זאַך. און אויב אַזוי, מוז מען דאָך האָבן אמונה און בטחון.

ער האָט אויף מיר אַזוי ליבלעך געקוקט, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער, דער „אָפּגעפּליקטער" און אַליין־געבליבענער, וויל גאָר מיך טרייסטן.

כ'האָב זיך פאַרשעמט און מיט ווייטיק געענטפערט:

— יאָ, רבי, אמונה!

:: :: ::

אָבער אויפן וועג צוריק אין אַן אויטאָ קיין מינכען האָבן שוואַרצע פלעקן זיך גענומען ווייזן; עפּעס זאָגט מען, אַז ס'זענען דאָ יידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן „שוואַרץ־האַנדל" און ווערן רייך און עסן מכל טוב. וווּ־זשע איז די קדושה?

און עס איז אויך דאָ אַ טעמפּער הפקרדיקער יאוש. אָט זאָגט מיר אַ יונגערמאַן:

— איך האָב מיין פרוי און מיינע דריי טעכטער ביי היטלערן פאַר־לוירן. איין טאָכטער מיינע האָט געשמט אַלס די שענסטע אין פּוילן און האָט באַקומען פּרעמיעס פאַר איר שיינקייט. איז זאָרג איך נישט פאַרן היינט און אויך נישט פאַרן מאָרגן. איך טרויער בלויז אויפן נעכטן.

די בחורים און מיידלעך פון קיבוץ מיטנוואַלד, ווו מיר האָבן זיך

אויפן וועג אפגעשטעלט — ווי מיר האבן זיי צוגעזאגט נעכטן אויף דער פארזאמלונג אין גארמיש — זארגן זיך דווקא פארן מארגן.

מיטנוואלד ליגט אין די טיראלער אלפן, ארומגערינגלט מיט וועלדער, ביי דער עסטרייכיש-שווייצארישער גרעניץ.

א הונדערט יידן וווינען דא אויף פריוואטע יסודות, ס'הייסט אן דער הילף פון אונררא אדער „דזשאינט", נאר מיט די לעבנסמיטל-קארטן ווי אין גארמיש.

זיי ווערן פארוואלטעט אין זייערע יידישע אנגעלעגנהייטן דורך א קאמיטעט פון פינף פערזאן.

ס'איז נאך אן ארימער קיבוץ, מיט נאקעטע ברעטערנע ווענט. פון וואנען לאזונגען און פערזן שרייען ארויס דעם דראנג נאך ארץ ישראל. טענהט א בחור פונעם קיבוץ, פארוואס מען גיט זיי נישט קיין פאך-לע־רער, וואס זאל זיי צוגרייטן פארן „ארץ". איז דאך שיין! איז אבער אויך דא נישט אינגאנצן ליכטיק. הויז־ארבעט ווילן זיי בשום אופן נישט טאן.

— זאלן די דייטשן וואשן ביי אונדז די דילן און קאכן פאר אונדז די מאלצייטן. דאס וועט זיין אונדזער נקמה.

יענע זענען פארטרויערט אינעם נעכטן, די זענען פארטאן מיטן מארגן. וואס זשע וועט זיין מיט דעם היינט?

און ווו איז די אדמת-קודש? צי קען דען די נשמה ווארטן אדער אפליינן?

קאפיטל זעקס

ציוניזם אויף דייטשער ערד

פיר און צוואנציקסטער אפריל.

מיר זענען היינט געווען צו גאסט אין זיבערט גאס נומער 3, מינכען, ביי דעם „מרכז ציוני של ההסתדרות הציונית האחידה של שארית הפליטה".

די הויפט־באדייטונג פון דעם לאנגן נאמען איז, אז דער ציוניזם אין דייטשלאנד איז „אחידה", פאראייניקט, און די פארשטייער ווערן אויס־

געוויילט נישט אַלס רעפּרעזענטאַנטן פון פּאַרטייען נאָר אַלס ציוניסטן.

אַט די פּאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן באַלד אין די ערשטע וואָכן נאָך דער באַפרייאונג.

עס האָט געווירקט דער ברענענדיקער זכרון פון דעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, ווו אַלע פּאַרטייאישע מחיצות זענען אַוועק אין די פלאַמען פון קידוש השם. עס האָט געווירקט די איבערלעבעניש אין די געטאָס און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו אַלע האָבן צוזאַמען גע־ליטן נישט אַלס פּאַרטיי-מענטשן, נאָר צוליב דעם נאָמען „ייד". עס האָט געווירקט די שותפותדיקע פרייד, ווען עס איז געשען דער נס פון באַ־פרייאונג. און עס האָט אויך געווירקט דער איין־און־איינציקער באַגער, וואָס האָט אַלעמען אינספּירירט, איין באַלדיקע, קיומדיקע, דורך פייער און בלוט דערקעמפטע, נויטווענדיקייט — אַן אייגן לאַנד, פּטור ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון גלות! אַלע אַנדערע אידעאָלאָגישע שטרעבונגען מוזן וואַרטן.

אויף דער פאַר־קאָנפערענץ אין לאַנדסבערג, דעם 20סטן אויגוסט 1945, איז געשאַפן געוואָרן אויך אַ חלוצישע יוגנט־באַוועגונג, וואָס רופט זיך נוחם (נוער חלוצי מאוחד), און דעם „נוחם" בליט אין אַלע לאַגערן. דער שטן פון „פּילוג" (צעטיילונג) אַרבעט אָבער מיט אַלע כוחות, און עס האָבן זיך שוין אָפּגעשפּאָלטן דער „השומר הצעיר", דער „דרור", וועלכער האָט געשפּאָלטן די פּאַראייניקטע באַוועגונג פון די קאָמבאַטאַנטן, און נאָכדעם דער „נוער ציוני", וואָס רעפּרעזענטירט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. אַנטקעגן די פּאַרלוסטן האָט אָבער דער „נוחם" געוווּנען די באַ-וועגונג „גורדוניה" און דעם פּוילישן „איחוד".

אין יעדן לאַגער איז דאָ אַ צעל (קן) פונעם „נוחם", וועלכער ווערט איינגעטיילט אין דריי שיכטן:

איין שיכט נעמט אַריין קינדער ביז זעכצן יאָר אַלט, און הייסט „ירושלים".

אַ צווייטער שיכט נעמט אַריין מיטגלידער פון זעכצן ביז אַכצן יאָר אַלט, און הייסט „בר כוכבא".

און אַ דריטער שיכט נעמט אַריין מיטגלידער פון אַכצן ביז פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, און הייסט „נגב".

און אַן אינטענסיווע אַקטיוויטעט גייט אָן אין די קיבוצים פון די שיכטן. מען לערנט פאַכן, און מען גרייט זיך קערפּערלעך און גייסטיס צו דער עליה קיין ארץ ישראל.

אָט די פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס אין איר „אני מאמין" ווערן אריינגערעכנט די עיקרים: אַ יידישע מדינה, באַזירט אויף סאָציאַליסטישע יסודות, די העברעאישע שפּראַך, עליה ביי אַלע באַדינגונגען, און פאַכלעכע און ווירטשאַפטלעכע הכשרה, איז דער פערמענט און די אָנפירונג פון דעם גאַנצן יידישן לעבן אין די לאַגערן.

און אויב די גאַנצע שארית הפליטה איז זיך נישט פונאַנדערגעפאַלן, און זיך נישט צעפּאָרן אויף פאַרשידענע פּלעצער אין דעם יידישן בית־עולם וואָס הייסט אייראָפּע, איז דאָס אַדאַנק דער נאַציאָנאַלער, מוטיקער, צוזאַמענהאַלטנדיקער השפּעה פון אָט דער „הסתדרות ציונית אחידה".

זיצן מיר דאָ ביי אַ לאַנגן טיש, און דער גאַנצער חדר איז פול. עס דרינגט אריין און צעשפּרייט זיך אַ פאַרנאַכטיקע שאָטנדיקייט, אָבער מען צינדט נישט אָן די עלעקטרישע לאָמפּן. אייניקע פּנימער שטאַרצן ארויס פון דער קאָמפּאַקטער מאַסע און האַלטן אָן מיין אויפמערקזאַמקייט.

אָט איז דאָס ברייטע פּנים מיט גרויע אויגן און שטאַרקע בולטדיקע קינבאַקן פונעם פאָרזיצער, דוד טרעגער, וועמענס חיתוך הדיבור איז שאַרף און הילכיק, פּונקט ווי ער וואָלט זיינע ווערטער אויסגעהאַמערט.

נעבן אים זיצט ד"ר זלמן גרינבערג, דער הויפּט פונעם צ. ק. (צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין בייערן) — אַ טונקל־ווייך געזיכט, אויגן אָנגעגאָסן מיט אַזוי פיל שווייגנדיקן טרויער, אַז אויך דער שמייכל אַרום די קליינע שוואַרצע אויגן איז ביטערלעך, ווי ער וואָלט געזאָגט: אַנטשולדיקט! און ר'אַנטלויפט.

אָט איז ד"ר בלומאָוויטש, הויפּט פון די פּאַרטיזאַנען, וועמענס ווייסבאַקעטער פּנים איז ווי איינגעשלאָסן אין זיך, מיט קליינע, טיפע, גרויע אויגן, ווי לעכלעך אין אַ פעסטונג.

און דאָרט איז די הויכע, פעסטע, מיט ענערגיע געקאָוועטע, פיגור פון אינזשעניער אַלייסקי, הויפּט פון קולטור־אַמט און אָנפירער פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע אין אַלע לאַגערן.

ווער בין איך, און וואָס פאַר אַ וואָרט ברענג איך צו די דאָזיקע דורכ־געגליטענע און מיט מעשים אָנגעלאָדענע מענטשן?

וואָס איז דען דאָס שענסטע וואָרט אין פאַרגלייך מיטן שטאַרקן גוטן טאַט?

ס'איז אויסגעדריקט געוואָרן גרויס צופרידנקייט מיט דעם אָנקומען פון אונדזער קולטור־דעלעגאַציע.

דער גייסטיקער מוט, האָט איינער געזאָגט, האָט אונדז געהאָלפן אי־בערטראָגן אַלע אונדזערע פּיינען. די יענע, וואָס האָבן דעם מוט נישט גע־האַט, זענען אומגעקומען. זאָל די קולטור שטאַרקן אונדזער מוט אויך אין דעם דאָזיקן איבערגאַנג־פּעריאָד.

מען מוז שטאַרקן, זאָגט אַ צווייטער, די ארץ ישראל־האָפענונג, וואָ־רום אָן איר זענען מיר אַלע פאַרלוירן.

אַ דריטער האָט געזאָגט, אַז כאָטש פיל איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן אונדזערע פיזישע ליידן, דאָס הייסט, וועגן חורבן היהודים, איז נאָך כמעט גאָר נישטאָ וועגן חורבן היהדות. אָט דעם גייסטיקן חורבן מוז מען היילן.

אַזוי האָבן זיי אויפגעפאַסט אונדזער מיסיע, און איך האָב זייער אויפפאַסונג אָנגענומען, און אָנגעיאָכט אויף זיך אַלע דריי צילן.

מוט? אוודאי.

היטלער האָט גוט פאַרשטאַנען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן קולטור און מוט, האָט ער צום אַלעם ערשטן די גייסטיקע כוחות צו דער שחיטה גע־פירט.

ס'איז אָבער אויך דאָ אַ שטילע קולטור. וואָס שרייבט נישט קיין ביכער און איז נישט באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, און איז דאָך אַ קולטור.

ווייל עס אַרבעט אויף זיך אַליין, קולטיווירט זיך זעלבסט, בינדט דעם אייגענעם תוהו ובוהו, און פאַרלירט נישט פון אויג דעם געגאַרטן. ליכטיקן האָריזאָנט.

אָט די שטילע קולטור האָט היטלער נישט געקענט פאַרניכטן, און זי האָט באַגלייט און אָפּגעהיט אַ סך יידן פון אונטערגאַנג.

דאַרף מען דעם האָריזאָנט אָפּן האַלטן, ווייל ס'איז אַ טיפער ברו-
נעם פון מוט.

ארץ ישראל? אוודאי.

ווייל דאָס איז איצט אונדזער האָריזאָנט.

„אָן ארץ ישראל זענען מיר אַלע פאַרלוירן".

און אפילו ס'זאָלן זיך הייבן אויפן וועג בערג מיט שוועריקייטן,
דאַרף מען אַלץ זאָגן:

„אני מאמין בביאת ארץ ישראל ואף על פי שתתמהמה אחכה לה
בכל יום שתבוא".

גיין. נישט וואַרטן, נאָר גיין אויף אַלע וועגן און דורכלעכערן אַלע
בערג.

נאָר אין דער לעצטער דערגרייכונג, און דאָס איז וואָס איך מיין
מיט די ווערטער „ביאת ארץ ישראל", טאָר מען דעם גלויבן נישט אָנווערן.

וואָרום אָן דעם גלויבן עפנט זיך אויף אַ פינצטערער תהום פון אונ-
טערגאַנג.

שרעק איך מיך נישט פאַרן געדאַנק, וואָס איינער האָט אויסגעדריקט,
אַז דאָס איז פּאָליטיק, און ליטעראַטור־מענטשן דאַרפן נישט זיין קיין
פּאָליטיק־מענטשן.

ס'איז מעגלעך, אַז די גאַנצע וועלט־ירידה איז דער רעזולטאַט פון
דעם, וואָס די ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעשיידט פון די לעבעדיקע לעבנס-
פראַגן, האָט זיך אָנגעטאָן זיידענע הענטשקעס, און האָט פאַרלאָזן די
ערדישע וועלט און געקלעטערט צום עולם האצילות.

ס'איז מעגלעך, אַז דער גאַנצער כאַאָס פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונ-
דערט איז דער פּועל־יוצא פון דעם, וואָס דער ליטעראַט האָט זיך אָוועק-
געשטעלט, ווי אַ בודיסטישער לאַמאַ, פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און
אָנגעהויבן צו רעדן אַ מלאכים־שפּראַך.

פאַרוואָס זאָלן די לבנה און די זיבן שטערן זיין גאָר גרויסע מחותנים
פון דער ליטעראַטור, און אַ פּאָלק, וואָס זוכט אַ וועג פון העלישע ליידן צו
רו, מוז איבערגעלאָזט ווערן צו מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין שאַ-
פונגס־ווייען און קיינמאָל די דיכטערישע אמת־זוכעניש נישט געפילט?

פּאָליטיק און ליטעראַטור?

איז דען דאָ אַ גרויס ווערק, פון ספר עמוס ביז טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום", וואָס זאָל נישט זיין אין אַ טיפן זין — פּאָליטיש?

אויפן העכסטן באַרג הערט דער גייסט אויף צו שרייבן ביכער און הייבט אָן צו קריצן לוחות.

און אין אונדזער שווערער צייט קען דען בכלל די ליטעראַטור זיך פּאַרגינען צו זיין אַזוי ראַפינירט, אַז זי זאָל איר חנעוודיק פּנימל אָוועקקערן און נישט וועלן זיך צורירן צו וויטיקדיקע פראַגן. טאָמער וועט זי חלילה איינשמירן אירע צאַרטע ווייסע פינגער און געפּאַרבטע צוגעשפּיצטע נעגל?

דעקט, הייסט עס, דער צווייטער ציל אויך דעם ערשטן.

אָבער דער דריטער ציל, היילן דעם חורבן היהדות, איז מיר נאָך נישט אַזוי קלאָר.

יאָ, כ'ווייס. ליטע און פּוילן, ווו יידישקייט האָט געקאָכט און גערוישט, זענען געוואָרן טויט-שטיל.

אָבער ווי גרויס איז דער חורבן היהדות אין דער שארית הפליטה זעלבסט?

דאָס דאַרף איך ערשט אויסגעפינען.

קאַפּיטל זיבן

אין לאַנדסבערג

25סטער אַפּריל.

מיר פאָרן צו דעם ערשטן און בארימטן יידן-לאַגער אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד — לאַנדסבערג אַם לעך.

דאָרטן, אין 1924, איז אַ שד געזעסן אין אַ פעסטונג-טורמע און האָט זיין פינצטערן „מיין קאַמף" געשריבן. און ווען ער איז מיט שנאה אָנגעפלאַמט אַרויס, זענען פאַר אים די דייטשן כורעים געפאַלן און האָבן אים פאַר זייער גאָט געמאַכט.

איז לאַנדסבערג געהייליקט געוואָרן פאַר די דייטשן — דער געבורטס-אָרט פון דער אידייע. דער אַנטפּלעקונגס-פּלאַץ פון וואָטאַן.

היינט וווינען דאָרט זעקס טויזנט יידן אין א ריין־יידישן לאַגער און לעבן א כולו־יידיש לעבן.

וואָלטן די יידן מוחל געווען דאָס ביסעלע נקמה, אבי פּטור ווערן פון דעם שטיקל ערד, וואָס אונטער זיין פלאַך ליגן טויזנטער יידישע שאַרבנס.

ביטער איז דאָ אומעטום דער האָניק פון נקמה. אַזוי ווי דער צוקער אָנגעשמירטער פּאַפּיר פאַר א ראַנגלענדיקער, מיט פיסלעך צוגעקלעפּטער, פליג.

אויפן וועג דערציילט אונדז איינער, א פּיאַניסט, אַז פיל מענטשן לויפן איצט קיין דייטשלאַנד פון פוילן, ווו מען הרגעט יידן, און פון רוסלאַנד דורך פוילן. אויך באַאמטע און מיליטערלייט לויפן פון רוס־לאַנד, כדי זיך דורכשטופּן פון דאַנעט קיין ארץ ישראל. יידן, וואָס זענען שוין איינגאַנצן געווען אַסימילירט אינעם רוסישן קאָמוניסטישן וועזן, ווילן זיך איצט אומקערן צו א יידיש נאַציאָנאַלן לעבן אין ארץ ישראל.

איך טראַכט: איצט וואָלטן מיר געקענט באמת אויפגעריכט ווערן. דער ווילן איז שוין דאָ. און די ליידן זענען גרויס. אונדזער אויסלייזונג אָבער דאַרף ערשט ביי די גויים א ברכה נעמען.

מיר קומען אריין אין דעם ביוראָ פון דעם לאָקאַלן אונררא־דירעק־טאָר. עטלעכע מיידלעך קלאַפּן אויף שרייבמאַשינקעס. א מיידל קומט צו און פרעגט אונדז ווער מיר זענען, גייט אריין אין „קדשי קדשים", קומט ארויס און הייסט אונדז וואַרטן.

מיר זעצן זיך אויף א באַנק. מיר ווערן אומגעדולדיק, און אביסעלע באַליידיקט. מיר גייען ארויס. עס באַלאַגערן אונדז א סך יידן, גיבן אונדז א וואַרעמען שלום עליכם, בעטן זיך:

— קומט מיט אונדז, מירן אייך געבן א חדר, מירן טיילן זיך מיט אייך מיט אונדזער טרוקן ברויט.

מיר זענען זיך מיישב און באַשליסן צוריק אריינגיין.

די טיר פון „קדשי קדשים" עפנט זיך. דער דירעקטאָר, א יידישער יונגערמאַן, א געוועזענער לערער ערגעץ־ווו אין א שטעטעלע ארום באָסטאָן, מיט א דין אייגעקשנט מיילעכל און קליינע שאַרף־גרויע אויגן — א פּנים פון א ביטערן מענטשן — נעמט אונדז אָפּיציעל אויף,

און מען פירט אונדז אוועק אין דעם אונרראַ־הויז אויסער דעם לאַגער.

מיר קלעטערן אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. די ווענט זענען אינגאַנצן באַדעקט און באַהאַנגען מיט הירשן־הערנער און מיט ווייסע קליינע אָפּ־געשוינדענע פּנימלעך פון חיות, — אַ ירושה פונעם פריערדיקן באַלעבאָס, אַ נאַצי.

ס׳פילט זיך גויאישקייט, אַזוי ווי פון צלמים.

נאָך דער שיינער אונרראַ-וועטשערע טוען מיר אויס אונדזערע אונ־רראַ־מונדירן, כדי צו שטיין פאַר אונדזערע ברידער אָן שום מחיצה און צונויפגיסן זיך מיט זיי אין זייערע לײדן, און מיר גייען צו צו אַ מין גרויסן ברעטערנעם אוהל, וווּ מער פון צוויי טויזנט יידן האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט.

מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ, אַרום די ווענט און צווישן די בענק, און מען הענגט פון די באַלקנס. אַרום פינף הונדערט מענטשן שטייען אין דרויסן. גרויס איז דער דורשט נאָך אַ יידיש וואָרט.

ה. לייוויק און איך רעדן און לייענען אונדזערע שריפטן, עמא שיי־ווער זינגט. אויך אייגענע מוזיקאַלישע טאַלאַנטן פון לאַנדסבערג נעמען אָן אָנטייל.

נאָכן אָוונט לאַדט אונדז דער אונרראַ־דירעקטאָר צו טיי. זאָגט מיר אַ פרומער יונגערמאַן מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ: כ׳האָב געהערט אייע־רע רייד וועגן יסורים און קדושה. און ווירקלעך, עס זענען געווען הייליקע מאָמענטן ביי אונדז אין ליטע. אַ שטייגער, ווען די תלמידים פון ישיבת תלמוד תורה מיט די ראשי הישיבה, ר׳ דניאל און ר׳ גרשום אין פאַר־אויס, האָבן אַרויסמאַרשירט צו די נאַצים מיט געהויבענע קעפּ, זינגענדיק מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו, און פוןביידע זייטן האָבן די נאַצים גע־שאָסן, און דאָס געזאַנג האָט זיך אַלץ געצויגן פון דער ישיבה אין דרויסן אַרויס און געוואָרן אַלץ שטאַרקער און מער עקשנותדיק, ביז דער לעצטער תלמיד איז אַ טויטער געלעגן. דאָס איז געווען דער יידישער שטאָלץ, די יידישע ווירדע, דער יידישער קידוש השם. פאַרוואָס איז אַזוי ווייניק קדושה דאָ ביי אונדז איצט?

און דעת אונרראַ־דירעקטאָר זעצט זיך אַוועק מיט מיר ביי אַן אַנדער טישל און טענהט איין מיט מיר: צו די יידן דאָ אין די לאַגערן דאַרף

מען נישט ארויסווייזן קיין סימפּאַטיע. מען דאַרף זיי נישט דערמאָ־נען די שרעקלעכע נעכטנס. זיי מוזן דאָס פאַרגעסן און צופּאַסן זיך צו זייערע איצטיקע אויפגאַבעס.

אַזוי האָט ער גערעדט, שפּיזלענדיק מיך מיט זיינע קליינע שאַרף־גרויע אויגן. און איך האָב געטראַכט: היתכן, אַז ער איז גערעכט. צו אַזאַ מיסיע אָבער פון פאַרגעסן און זיך צופּאַסן בין איך נישט צוגעפּאַסט. כ׳האָב געוואָלט זיך אויפהייבן. ער האָט ווייטער געזאָגט:

„זיי ווילן נישט אַרבעטן, וואָרום זעקס יאָר איז ביי זיי אַרבעט גע־ווען פאַרבונדן מיט קנעכטשאַפט. זיי מוזן אויסגעפינען, אַז אַרבעט מיינט פרייהייט.״

עס האָט מיך פאַראינטערעסירט. דאַכט זיך, אַ ריכטיקער דיאַגנאָז. איך האָב זיך דערמאָנט אין קיבוץ מיטנוואַלד.

„ווי אַזוי האָבן זיך ד י געראַטעוועט, בעת אַנדערע זענען אומ־געקומען? דורך ביטרעקייט, קאַלטער קאַלקולאַציע, און נישט רעכענען זיך צופיל מיט מאָראַלישקייט. געוויס, ס׳איז געווען אַ לעבנס-נויטווענדיקייט. אָבער ביי פילע פון זיי איז דאָס געוואָרן אַ לעבנס־וועג. דערפאַר דער שוואַרץ־האַנדל.״

אין מיר האָט דאָס האַרץ געשריען: ניין, ס׳איז נישט אמת. האָט דען נישט מיר אַן אַנדערער געזאָגט, אַז דער גייסטיקער מוט האָט זיי געהאָלפן איבערצוקומען?

און אַ וואָרעם האָט געפרעסן אין מאַרך: מעגלעך, אַז דער דירעקטאָר איז דאָך גערעכט.

כ׳בין געגאַנגען שלאָפן אין מיין ווייכער אונרראַ־בעט, און נאָכאַמאָל געזען פאַר זיך דעם עולם אין דעם גרויסן זאַל. כ׳האָב אַריינגעקוקט אין זייערע פּנימער, אין זייערע אויגן. עפּעס האָב איך נישט געזען אין זיי די גרויליקע איבערלעבענישן. ערגעץ־ווו — אפילו אַ שמייכל און אַ לייכטזי־ניקייט. און אָרום זיי און ענג צווישן זיי — די טויטע אויסגעצויגענע פּנימער פון די קדושים און איך האָב געפילט אַ חילול הקודש, פון דעם קודש, וואָס איך האָב זיך פאַרגעשטעלט און צו וועמען איך בין געפלויגן טויזנטער מייל.

הייסט דאָס, אַז די, צו וועמען איך בין געקומען, זענען נישטאָ?

כ'האָב זיך געפּילט אַנטטוישט און אָפּגענאַרט. איז מיין מיסיע פון לכתחילה געווען אַן אומנויטווענדיקייט? די פּנימער זענען דאָך אַזוי רו־איק. און אַפילו ביליקע טעאַטראַלישע זינגער, צום עולם שמייכלענדיקע, און מיט פעטקייט געשמירטע האָר, פעלן דאָ אויך נישט.

און אַ יידישע צייטונג גייט דאָ אַרום מיט לאַטיינישע אותיות אין פּוילישער אויסלייגעכץ, ווייל ראשית איז קיין יידישע דרוק נישטאָ, והשנית, ס'זענען דאָ אַ סך, וואָס קענען נישט קיין צורת אלף.

און ווו איז די דערלייטערטקייט, די געהייליקטקייט?

און איך האָב מיר אַליין געענטפערט און געשטראָפט: דיכטער זענען שלעכטע מענטשן, זיי פאָדערן צופיל ליידן פון זיך אַליין, און ממילא אויך פון אַנדערע.

וואַרף אוועק דיינע קדושה־פאָדערונגען, דיין טיראַנישן ראָמאַנטיזם, וואָס איז עלול צו מאַכן דיך בלינד צו דעם, וואָס איז דאָ, אַזוי אַז דו וועסט נאָך, חלילה, מיט ליידיקע הענט אַהיים קומען.

און ווען דו וואָלסט געזען דאָ אַן איינגעקרעמפּטן ווייטיק אויף יעדן פּנים, וואָלסטו צופרידן געווען? ס'איז דאָ פאַראַן גענוג צער אין יעדן האַרץ, און ווו דו טוסט זיך אַ ריר שרייט אויס אַן אוי.

בענטש יעדן שמייכל און יעדעס ברעקעלע לעבנס־גליק, וואָס דו זעעסט, יעדן יידן, וואָס האָט דאָ נאָכאַמאָל חתונה געהאַט, די זיבן כלה־קליידער, וואָס ליגן אויף פּראָקאַט, יעדע שוואַנגערדיקע פרוי, יעדעס די־נינקע לעבנס־הייטל, וואָס פאַרציט זיך אויפן שטראָם פון צער, און ווינטש, אַז דאָס הייטעלע זאָל וואַקסן און פאַרגעסן זאָל ווערן אויף אייביק דער קאָשמאַר.

זיי זענען דאָך אַלע אַזוי איינזאַם, מיט אַזויפיל ביטערע זכרונות, אַזוי צעבראָכן און קראַנק. שטאַרק זיי, גיב זיי מוט. דאָס איז דיין מיסיע.

:: :: ::

אויף מאָרגן, פרייטיק אין דער פרי, זענען מיר אַרומגעגאַנגען אין די אַנשטאַלטן און ווערקשטאַטן פון לאַנדסבערג, אין דער באַגלייטונג פון

אגראנאם אליסקי, װעלכער איז דער לײטער פון קולטור־אמט און אויך דער אָנפירער פון דער פּראָדוקטיװיזאַציע אין אַלע לאַגערן, און פון אינזשעניער מישעלסקי — אַ באַברילט, סענסיטיװ געזיכט, מיט אַ קאָפּ האָר, װאָס ליגט מיט אַ שפּיץ אויפן שטערן — דער דירעקטאָר פון די פאַך־שולן אין לאַנדסבערג.

און װאָס מיר האָבן געזען, איז געװען אַ קװאַל פון טרייסט.

אָט איז אַן אָפּטײלונג, װו אַרום צװײ הונדערט מײדלעך אין פאַרשידענע שעהן לערנען זיך שנײדערײ. פיר שעה אַ טאָג אַרבעטן זײ און נאָכדעם לערנען זײ העבּרעאיש, די געאָגראַפיע און געשיכטע פון ארץ ישראל, ענגליש, און אַנדערע לימודים. דערװײל איז נאָך גרויס דער אויבן דערמאָנטער אַנאַלפאַבעטיזם, און עס שטעקט די אויגן דער יידישער אויפשריפט אויף דער װאַנט אין לאַטײנישע אותיות און אין דער פּוילישער אָרטאָגראַפיע:

Tuml sztert die Arbeit

דער רשע האָט די יידישע אותיות אין קרעמאַטאָריום פאַרברענט.

זיצן נײטאָרינס בײ אַ לאַנגן טיש און זינגען לידער און נײען בגדים.

פון אַלע בעלי מלאכות זענען נײטאָרינס, דאַכט זיך, אַממערסטן גענײגט צו זינגען בשעת דער אַרבעט.

קאַװאַדלע האָט אויך טאַקט, אָבער זי װאָלט דאָס ליד פאַרטױבט. אָבער נאָדל און ליד העלפן זיך אײנס דעם אַנדערן אַרױס.

האָב איך ליב די יידישע נײטאָרינס. כ׳האָב געװאָלט זיצן לענגער און זיך פאַרזינגען מיט זײ צוזאַמען. נאָר מיר האָבן געדאַרפט װײטער גײן.

און אָט איז אַן אויטאָ־שלאָסערײ. אַן אינזשעניער פון „טיף־רום־לאַנד", װו ער האָט געדינט אין דער רויטער אַרמײ, און איצט פלאַמט ער מיט ציון און יידיש פאָלק, איז דער לערער. אונטער אַן אויטאָ, װעמענס הינטער־זײט הענגט אויף אַ קײט פון אַ באַלקן, אַרבעטן בחורים אויף דער מאַשינעריע און שרויפן די גומענע רײפן. דאָ לערנען אײן און צװאַנציק תלמידים אַ גאַנצן טאָג די מעכאַניק און די צוזאַמענשטעלונג פון אַ מאַשין און האַלטן עקזאַמען נאָך אַן אינטענסיװן קורס פון דרײ חדשים. און דאָרטן, אין אַ זײט, איז די קוזניע מיט דעם אײביקן צויבער פון טונקל־

קייט און פייער. און די קוילן ברענען, און דער האמער האקט אויס אויף דער קאוואדלע די פרייד פון ארבעט.

און אט ווערן אלע קלאנגען אנטשוויגן, און מיר זענען אין א שטי־לינקן קלאס, ווו מען לערנט תורה. יתומים און אויך פארטיזאנען־קינדער לערנען דא העברעאיש, מולדת (ארץ ישראל), געשיכטע, מאטעמאטיק, נאטור, געאגראפיע וכדומה. שווארצע, שארפע אייגעלעך און טרויעריקע פנימער.

דער לערער בעט מיך, איך זאל זאגן די קינדער א פאר ווערטער אין העברעאיש. נאכדעם דעקלאמירט א מיידעלע ביאליקס „על השחיטה" און קומט צו די פערזן:

נקמת דם ילד קטן
לא ברא השטן.

איך גיב א שוידער. א מיידעלע קוקט זיך איבער מיט איר שכנטע, דוכט זיך, אויך מיט א שוידער.

כ'עפן אויף די טיר ארויסצוגיין. די קינדערלעך שטעלן זיך אויף און זינגען מיט אזוי פיל הארץ:

להתראות בארצנו
אחרי קץ גלותנו.
אבל תיכף ומיד,
ומהר ומיד.
לשלום, לשלום, לשלום!

מיר גייען ווייטער אין די פאך־שולן. אט איז א קלאס אין טישלע־ריי. מען זעגט, מען האמערט, מען הובלט, און צארטע, שמעקעדיקע לענ־טעס פון האלץ קרייזלען זיך אויפן דיל. מען מאכט שטוב־מעבל: בעטלעך, שראנקען. עס פילט זיך א גרויסער ערנסט.

אט איז א חדר, ווו מען שרויפט צוזאמען די פרוזשינעס און לעמפ־לעך פון ראדיאס, און מען לערנט זיך די ראדיא־טעכניק.

מיר גייען פון פלאץ צו פלאץ, עס ווייזט זיך א בודקע פון א שומר. די בודקע איז בלוי־ווייס מיטן ווארט „ציון".

עווא שייוועד, ה. לייוויק און ד״ר י. אפרת אין גארמיש

די קולטור־מיסיע צוזאמען מיט א גרופע אויסגעוואָרצלטע יידן
אין שטוטגארט

אַט איז אַ מין קונסט־גאַלעריע. מאָלונגען, צייכענונגען, אַ באַרעליעף פֿון אַן אייזן־אַרבעטער, קינדער האָבן די קונסט־זאַכן געשאַפֿן.

מיר גייען אַריין אין אַ שול פֿונעם רעליגיעזן קיבוץ „בני עקיבא". עס שרייט פֿון דער וואַנט אַן אויפֿשריפֿט: יידן — נקמה! ס'איז אַ קאָפּיע פֿון דעם, וואָס אַ ייד קיובע(?), פֿוכאַרט, 35 יאָר אַלט, האָט אין סלאָבאָדקע, אין זיינע לעצטע גסיסה־מינוטן, אויף אַ וואַנט אויפֿגעשריבן מיט זיין אייגן בלוט.

דאָס איז געווען דעם 26סטן יוני 1941, ווען די דייטשן זענען אין סלאָבאָדקע אַריין, און די ליטווינער האָבן געפֿייערט דעם דייטשישן זיג מיט אַן אַלגעמיינער יידן־שחיטה. האָבן די ליטווינער נאָכדעם דעם אויפֿשריפֿט פֿאַרקאַלכט, כדי אָפּצומעקן דאָס יידן־געשריי פֿאַר נקמה, אָבער דאָס יידישע שרייענדיקע בלוט איז אַלץ דורכן קאַלך געדרונגען.

דאָס בלוט פֿון זכריה.

און דאָ זענען בוי־טעכניקער. מען צייכנט הייזער מכל המינים. און דאָ לערנען זיך מענער צושניידעריי. מען מאַכט פּאַסאָנען. אַ גוי איז אַ לערער.

און וואָס איז דאָ? מיר האָבן אויפֿגעעפֿנט אַ טיר און מיר שטייען פֿאַרוווּנדערט אויף דער שוועל. יידן מיט יאַרמולקעס זיצן שטיל איינגעבויגן ביי צוויי טישן נעבן די פֿענצטער. אַריינגעטאָן אין וואָס? אין אַ מהרש"א, אין אַ מהר"ם שיף? ניין, אין די איידעלע געדערימלעך פֿון זייגערלעך. זיי לערנען זיך צו זיין זייגערמאַכער — אַ מלאכה, וואָס שיינט צו זיין צוגעפּאַסט צו פֿרומע יידן. זיי וואָלטן וועלן אויך לערנען די חכמה פֿון שלייפֿן דיאַמאַנטן.

און אָט איז אַ קורס אין דער טעאָרעטישער קונסט פֿון ראַדיאָ. איין טאָג לערנט מען טעאָריע, און איין טאָג — פּראַקטיק. און ווי אַלע קלאַסן, שטעלן זיך די תלמידים אויף, ווען מיר קומען אַריין. דער לעקטאָר צייכנט אויף אַ לוח, און רופֿט אויף אַ תלמיד — אַן עלטערן בחור — צו מאַכן מאַטעמאַטישע באַמערקונגען.

ס'זענען דאָ נאָך קורסן, ווי צום ביישפּיל, אויטאָ־שאָפֿעריי, עלעקטראָ־טעכניק, וועש־שניידעריי, קראַנקן־שוועסטעריי, צאָן־טעכניק.

דער „אָרט" האָט אַ סך מאַשינען, מעסער, אינסטרומענטן, נײַ־מאַשינען געשענקט, און מען האָט אויך געקראָגן — אויפן קאַצעטן־לשון: אָרגאַניזירט — מאַטעריאַל פון דער אומגעבונג און פון די דײַטשע פאַבריקן.

אין אַלע פאַך־שולן צוזאַמען לערנען זיבן הונדערט תלמידים.

דער באַבריליטער און שטיל־רעדנדיקער אינזשעניער מישעלסקי גייט מיט מיר אַרום פון די שולן. ער וויל, אַז מײַן אינפאָרמאַציע זאָל זײַן פולשטענדיק. עס איז דאָ נאָך אַ זייער אינטערעסאַנטע שול. ערשט מיט אַפּאָר חדשים צוריק איז דעם קולטור־אַמט אין לאַנדסבערג געלונגען צו באַקומען אַ מאָדערנע קונסט־קעראַמישע פאַבריק, וואָס געפינט זיך אין דיסען — דער נאָמען האָט נאָך דעמאָלט פאַר מיר קיין ספּעציעלע באַדײַטונג נישט געהאַט — פינף און צוואַנציק קילאָמעטער פון לאַנדסבערג אויף אַ זייער שיינעם פּלאַץ. לערנען דאָרט יונגטלעכע מענער און פרויען, וואָס האָבן אַ קינסטלערישן חוש, דעם קונסט־קעראַמישן פאַך און ווערן אײַנגעאָרדנט אין אַ באַקוועמען פּענסיאָן אויף פולער אויסהאַלטונג. ער באַווײַזט מיר בילדער. איך זע טעפּ, וואַזעס מיט זייער צאַרטע ליניעס, פיגורן, אַ פּאָרטרייעטער קאָפּ פון אַ ייִדן מיט אַ „של ראש".

איך גיי און עס זינגט אין מיר אַ פרייד. זע, ווי דער גייסט פון די ייִדן דאָ איז, חלילה, נישט דעמאָראַליזירט און נישט געבראָכן. זע, ווי שטאַרק און עלאַסטיש־צוריקשפּרינגענדיק איז די ייִדישע וויטאַליטעט! ערשט נעכטן פאַרשקלאַפט און פאַרווייטיקט, דערנידעריקט ביז דער ערד, אַ הייפעלע איין־און־איינציק געבליבענע אבלים און יתומים, און דאָך, איבער נאַכט — אַן ערנסטע און וויכטיקע רעאַל־שולע, מיט געזאַנג פון קיום און אַרבעט! ווו, ביי וועלכער אומה, האָט אַזאַ זאַך, אַזאַ נס געקענט טרעפן? איז דאָס דער נצח ישראל, דער פּסיכישער כוח, אפילו פון איין נעבליבענעם ייִד, דעם אחרון היהודי, אויפצושטיין פון די חורבות און ציען ווײַטער דעם פּאָדים פון פאָלק?

און אַרום און אַרום אין די באַזונטע גאַסן, פון די ווענט און פון די דעכער, שפּרינגען אַרויס פאַרשידענע לאָזונגען:

אנו מעפילים לעלות ארצה ישראל (מיר רייסן זיך אויפצוגיין קיין ארץ ישראל).

עם ישראל חי! (דאָס יידישע פאָלק לעבט!).

וואָס פאַר אַ פריידיקער און דעמאָנסטראַטיווער אויסגעשריי עם הילכט פון די דריי ווערטער. איז דאָס אונדזער נקמה? איז דאָס נישט גענוג?

זענען די גאַסן אויך פול מיט גלויבן, עקשנות און ארץ ישראל. די גאַנצע אַרבעט דאָ, מיט דער בלוי-ווייסער בודקע, מיט די העברעאישע אויפשריפטן, שאַפן מאָמענטאַנע אילוזיעס פון אַ קבוצה אין עמק אָדער ערגעץ אין גליל.

מען רייסט פשוט שטיקער פונעם געגאַרטן מאָרגן, און מען לעבט זיי היינט, וואָרום קיין אַנדער לעבן ווייל מען נישט און עס איז נישטאָ.

עס פילט זיך, אַז די דריי לעבנס־כוחות פון פאָלק: יוגנט, אַרבעט און לאַנד, האַלטן ביי אַ צוזאַמענטרעפונג און צוזאַמענקלאַמערונג. און ווען דאָס וועט פאַרקומען, וועט זיין המשך, שטאַרקייט און גליק.

בענטש איך די הענט, וואָס האָבן דאָס אַלץ געשאַפן.

:: :: ::

כ'זיץ ביי מיר אין שטוב. אַ וואַרשעווער ייד, אַ בן תורה, וועמענס איידל פנים רויטלט זיך אין אַ ראַם פון אַ פירעקיק שוואַרץ בערדל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ סך קאַצעטן (קאָנצענטראַציע-לאַגערן) און איז נאָך דער באַפרייאונג געווען אַ פּאַציענט אין אַ שווינדזוכט־שפּיטאָל אין גאַאַר־טינג, זיצט נעבן מיר.

ער וווינט אויסער דעם לאַנדסבערג-לאַגער. עס זענען דאָ אַ סך, וואָס האָבן זיך אין דעם לאַגער־לעבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט זיך אריינפּאַסן.

ער דערציילט:

„אני הגבר, איך האָב געזען ווי מען האָט מיין פרוי און טאָכטער אין פייער געוואָרפן... כ'בין דאָך אַ ייד אַ מאמין אין גיהנום און גן־עדן. אָבער גיהנום קען נישט זיין ערגער פון מאַידאַנעק. קיינער איז אויפדערנאַכט נישט געגאַנגען שלאָפן אָן ראַנעם... מ'האָט מאַרשירט באָרוועס, און אויב איינער האָט מיט זיין פוס אָפּגענויגט פון אַ שטיק גלאָז אויפן וועג, איז

ער געווען אַ דעזערטיר און האָט באַקומען שמיץ... שמיץ, ראַנעס און שווערע אַרבעט אין אַמוניציע־פאַבריקן און פאַנצער־גרובן, און אַ סך טעג אָן ברויט און וואַסער... כ׳האָב שוין געווויגן דריי און דרייסיק קילאָ (אומגעפער: 72½ פונט), שוין אַ „מוסלמאַן" (כמעט אַ שוכן עפר)... האָט מען מיך אַריינגעפירט אין טויטן־בלאָק. דעם חנוכת־הבית פון דעם טויטן־בלאָק האָבן זיי געפייערט מיט אַ צערעמאָניע פון אויפהענגען אַכצן יידן. מיר האָבן אַלע געזען ווי די יידן זענען אויף די תליות אויסגעגאַנגען. דער קאָמענדאַנט האָט זיך אָנגעשיכורט לכבוד דעם יום־טוב... דער מאָמענט, ווען איך בין אַריינגעקומען אין דעם חדר המוות, איז געווען דערהויבנדיק און שרעקלעך צוזאַמען. אַ גרויס צימער. אָן עדה יידן איז געזעסן אויף דער ערד, און אַ בלינדער האָט געלערנט מיט זיי גמרא אויסנווייניק. איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין זייער גרופּע.

— וואָס לערנט מען, יידן?

— קדשים.

— וואָס? אַ שעה פאַרן טויט — קדשים?

— יאָ, מסכת זבחים.

פּלוצים איז אַריין אַן ס. ס.־מאַן און געמאַכט אַ סעלעקציע, און מען האָט מיך ווייטער צו דער אַרבעט געפירט. גליקלעך בין איך נישט געווען. כ׳האָב געוואָלט שטאַרבן און זיין צוזאַמען מיט מיין הייליקער פרוי און הייליקער טאָכטער. גליקלעך בין איך געווען, ווען איך האָב אַ לונגען־אָנצינדונג געקראָגן. אָט וועל איך שטאַרבן. איז אָבער די באַפרייאונג אָנגעקומען. פון דער לונגען־אָנצינדונג איז געוואָרן טע. בע. צע. כ׳האָב זיך אין אַ שפּיטאָל געוואַלגערט, און איך לעב. אָבער יעדע רגע מיינע איז הזכרת נשמות."

דער ייד איז אַוועק. שטום בין איך געזעסן. אייזנס שווערע האָבן גע־דריקט אויפן האַרצן. ס׳האָט זיך געוואַלגן די משא פון צער מיט אַ גרויס געשריי אויפלייזן.

אַ בחור אין אַזוי ווי בגנבה אַריין אין חדר און האָט זיך ביים טיש געזעצט.

— האָט איר געהערט, האָט איר געגלויבט, דאָרט אין אַמעריקע?

מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער יונגערמאַן איז אַ קול מיינער ממעמ־קים, אַ פאַרדאַמענדיקער באַשולדיקונגס-אַקט קעגן מיר און קעגן דעם גאַנצן פינף מיליאָניקן קיבוץ. אָבער ניין. ער איז באַלד אַריבער צו אַ פאַרענטפערונג. איז דאָס אויך געווען אַן אינערלעכער קול, וואָס קען דעם שווערן גוואַלדיקן חטא נישט טראָגן?

— איך בלאַמיר אייך נישט. כ'קען שוין אַליין נישט גלויבן. וואָרום גלויבן מיינט ווייטער לעבן אין קאַצעט.

אַ געדאַנק האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אַרום מיר. אָבער דער בחור האָט מיר דערמאָנט, אַז מיר דאַרפן שוין פאָרן.

כ'בין אַרונטער און אַריין מיט אים אין אַן אויטאָ.

יאָ, ער איז גערעכט. ס'זענען דאָ צערן, וועלכע אָדער מען לעבט זיי איבער, אָדער מ'גלויבט זיי נישט. און דער זכרון האָט קיין כוח נישט זיי אויפ־צוהאַלטן. וואָרום אין דעם פאַקט, אַז זיי זענען געוועזענע, ליגט זייער אָפּ-שוואַכונג, זייער פאַרוואַסערונג, וואָס ביאָלאָגיש איז עס גוט פאַר אונדז, אָבער מאָראַליש איז עס אַ פאַררעטעריין.

דערפאַר זענען געווען נעכטן אָוונט אַזוי פיל פריילעכע פנימער אויף דער פאַרזאַמלונג. און מען דאַרף האָבן רחמים מיט זיי און פאַרגעבונג.

און יענער רבל דאָ, וואָס האָט פאַרלוירן אַ פרוי און פינף קינדער און וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער קען זיך צו אַ שידוך נישט דערשלאָגן, אַז אַלע רבנים זענען פרויענלאָז. —

און יענע בחורים, וואָס אָרגאַניזירן זיך אין ספּאָרט-פאַראיינען, און שפּילן פוטבאָל, און פאָרן זיך צונויף אין מינכען פאַר אַן אינטערלאַגע־רישן וועט-קאַמף. —

מען דאַרף זיי אַלעמען אַרומנעמען און האָבן מיטלייד מיט זיי, און זאָגן וועגן דעם צער, וואָס רייסט זיך צום פאַרגעסן: כי טוב — ס'איז גוט.

און וויבאַלד אַזוי, קען מען דאָך האָפן אויף אַ דור פון פריידיקע מענטשן. ס'וועט דאָך אָבער מאַידאַנעק אייביק ליגן טיף אין זייער הארץ.

וועט דאָס זיין אַ נעוראַטישער געמיט, וואָס וועט זיך וואַרפן פון גרויסער פרייד, שרייענדיקער פרייד, צו שטומען שוואַרצן טרויער — וואַרפן זיך הין און צוריק. אַן אומרואיקע פּסיכיק,

און אלע רייסן זיך קיין ארץ ישראל. אָבער וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל וועט דאָס זיין פאַר דער עליה? די יוגנט וועט געהיילט ווערן אין לאַנד און אין ארבעט. אָבער די עלטערע?

יעדער האַרץ איז דאָך פול מיט בראָך, מיט הזכרת נשמות.

און אפשר אויך — לויט יענעם אונרראַ־דירעקטאָר — מיט אומצו־טרוי, פאַרדעכטיקייט און ביטערקייט.

ניין, דאָס איז בלויז צייטווייליק, זאָלן זיי קומען אל המנוחה ואל הנחלה, און פחד וועט פאַרשווינדן, צוטרוי וועט צוריקקומען, און ערלעכ־קייט און פאָלקס־באַהעפטונג.

ארץ ישראל וועט זיי אַלע היילן.

די מענטשלעכע נשמה איז דאָך אַזוי וווּנדערבאַר־עלאַסטיש. —

מיר שטייגן אַרונטער אין האָלצהויזען, ווו עס געפינט זיך דער „קי־בוץ דרור על שם חנה סנש", דאָס הייסט אויף דעם נאָמען פון יענער העלדישער יונגער דיכטערין, וואָס איז פון ארץ ישראל אַוועק און האָט זיך הינטער די מחנות פון פיינט אַראָפּגעלאָזן אין אַ פּאַראַשוט, און איז אומגעקומען.

הונדערט און פופציק יידישע יתומים, ייִנגלעך און מיידלעך, אין על־טער פון אַכט ביז אַכצן, לערנען זיך דאָ אַגריקולטור און פאַרשידענע אינ־דוסטריעלע פאַכן, ווי שניידעריי, שלאָסעריי, שוסטעריי, און גרייטן זיך צו צו „ארץ".

אינדערפרי אַרבעטן זיי, און נאָכמיטאָג לערנען זיי העברעאיש, גע־שיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט, וכדומה.

פריער איז דאָ געווען אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־דעפעקטיווע קינדער. האָט מען דעם אינטערשטן גאָרן אָוועקגעגעבן פאַר הכשרה, און פון אויבן ווינען נאָך די שוואַרץ־געקליידטע מאָנאַשקעס און זאָגן פּאַטשערעס מיט זייערע פּאַציענטן.

גייען מיר אין די שלאָף־צימערן. בעטלעך איבער בעטלעך, הילצערנע אָבער ריינע, און אין אָרדענונג.

אַרבעטן זיי און שלאָפן און עסן צוזאַמען.

וואַקסן אַרויס פון יתומקייט און איינזאַמקייט ברידערלעך און שוועס־טערלעך, און ציון איז די מאַמע און אַרבעט איז דער טאַטע.

אָט איז אויף דער וואַנט פונעם עס־צימער אָנגעשריבן אין גרויסע אותיות חנה סענעשעס פייערלעכע פערזן, וואָס טראָגן אין זיך דעם אימ־פעט פון איר לעבן און אַ נבואה פון איר אייגענעם גורל:

אשרי הגפרור שנשרף והצית להבות,
אשרי הלהבה שבערה בסתרי לבבות,
אשרי הלבבות שידעו לחדול בכבוד,
אשרי הגפרור שנשרף והצית להבות.

(ווייל איז דער שוועבל, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן, אָנצינדנדיק פלאַמען — ווייל איז דעם פלאַם, וואָס האָט געברענט אין די פאַרהוילע־נישן פון הערצער — ווייל איז די הערצער, וואָס האָבן געוווּסט ווי אויפ־צוהערן מיט ערע — ווייל איז דער שוועבל, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן און האָט אָנגעצונדן פלאַמען.)

טראָגן די ווענט העברעאישע און יידישע אויפשריפטן, וואָס עלעק־טריזירן און ענערגיזירן די לופט מיט מאָנונג און אידעאַל.

אַז קיין ביכער זענען נישטאָ, זענען די ווענט ספרים.

און אייגנטלעך, וואָס דאַרף מען מער? געניג אַ טיף־קאָנצענטרירט וואָרט אויף דער וואַנט. דאָס איבעריקע וועלן שוין דאָס האַרץ און דער מוח אין אָריגינעלע מחשבות און געפילן אויסשפינען.

ס׳זענען אויך דאָ שיינע מאָלונגען און צייכענונגען, וואָס דריקן אויס באַפרייאונג און קייטן־צעשמעטערונג, געמאָלט און געצייכנט פון די חברים פון קיבוץ.

:: :: ::

מיר פאָרן ווייטער, דוכט זיך אַ האַלבע שעה און מיר שטייגן ווידער אַראָפּ —

אַ שווידער גייט מיר דורך —
אַ געוועזענער קאַצעט.

אָט זענען די שטעכיקע דראָטן אַרום און אַרום.

דאָ האָבן צוויי טויזנט און זיבן הונדערט יידן געלאַגערט, און אַלע מינים ענויים געליטן.

אַט איז דער דראַטענער טויער אָפן.

איך גיי אַריין מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אַ שטים אין מיר זאָגט:

אנכי, ישראל בן דוד, אינעם נאָמען פון אַלע יידן, וואָס האָבן מיך געשיקט, אייניק זיך מיט די, וואָס מען האָט פון זיי זייערע מענטשלעכע רעכט געזרויבט און מען האָט זייער בלוט הפקר געמאַכט, מיט די פאַר־פּייניקטע און פאַרשקלאַפּטע, וואָס מען האָט דאָ אַריין און אַרויס דורכן טויער געפירט.

לאָמיך פאַרזוכן אויף איין רגע דעם טעם פון זייער גיין און זייער ליגן דאָ, דעם ווייטיק פון זייער הילפלאָז לייב, ווען עס ווערט געשמיסן דורך דער האַנט פונעם אכזר, און דאָס געשריי פון זייער נשמה, ווען עס ווערט באַשפּיגן און באַשמוצט.

לאָמיך אויף איין רגע פילן די דריי מלאכים, וואָס האָבן זיי שטענ־דיק — כ׳ווייס נישט, צי אין ראַנגלעניש אָדער אין אַ מיסטעריעזן שלום — באַגלייט.

פּחד אויף יעדן טריט פאַרן טויט.

רעזיגנאַציע, זאָל זיין וואָס עס איז, אַבי שנעלער.

און אַן אומפאַרשטענדלעכע, עקשנותדיקע האָפענונג, „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״.

און אַן אַנדער שטים האָט אין מיר געענטפערט:

אומזיסט. דו וועסט עס קיינמאָל נישט פילן.
דו בייגסט איין דיין רוקן, ווייל די קנוט איז מער נישטאָ.
און דו טאָרסט זיך נישט רעכענען אַלס איינער פון זיי.

דו ביסט מחלל דעם טלית פון זייער צער, ווען דו, דער נישט געלי־טענער, טוסט עס אָן.

כ׳האָב געעפנט די אויגן מיט דעם טאָפּלטן וויי פון אַ נישט באַווי־ליקטן וויי.

אַ געוועזענער קאַצעטלער, אַ הויכער, אַ טונקעלער, מיט לאַנגע פיס און שוואַרצע האָר און שוואַרץ־גליענדע אויגן, רעדט האַלב־שרייענדיק, היסטעריש, פּונקט ווי ער וואָלט איצט דערזען, אַז אַלץ איז געווען נישט קיין קאָשמאַר, נאָר אַ ווירקלעכקייט:

„אַט דאָרטן ווייט זענען די קוימענס פון די אונטערערדישע פאבריקן, ווו מיר האָבן מעסערשמיטס געמאַכט.

און דאָרטן זענען די קוימענס פון די וואַש־באַראַקן, ווו פרויען, וועמען מען האָט געהאַלטן ווייט אָפּגעשיידט פון אונדז, האָבן געאַרבעט.

דאָס דייטשע פאָלק וויל דאָס אַלץ אָפּווישן, עס זאָל קיין זכר פון זייערע חטאים נישט בלייבן.

און אַט איז אַ „בונקער". דאָ זענען אַכציק מענטשן געשלאָפן".

באַטראַכט איך דעם עקזעמפּלאַר פון אַ קאַצעטלער־וווינונג. קיין ווענט האָט עס נישט, נאָר אַ לאַנג גרין דעכל, מיט צוויי משופּעדיקע זייטן, מיט אַ לאָך פון פאָרנט, ווי אַ הינטישע קאַנורע.

כ'קריך אַרונטער דורך דעם לאָך. אַ שמאָלע הילצערנע פּאָדלאָגע, ווי אַ קלאַדקע, און פון ביידע זייטן, אַ פּאָר טפחים פון דער ערד, ציען זיך ברעטער, איינגעטיילט דורך ברעטלעך און פּריטשעס, אָדער „קויקעס". פינף מענטשן זענען געשלאָפן איינגעקנוילט צוזאַמען אין אַ פּריטשע און צוזאַמען זיך געדרייט אין מיליאָנען בשותּפותדיקע לייז.

איך פּרוביר זיך אָוועקלייגן אין אַ פּריטשע. איך קען די פיס נישט אויסציען.

כ'גיי אַרויס. טענענביימער שטייען אַרום דעם לאַגער, ווי אַ בייזער, שטייפער „חית".

דער שלאַנקער קאַצעטלער רייסט זיך זיינע לאַנגע שוואַרצע האָר:

„אַט דאָ אויפן פּלאַץ זענען די „אַפּעלס" דורכגעפירט געוואָרן. 5 אַזיינער אין דער פרי האָט אַ פייף געטאָן, און פינף־דרייסיק האָבן מיר דאָ געמוזט שטיין. דאָס פלעגט מען אונדז ציילן.

„מיטצען אוף, מיטצען אָפּ!" — האָט דער קאָמענדאַנט געשריען. און אַז איינער האָט געפעלט, איז מען געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג. און אַז איינער האָט פאַרשפּעטיקט, האָט מען אים געהרגעט ביז טויט.

בלאָטיק איז דאָ געווען ביזן האַלדז.

איינעם האָט מען געהאַנגען פאַר אונדזערע אויגן, ווייל ער האָט אָפּגעשניטן אַ שטיקל קאָלדרע פאַר זאָקן. גליקלעך איז געווען דער, וואָס האָט געהאַט צעמענט־פּאַפּיר, ווייל ער האָט געמאַכט פון דעם אַ העמד אָדער זאָקן.

זיבן אזייגער זענען מיר געפירט געוואָרן צו אַ צוועלף שעהדיקער אַרבעט, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ שטיקל ברויט.

פון זיבן ביז זיבן. ניין אַזייגער אויף דער נאַכט האָבן מיר אַ וואַסערדיקע זופּ באַקומען, און אויך אונדזער ברויט־פּאָרציע פאַר מאָרגן. נאָכדעם זענען מיר געזעסן און געקנאַקט לייז, אָדער גערידלט זיי פון לייב מיט מעסער.

הונגעריקע מענטשן האָבן פליגן געכאַפּט און זיי געשלונגען.

לאַטרינעס זענען געווען ביי די דראָטן. אָבער אָפט האָבן מיר זיך באַנוצט מיט אונדזערע זופּ־שיסעלעך. ווען מען האָט געמאַרשירט אויפן וועג, האָט מען ווי די פערד די צרכים געטאָן. נאָר דערפאַר האָט מען באַקומען שמיץ.

אַט אַזוי איז דער מין מענטש דערנידעריקט געוואָרן צו דער מדרגה פון בהמה און פערד.

פון די 2.770 מענטשן, זענען אַרום 50 געבליבן לעבן."

מיר זענען אַרויס פון טויער, און אינעווייניק אין מיר האָב איך פאַר דעם שלאַנקן קאַצעטלער געקניט, און —

איך האָב די גאַנצע דייטשע ערד געשאָלטן.

:: :: ::

מיר פאָרן צוריק קיין לאַנדסבערג. מיר קומען אַריין אין עס־צימער. מ'עסט מיטאָג.

פון פאָרנט, אין ווינקל — אַ שוואַרצער פּלאַקאַט מיט ברענענדיקע אותיות:

זכור את 6.000.000 (געדענק די זעקס מיליאָן!)

אַזעלכע מינים פּלאַקאַטן האָבן מיר געזען אין אַלע לאַגערן.

פּונקט אַזוי ווי די יידן דאָ וואָלטן געקענט פאַרגעסן.

אַזאַ מין „זכור" וואָלט מען גיכער באַדאַרפט אויפשטעלן אין אַמעריקע, אין אַלע שולן און זאַלן און אויך אין די היימען.

וואָס עסט מען דאָ אין די לאַגערן?

פרישטיק: טרוקן ברויט מיט קאַווע.

מיטאג: קאנסערװירטע טעמלאזע פלייש מיט קארטאפל.
אװנטברויט: ברויט מיט קאװע.
קאלאריען זענען אפשר דא גענוג, אבער װיכטיקע שפּייז־עלעמענטן פעלן.
װערט דער מאגן פול, אבער דער קערפּער בלײבט הונגעריק.
די דײטשן קריגן א קלענערע פּארציע. זײ האבן אבער פריש פלײש, פיש, גרינסן און פרוכט.
און די דײטשע דארפסלײט און פּויערים ציען חיונה פון זײער פּע־טער ערד, װאס איז באפײכט געװארן פון ײדיש בלוט און באמיסטיקט פון ײדישע בײנער.
זײ זענען כמעט גארנישט געמינערט געװארן דורך דעם קריג. זײע־רע הײזער זענען נישט צעשטערט געװארן, װײל זײ זענען נישט געװען קײן מיליטערישע פּונקטן, און זײער ארבעט איז נישט געענדערט געװארן.
בלויז א פּראצענט — אמת, א פּערציק־פופציק פּראצענט — פון זײער תבואה דארפן זײ אין די שטאט־שײערן ארײנבערענגען.
און אביסל האנדלען זײ, כאטש מען טאר נישט.
פּארט מען פארבײ פּעטע פעלדער, װו דער דײטשער פּויער זיצט זיך הויך אויפן אקער, פּונקט װי עס איז גארנישט געשען, און דאס הארץ װערט דיר צעפּיקעװעט.
פּארט מען פארבײ שײנע הײזער אין די שטעטלעך און די דערפלעך, און א זעטיקער פרידן איז אויסגעגאסן אומעטום.
און די בײערישע פּראנטן, מיט די באפעדערטע גרינע היט, מיט די קורצע לעדערנע הײזקעס, מיט די נאקעטע קני, מיט גרינע לענטעס אונ־טער די קני, שפּאצירן אויף די גאסן און רויכערן זײערע לאנגע ליולקעס.
װער קריג, װאס קריג?
און די שולד פון די זעקס מיליאן ליגט זײ נישט אפילו אין דער לינ־קער פּאה.
נאר די ײדן זענען געװען קרבנות, און זענען קרבנות נאך איצט.
זײ װערן באהאנדלט דורך דער אונרראַ, די שפּײז־געבערין, טראץ אלע אירע גוטע כװנות, ערגער װי דער פײנד.
דעם פײנד פארשטײען זײ. אײנגענומען און פארטיק. די ײדן זענען

אפילו קיין פיינד נישט. פארוואס צעפארן זיי זיך נישט אין זייערע היימען? וואס ווילן זיי? וואס פאר א טייוול האט אויף די איינגעמער דאס יידישע פראבלעם אנגעשיקט?

איז נישטא קיין איינזען, קיין פארשטענדעניש.

נישטא אפילו קיין אדרעס, ווו מיר זאלן קענען זיך ווענדן מיט אונדזערע טענות.

, :: :: ::

א זוניקער שבת אין דער פרי. ערב שבת ביי די גויים, אין וועמענס סביבה דאס אונדרא־הויז שטייט ווי געפאנגען.

כ'קוק ארויס פון די פענצטער פון מיין צימער.

א שטילע לאנדסבערגער גאס.

צוויי־גארנדיקע, קרעם־קאלירטע הייזער, מיט אוואלע, גאלד־און־רויט־געפארבטע בילדער פון אויבן אויף די פאסאדן: די הייליקע מאמע מיטן קינד.

מאמע־ליבע, קינד־הייליקייט.

א זייער פרום שטעטל, לאנדסבערג.

אויך אין די ארומיקע פעלדער, אומעטום שטייט דער גויאישער גאט און בענטשט די זאנגען.

א גאטספארכטיק שטעטל, לאנדסבערג.

און פון דאנעט האט זיך דער שלאנגען־זאפט צעטריפט און א וועלט פארסמט.

ווי זשע האבן דיביידע זאפטן געקענט שטראמען צוזאמען אין די אדערן פון די דאזיקע גויים?

גאטספארכטיקייט און לעסטערונג?

די תורה פון דעם זון פון בית לחם און די לערע פון דעם צעשרויפטן, האלב־וואנזיניקן שטוב־מאלער?

זיי האבן דאך פרום געפאלגטביידע תורות.

זיי האבן מענטשן אין פייער געווארפן, און זונטיק גענומען זייערע קינדערלעך און אין קירכע געגאנגען. —

זייערע קינדערלעך — אנגעטאָן אין די אנצוגלעך און קליידלעך פון אונדזערע טויטע קינדער, ארומגעוואשן און ארומגעזייפט מיטן זייף פון אונדזערע קדושים, און אין גאָטס הויז געגאנגען.

„און פארגיב אונדזערע זינד, ווי מיר פארגיבן די זינד פון די, וואָס האָבן קעגן אונדז געזינדיקט."

וואָס איז דאָס פאר א נשמה, די דייטשישע?

זאָגן, אז זייער פרומקייט איז געווען היפאָקריטסטווא, און זייער פסוקים־פּרעפּלען איז געווען צביעות — קען מען נישט אויף אַלע.

און זאָגן, אז זיי זענען נישט שולדיק, אז זיי האָבן נישט געוווסט, וואָס עס האָט זיך געטאָן ארום זיי, אז זייערע פּארריסענע נעזער האָבן נישט דערשמעקט דאָס געבראָטן מענטשן־פליייש, קען מען אויף קיינעם נישט.

האָבן זיי גערינט גאָט און דעם שד צוזאמען.

האָבן זיי געטרונקען יידיש בלוט און פארביסן מיט פרומע בייגל.

איז ווי איז דאָס מעגלעך?

זאָל זיין, אז זיי האָבן זיך קיין דין וחשבון נישט אָפּגעגעבן. ווער האָלט דען דעם אייגענעם פּנקס אָפּן און זוכט תמיד דעם אייגענעם באַלאַנס?

אָבער אפילו אין די פינצטערע אונטערגרונטן פון דער נשמה, ווען צוויי קעגנגעזעצטע אינסטינקטן קומען זיך צוזאמען, ווערט א גערעאנגל, א גערויש און א קאָכעניש, ביז דער גאנצער אינערלעכער „יש" ווערט אויפגערודערט, און די ביישטידלעך פון שוועלן ווערן אויפגעטרייסלט, אזוי אז דער מוח קען זיך צעשפּאלטן.

ביי וועמען פון די דאָזיקע פרומע מערדערס איז אזא מין אינערלעכער גערעאנגל געווען, אז די ביישטידלעך האָבן זיך געטרייסלט, און דער מוח האָט זיך געשפּאָלטן?

הייסט עס, אז זייער פרומקייט האָט נישט אויסגעשלאָסן דאָס מאָרדן פון מיליאָנען יידן, נישט אין א רעליגיעזן אויסברוך, נישט אין א שפּיז־קעגן־שפּיז געשלאכט, נאָר —

ווייל מיר זענען אין זייערע אויגן קיין מענטשן נישט געווען.

און מיר האָבן ביי זיי דעם צלם אלוקים אָנגעוואָרן.

פרעגט זיך: ווי אזוי זענען מיר צו אזא מדרגה געקומען?
אָדער ריכטיקער: ווי אזוי זענען זיי בלינד געוואָרן?
ווי אזוי קען דאָס מענטשלעך אויג פלוצים אזוי קראַנק ווערן, אז עס קען אַלץ זען, — אַ בוים, אַ שטערן, אַן אַטאָם — נאָר דעם צלם אלוקים אויף געוויסע מענטשן דערזעט עס נישט.
זייט שטיל, צעשטראָמטע מחשבות מיינע! זעט — —
פון דעם טויער, אין דעם הויז, וואָס איז אַנטקעגן אונדז, גייט אַרויס אַ יונג פּאָרל.
דער בחור אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן אַנצוג, און דאָס מיידל — אין אַ ווייסן טולענעם קלייד, מיט בלומען אין איר אָרעם.
הין און צוריק, שטייף און ערנסט, שפּאַצירן זיי געאָרעמט אויפן טראָטואַר.
דאָס יונג פּאָרל שטעלט זיך אָפּ, און אַ חברטע פאָטאָגראַפירט זיי.
די מאַמע מיטן קינד פונעם גאָלד און רויט געפאַרבטן בילד אויפן פאַסאַד ווינקט אַרונטער און בענטשט זיי צו זייער חתונה.
און רואיק־שטיל, רואיק־פרום, רואיק־גליקלעך איז די גויאישע גאַס אין לאַנדסבערג.

:: :: ::

וואָס טראַכטן די געוועזענע קאַצעטלער וועגן היינט און מאָרגן, וועגן ייד און וועלט?
מיר האָבן אַ פּראָבע געמאַכט אין לאַנדסבערג. כ'האָב פאָרגעשלאָגן, מיר זאָלן איינרופן אַ קאָנפערענץ, אַ סעמינאַר, געווידמעט צו די דאָזיקע פראַגן.
ס'איז שבת נאָך מיטאָג. דער זאַל איז געפּאַקט. די יוגנט האָט דאָס וואָרט, די יוגנט פון 20 ביז 30 און 40. עלטערע יידן האָט היטלער פאַר־גאַזט.
און אָט וואָס זיי טראַכטן:
— שטאָל ווערט פאַרהאַרטעוועט דורך פייער. אַ קינד, 14 יאָר אַלט, פון רוסישע אַסימילירטע עלטערן, איז פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אַנטלאָפן און איז איצט אין איטאַליע אויפן וועג קיין ארץ ישראל. אפילו אַ ייד, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין דרויסן, ווערט איצט צוריק אַ ייד.

קיין שמד איז נישטאָ בײ אונדז. אַלע טעאָריעס פון אַ גײסטיקן אַנטלויף זענען אַנולירט געוואָרן.

— ווען מען גײט אַרײַן אין אַ דײטשיש הויז, זענען די ווענט באַדעקט און באַהאַנגען מיט הערשן־הערנער און מיט אָפּגעשונדענע פּנימער פון חיות. בײ אונדז איז דאָס נישטאָ. נאָר דאָס תנ״ך ליגט אויפן טיש. אונדזער אײביקע אַנדערשקײט איז דער מקור פון שנאה צו אונדז.

— מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ פיזישן און גײסטיקן קריזיס. אָן ארץ ישראל איז נישטאָ קײן זין אין אונדזער בלײבן. אונדזער גלויבן אין דער וועלט האָט אויפגעהערט ערשט נאָך דער באַפרײַאונג. ווו זענען זײערע דיכטער, וועלכע זאָלן שמײסן די וועלט פאַר איר רשעות?

זענען מיר שולדיק אין אונדזער אומגליק? נײן, מיר האָבן קײנעם נישט געגעבן קײן גרונט פאַר אַזוי פיל שלעכטס, וואָס זײ האָבן אונדז געטאָן. דאָס גאַנצע דײטשע פאָלק איז שולדיק.

אָדער ארץ ישראל, אָדער אויסגײן ווי אַ ליכט! דאָס רוסישע ײדנטום האָט פאַרלוירן זײַן ײדיש פּנים, זײַן ײדיש לשון, און געמישטע חתונות האַלטן אין אײן שטײַגן. אויך אין אַמעריקע שלעפּט דער שטראָם פון אַסימילאַציע דאָס ײדנטום אַוועק.

— אַפילו דאָס רוסישע ײדנטום וועט אויפלעבן דורך ארץ ישראל. מיר דאַרפן וועקן דעם יושר פון דער וועלט. פאַרוואָס ווענדט זיך נישט אונדזער העברעאישער אוניווערזיטעט צו אַלע אַנדערע אוניווערזיטעטן, מען זאָל אונדז העלפן אין אונדזער דראַנג נאָך ארץ ישראל?

— די ערד האָט געשאַפן אַ פּאַנצער צו אירע וואָלקאַנען, און די מענטשהײט האָט געשאַפן איר אינדיווידועלע מאָראַל. דער פּאַנצער האָט אָבער לעכער, וואָס נאָר די ײדישע סאָציאַלע עטיק קען פאַרשטאָפּן.

— מיר זענען אַנטטוישט נישט נאָר אין די דײטשן, נאָר אויך אין פּאָליאַקן, ליטווינער, לעטן, און אוקראַאינער. זײ האָבן אַלע געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען זײ זאָלן קענען, ווי אַ חיה רעה, אַרויפשפּרינגען אויף אונדז, אויך ענגלאַנד האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. דערפאַר — אַדיע אײראָפּע!

— אויך די קולטור איז נישט בײַגעשטאַנען דעם נסיון. אַ געוויסער ד״ר פוקס האָט צוזאַמען מיט אונדזער ד״ר עלקוס געשטודירט קאַנט. און

שפּעטער האָט ער אַרויסגעלאָזן צוויי גרויסע הינט אויף אַ מאַמען, וואָס האָט זיך ביי אים געבעטן פאַר דעם לעבן פון אירע קינדער.

— אַלץ ליגט צעבראָכן. אויך דער סאָציאַליזם איז געוואָרן אַנטהיי־ליקט און טמא. מענטשן זענען גייסטיק פאַרברענט געוואָרן אין פייער.

— מיר ווילן אין דעם קאַמף פון דער וועלט מער נישט אָנטייל נע־מען. מיר זענען זייער באַאומרואיקט וועגן אַמעריקע. דאָרט איז אויך דאָ גיפט.

— זיי אימפּאָרטירן אויך גיפט פון דאַנען. די דייטשע פריילינס, מיט וועמען זיי לאָזן זיך, שענקען זיי פלעשלעך יידן־שנאה. אַט האָט איין סאָלדאַט ביי אַ יידן די באָרד געריסן. און אַ געוויסער „קעפּטען" האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז עס איז אַ שאָד, וואָס היטלער האָט נישט דעם לעצטן יידן אומגעבראַכט.

— אויך ביי אונדז איז עטוואָס דעמאָראַליזירט געוואָרן. יאָ, עס איז געווען וואַרשע און די פּאַרטיזאַנקעס. אָבער אויך שוואַרצקייט. ס'אַ טיפע ווונד. פּראָוואָקאַטאָרן, יידן, וואָס האָבן דורכגעפירט אַקציעס, יידישע קאַפּאָס.

— מיר זענען געוואָרן נאַציאָנאַל — אַלע.

— מיר ווילן אַלע פאָרן און בויען ארץ ישראל. אָבער דאָס איז בלויז אַ פּאַליאַטיוו. צוויי דעצידירנדע כוחות ראַנגלען זיך פאַר דער ממשלה: נאַציע און וועלט. די יידן־פראַגע וועט געלייזט ווערן נאָר דאַן, ווען דער געראַנגל וועט זיך ענדיקן און וועלט וועט זיגן.

— מיר זענען באַזאָרגט איבער דעם קיבוץ אין אַמעריקע. עס איז מער עקאָנאָמיש ווי גייסטיק.

די פרעמדע געטער האָבן אונדז אָפּגענאַרט. מיר מוזן זיך אומקערן צו אונדזער אייגענעם פּראָפעטישן סאָציאַליזם.

אַט אַזוי האָבן גערעדט, אָפּטמאָל היסטעריש, די דורכגעפייניקטע אַליין. און איך האָב דאָך אומגעדולדיק געוואַרט צו הערן דאָס קול פון קאַ־צעט. מיר זענען דאָך געווען אָפּגעריסן פון זיי — פון דער גאַנצער וועלט, אַזוי לאַנג. איז דאָס קול געקומען, און טראָץ זיינע אַלע אָנגעווייטיקטע תשובה־טענער האָט עס מיך נישט אינגאַנצן באַפרידיקט.

דער שמועס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַנטוישונג אין איי־

די פאַך-שולן אין לאַנדסבערג

דער קורס פון שניידעריי



דער קורס פון צאָן-טעכניקער

ראפּע און מיט דראנג נאָך ארץ ישראל. און דאָ און דאָרט האָט זיך אויס־געדרעט א קאוזאלע פארבינדונג צווישן די צוויי געפילן. זיי רייסן זיך קיין ארץ ישראל, ווייל אייראָפּע האָט זיי אָפּגענאַרט.

פּאַרט מען קיין ארץ ישראל נישט מאהבת ארץ ישראל נאָר משנאת אייראָפּע. איז דאָס בלויז אַן אַנטלויפן, און דער נביא האָט געזאָגט: „כי לא בחפזון תצאו ובמנוסה לא תלכון”.

ס'איז נאָך צופיל תוהו ובוהו, און ווייניק אויסגעליטערטקייט. צו־פיל נעגאַטיווע און ווייניק ספּעציפישע אינערלעכע גראוויטאציע.

און נאָך עטוואָס.

איך זוך נאָך אַלץ קדושה. כ'מיין אַ ברענענדיקע ליבע צו מיט־מענטש, געבוירן אין מיטלייד צום געפּייניקטן חבר, און אַרויספלאַקערנדיק איצט אַלס רעאַקציע צו דער שוואַרצער תורה פון שנאה, וואָס היטלער האָט גוילל געוועין פאַר די אויגן פון דער גאַרער וועלט. כ'זוך אַ פאַרגייסטערטע, אַ געהייליקטע פערזענלעכקייט, אַ ניצוץ פון יוסף חיים ברענער.

אויב נישט, איז דאָך אַזוי פיל צער געגאַנגען לאיבוד.

אָט וועגן די ענינים האָב איך טאַקע גערעדט צום שלום פון דער קאָנפערענץ.

כ'האָב גענומען אָפּשייד פון די חברים, וועמען אין זייער אַנסאַמבל און אויך אינדיווידועל וועל איך האַלטן אייביק טייער. כ'האָב זיי גע־ווונטשן, זיי זאָלן קומען „אל המנוחה ואל הנחלה”.

כ'האָב נישט געוווסט, אַז דער גורל וויל נאָך נישט קיין אָפּשייד.

:: :: ::

זונטיק פרי, אַכט און צוואַנציקסטן אַפּריל. איך פּאַק איין מיין טשע־מאָדאַן צו פאָרן קיין סעינט אַטיליען. איך גיי אַרונטער צום פרישטיק. דער לאָקאַלער אונרראַ־דירעקטאָר זיצט שוין ביים טיש. ער דערציילט מיר, אַז צוויי יידישע יינגלעך זענען פאַרשוווּנדן אין דיסען, און דער לאַנדסבער־גער לאַגער איז זייער אומרואיק. מיר לויפן שנעל צום לאַגער.

אַמעריקאַנער מיליטערישע פּאָליציאַנטן שטייען מיט ביקסן און מאַ־שין־ביקסן, ווי אַ שטאָלענער צאַם קעגן דעם טויער פונעם לאַגער.

. יידן, וואָס ווינען אין דרויסן פונעם לאַגער צוזאַמען מיט דייטשן, שטייען אויף דער גאַס אין מורא פאַר אַ דייטשן אָנפאַל.

אינעווייניק שטייט א קאָמפּאַקטע מאַסע פון יונגע יידן און רייסן זיך צום טויער, צו די לעכער פון די מאַשין־ביקסן, וואָס צילן זיך קעגן זיי, גרייט צו שפּייען מיט פייער און טויט.

קולות און געשרייען.

נאַקעטע, שטאַרקע הענט רייסן זיך צום הימל.

וואָס אַזוינס איז געשען?

כ׳לויף אַריין אין אַ הויז פון אַ חבר, און געפין אויס אָט וואָס:

נישט ווייט פון דאַנען, אין אַ דייטשן דאָרף, וואָס הייסט דיסען, איז דאָ אַ הכשרה פון קיבוץ „דרור", ווו די יינגלעך לערנען פישעריי, אַגריקולטור, און אויך די אויבן דערמאָנטע קורסן אין קונסט־קעראַמיק. לעצטע נאַכט, ערב דעם היגן „די דעי", דעם טאָג, ווען די אַמעריקאַנער האָבן זיך פאַראייאָרן אַריינגעריסן אין דער לאַנדסבערגער געגנט, איז, אַנטקעגן דעם קיבוץ, געווען אַ דייטשע פאַרזאַמלונג, און אינעם קיבוץ איז געווען פינצטער, ווייל עמיצער האָט די עלעקטרישע דראָטן איבער־געריסן. האַלב פיר פאַרטאָג, ווען די צוויי חברים זענען אַרויס איבערנע־מען די וואַך, האָבן זיי געזען, אַז די פריערדיקע שומרים זענען נישטאָ. געזוכט אומעטום אין דער פינצטער, און — נישטאָ. ווען די מיליטערישע מאַכט איז אינפאָרמירט געוואָרן, האָט זי איבערגעגעבן די אונטערזוכונג צו דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, וועלכע ווערט, פאַרשטייט זיך, די דייטשן ריינוואַשן. דער איינדרוק איז, אַז די צוויי יינגלעך פון דעם קיבוץ לעבן נישט מער.

כ׳לויף ווידער אַרויס אין גאַס, און פאַל אַריין אין דעם אויפגערעגטן געשריי, וואָס האַלט אין איין שטייגן. די מאַסע וואַרפט זיך ווי כוואַ־ליעס. אויפן הויכן ראַנד פון אַ הויז־לאַנקע מיט דיק־באַוואַקסענע ביימער שטייט דער לאַקאַלער אונררא־דירעקטאָר און בעט זיך, אַז דער עולם זאָל זיך צעגיין. ער זאָגט צו, אַז די רעגירונג וועט די דייטשן באַשטראָפן. דער עולם צעקאָכט זיך נאָך מער. ה. לייוויק רייסט זיך צום וואָרט. אַ פּאָר שווערע אַרבעטער־הענט, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, הייבן זיך איבער דער מאַסע און שרייען פאַרצווייפלט:

— זעקס מיליאָן אונדזערע האָבן זיי אויסגעהרגעט. וואָס ווילן זיי נאָך?

און אַנדערע שרייען:

— זאָלן זיי אונדז געבן משכנות פון דאָרף, ביז מען וועט די ייִנגלעך געפינען!

— צוואַנציק משכנות. צען פּאָר איינעם. אַזוי און אַ סך מער האָבן זיי מיט אונדז געטאָן.

און ביי דער זייט ברענט שטיל אַ דייטשער אויטאָ, אויף וועמען די יידן האָבן אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ און אים אָנגעצונדן. די אַמע־ריקאַנער מ"פּ'ס מיט זייערע שטאָלענע העלמס האַלטן זייער געווער גרייט. רעדנער בייטן זיך אויף דער לאָנקע.

און פּלוצים גיט דער ברענענדיקער אויטאָ אַ שפּרונג, און קנוילן פון פייער און רויך גיבן זיך אַ קייקל פון הינטן אויף דער מאַסע.

און די פּאָליציייאישע קייט מיט די מאַשין־ביקסן צילעוועט זיך. די מחיצה איז בלויז אַ דינער אַראָפּגעלאָזטער שטאַנג אין דער ברייט פונעם אַריינגאַנג. איין צעהיצטער שריט, און ס'פאַלן נייע קרבנות דאָ אויפן אָרט.

אומגליקלעך פאָלק! אייער ווייטיק שרייט צום הימל, און דער הימל איז פאַרשלאָסן. שוין אַ יאָר נאָך אייער כלומרשטער באַפרייאונג, אַ יאָר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַזוי פיל גלויבן אין אייערע באַפרייער, וואָס האָבן אייך שאָקאָלאַדע געגעבן, סיגאַרעטן אַריינגעוואָרפן, און דאָ און דאָרט אַביסל מענטשלעכקייט אייך אַרויסגעוויזן, און זענען אַזוי שנעל, נאָך איידער איר האָט די שאָקאָלאַדע אויפגעגעסן און אייערע סיגאַרעטן אויסגערויכערט, פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, פאַרשטיינערט און פאַרביי־זערט. אַ יאָר פון וואַרטעניש אויף די טויערן פון ארץ ישראל, אַז זיי זאָלן זיך עפענען, אויף קאָמיסיעס, אַז זיי זאָלן אייער גורל אָנטשיידן, אויף גוטע דעמאָקראַטישע פעלקער, זיי זאָלן די אַנטשיידונג פון די קאָמיסיעס אויספילן. אייער גורל שלעפּט זיך ווי פּעך. און איר זענט נישט דערעסן, נישט דערקליידט, און נישט דעראַרבעט, סיידן איר זאָלט זיך צוריק ביי די דייטשן פאַרקנעכטן. און דאָ קענט איר נישט גיין, און דאָ נישט שטיין. איר זענט דאָך די זעלביקע אַרעסטאַנטן, וואָס געוועזן, נאָר אָן געגנוג אַר־בעט אייערע טעג אויסצופילן.

אַ יאָר נאָך אייער באַפרייאונג — ווו איז אייער פרייהייט?

און ארומגערינגלט זענט איר מיט די זעלביקע הארטע פנימער פון אייערע שונאים און מערדער און קינדער צערייסערס. און איר ווארט און ווארט אויף משיחן, וואס זאל קומען איינגעוויקלט אין סערטיפיקאטן. יעדער טאג הייבט זיך אן מיט א פלאטער פון האפענונג און פארגייט מיט א פינצטערן ניין. און אייער געדולד ברעכט, און אייערע נערוון פלאצן. און אט הערט איר, מען הרגעט אויך ווייטער, און די פייערן פון אייער צארן שפרינגען אויף און קייקלען זיך ווי די פייערן פון דעם ברענענדיקן אויטא. וווהין? וווהין! די וועלט הערט נישט. און אויב זי הערט, לאכט זי פון אייער אוממעכטיקייט, פון אייערע נאקעטע פויסטן. צעגייט זיך! וואס? איר צעגייט זיך טאקע? איינציקווייז, מיט אראפגעלאזטע קעפ, ווי תשעה באב אויף דער נאכט נאך קינות? אויסגעשריען זיך, און גארנישט! מען רופט אייך צו א פארזאמלונג, אוועקצושיקן אפשר א פראטעסט אין דער וועלט אריין?

ווי צו אונדז מיט אונדזער שרייען, און צען מאל ווי מיט אונדזער באלד אויסגעשריענער, הייזעריקער הילפלאזיקייט!

מיר זעצן זיך אריין מיט אונדזער טייערן שווער־פארזארגטן ד"ר זלמן גרינבערג צו פארן קיין סעינט אטיליען.

איך שווייג ווי אן אבל. אלע טענות, וואס איך האב ערשט נעכטן און אייערנעכטן געהאט, ווערן איצט אזוי נישט רעאליסטיש.

יידיש לייב און לעבן איז הפקר, און דער יידישער הילפלאזער צער האט אויפגעברויזט.

און מארגן וועט מען אריינזעצן אייער צער אין תפיסה און אים פראצעסירן פאר שטערן דעם פרידן פון דער וועלט.

קאַפּיטל אַכט

סט. אַטיליען

28סטער אַפּריל.

איין גאָט ווייסט, אַז איך וואָלט בעסער באַהאַלטן זיך ערגעץ־ווו הינטער אַ געשלאָסענער טיר, אָדער זיך אויסגעמישט דאָ מיטן עולם, איידער שטיין היינט אָוונט אויף דער בימה און האַלטן אַ רעדע.

וואָרום ווי אַזוי קען איך רעדן, ווען די לאַנדסבערגער פייערן פלאַקערן נאָך פאַר מיינע אויגן, און די שרייענדיקע הענט הייבן זיך נאָך?

איך בין אָבער געוואָרן אַ רייד־אַפּאַראַט. ס׳זענען דאָ טעג, ווען איך רעד דריי, פיר און פינף מאָל.

:: :: :: ,

די ראָלע פון רעדן אויף דער דאָזיקער נסיעה האָב איך מיר לכתחילה גאָרנישט פאָרגעשטעלט.

כ׳האָב גערעכנט קומען צום יחיד און זיך באַהעפטן מיט אים, שטיל און האַרציק, אין אַ קליין אָרעם הדרל, און זיך איינגאָנצן אָנזאַפּן מיט אים.

דערפאַר האָב איך קיין לעקציעס נישט אָנגעגרייט. זענען אַלע מיינע רעדעס אימפּראָוויזירט אונטער דעם איינפלוס פון מאָמענט. איך היט אָפּ דעם באַשלוס, וואָס איך האָב געפאַסט אין גאַרמיש, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געשטאַנען פנים אל פנים מיט דער שארית הפליטה.

גלויב איך, אַז אַזוי איז בעסער. זאָל מיין געדאַנק נישט קומען קיין אָנגעטוענער, אַ פּאַרטיקער. פּאַרטיקע געדאַנקען וואַקסן נישט און זענען אַ מחיצה צווישן מענטשן.

און איך וויל דאָך אַלע מחיצות צעשטערן צווישן מיר, דעם דרויסיקן, און זיי, די לאַגער־געפאַנגענע. איך וויל דאָך ווערן אַן אינעווייניקער.

זאָל זיך מיין געדאַנק טונקען פריער אין די יידנס אויגן. זאָל ער זיך פורעמען אימער אונטערן פרישן אויפרוף פון אַ לאַגער־זאַל.

זאָל זיין תוך זיין צער, זיין גוף — וואונדן און זיינע קליידער — שמאַטעס.

:: :: :: ,

וואָס איז סט. אָטיליען?

א שטילער גרינער בארג מיט א יידישן שפּיטאָל און א גויאישן מאָ-נאסטיר.

שלייכן זיך ארום אַלטע מאָנאכן און טראַכטן וועגן עבודת הבורא, פּונקט ווי תמיד, פאַר היטלער און אונטער היטלער. פאַרקריכן זיי אַמאָל אהער ארום דעם שפּיטאָל, שטעלן זיי אָן א מויל מיט א פּאָר אויגן, אזוי ווי מיט נאָך נישט אָפּגעקילטער איבערראַשונג.

וואָרום אין שפּיטאָל איז יאָ געקומען אָן ענדערונג.

פריער איז געווען א קראַנקן-הויז פאַר ס. ס.-לייט. דער פּלאַץ איז דאָך פון די שענסטע אין בייערן, נישט ווייט פון די טיראָלישע בערג. זע נען געקומען די לעצטע טעג פון קריג, ווען מען האָט געפירט פיר טויזנט יידן פון דאַכאַאו צו די טיראָלן-בערג פאַר פאַרניכטונג. אויפן וועג האָבן די אמעריקאַנער באָמבאַרדירט דעם צוג. די דייטשן זענען אוועק, און די יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. ווען די באָמבאַרדירונג איז שטיל געוואָרן, האָבן אייניקע יידן זיך צוריקגעשאַרט צום צוג, אויפגעריסן מאַ-גאַזינען פון עסן און טרינקען, און א גאַנצע נאַכט זיך משמח געווען.

אין וואַלד זענען געלעגן יידישע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע.

האָט זיי ד״ר זלמן גרינבערג אויף א וואָגן געלייגט און צוגעפאָרן צום שפּיטאָל אין סט. אָטיליען און געזאָגט, אז די אמעריקאַנער קאָמאַנדע האָט אים באַשטימט פאַראויסצוגיין און איבערנעמען דעם שפּיטאָל.

איז א נס געשען און די דייטשע דאָקטוירים האָבן אים געגלויבט.

פאַראיבער א טאָג.

— ווו זענען די אמעריקאַנער?

— זיי וועלן קומען. זיי וועלן קומען.

פאַראיבער צוויי-דריי טעג.

— ווו זענען די אמעריקאנער?

דער שפּיל איז געוואָרן געפּערלעך.

— קוקט דורכן פענצטער — האָט זיך ד״ר גרינבערג אַרויסגערעדט.

זענען זיי צוגעלאָפן צום פענצטער. די אמעריקאנער האָבן מאַרשירט פון דער ווייטן.

איז ד״ר גרינבערג געוואָרן הויפּט-אַרצט — און איז עס אויך איצט — פון סט. אָטיליען.

און אַן אַלטער מאַנאַך פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל, גייט פאַרביי און חידושט זיך נאָך אַלץ אויף דער ענדערונג, וואָס איז געשען פאַר זיינע רואיקע אייביקייטן.

:: :: ::

זענען אויפן אָוונט געווען פינף הונדערט יידישע חולאים און אינוואַלידן.

אפילו אַ געזונטער ייד אין דייטשלאַנד איז קראַנק. אַ קראַנקער ייד דאָ איז נאָך מער ווי קראַנק.

די איינציקע האָפענונג — אַוועק קיין ארץ ישראל — הענגט דאָך אויף טאָפּלטע וואַגשאָלן...

וועלן אַלע יידן אויפגיין, און זיי אַליין, פאַרלאָזן און קראַנק, וועלן דאָ בלייבן?

איז געווען דאָס וואָרט אויפן אָוונט ציטעריק-שטיל אין טרייסלענדיק.

מיר דוכט זיך, אַז די שכינה אַליין האָט אַ טרער געלאָזט פאַלן.

זי שטייט דאָך תמיד צוקאָפּנס פון אַ חולה, בפרט נאָך פון אַזוי פיל חולאים.

און אַ מיידל פון סט. אָטיליען האָט זייער רירנדיק געזונגען פאָלקס-לידער פון געטאָ און קאַצעטן, און האָט געשלונגען אירע טרערן.

אַ סך לידער זענען געשאַפן געוואָרן אין די יאָרן פון ליידן און טויט, און דער עולם נעמט זיי אויף מיט וואַרעמקייט, מיט אַ פלאַטער אין האַרץ, מיט ביי־פאַל.

זיי זענען דער ארכיוו פון אלעמענס געפילן. זענען זיי אלעמען היי־ליק און טייער.

:: :: ::

דער סט. אטיליער אָרקעסטער, אונטער דער לייטונג פון דיריגענט מישא האפמעקלער, האָט געשפילט אַ גאַנצע שעה. ער האָט זיך מיט אונדז גלייך אויף גליך געטיילט אין דעם פּראָגראַם.

מען זאָגט, אַז ער איז זייער באַליבט ביי דעם עולם, אַז יעדן זונטיק אָוונט גיט ער קאָנצערטן, שפּילט יידישע און קלאַסישע מוזיק פאַר די פּאַציענטן, און מוזיק-ליבהאָבער קומען אהער אויך פון אנדערע לאַגערן.

אינטערעסאַנט אָבער איז די היסטאָריע פונעם אָרקעסטער:

אין די פינצטערע טעג פון דער קאָוונער געטאָ, אין 1942, איז ער געבוירן געוואָרן.

אין די גאַסן האָבן די דייטשן און די ליטווינער געכאַפּט מענטשן און אַוועקגעשלעפּט זיי צו דער הריגה, און אין דער אויסגעליידיקטער און צעשטערטער סלאָבאָדקער ישיבה האָט דער אָרקעסטער קאָנצערטירט און אויסגעשפּילט די נייע ארץ ישראל לידער.

אָט אזוי האָט זיך דער יידישער גייסט, וועמען די גויים האָבן גע־וואָלט צום אַלעם ערשטן דעגראַדירן און דערשטיקן, זיך באַריקאַדירט אונ־טער ווענט פון האַרמאָניע און קונסט.

האַרמאָניע אין מיטן פון דעם חיה-רעהשן געבריל?

יאָ. און דאָס איז געווען דער עלינו־לשבח-וועג פון אונדזערע אבות, ווען זיי זענען געגאַנגען אויף קידוש-השם.

ס'איז אַ טריאומפירנדיקער אויסרוף פונעם גייסט, אַז ערגעץ־ווו איז דאָך דאָ אַ זין און אַ האַרמאָנישער ענטפער צו מענטשנס ליידן.

ס'איז איובס פאַרצווייפלטער אויסגעשריי: „אם יקטלני, לו איחל“.

און קונסט דערהייבט. פונקט אזוי ווי די תורה, וועקט זי דעם שטאַרקנדיקן אתה בחרתנו געפיל, ווען מען שטייט פנים אל פנים מיט אַ ברוטאַלן שונא.

דאָס איז דאָך אייגנטלעך אויך אונדזער מיסיע דאָ: צו אויפהייבן זיי פון זייער אייגענעם צער דורך פּאָעזיע און געדאַנק, און אַזוי אַרום צו שטאַרקן זייער געפיל פון מענטשלעכער חשיבות.

פון פּערזענלעכן ביזן אַלוועלטלעכן צער שטייט דער לייטער פון זעלבסט-לייטערונג.

פינף און דרייסיק מוזיקער און זינגער זענען זיי געווען. און אין 1944 זענען נאָר דרייצן פון זיי אָנגעקומען אין דאַכאַאו.

אין דער שרעקלעכער דאַכאַאו האָבן זיי נאָך אַלץ אָנגעפירט מיט זייער מוזיקאַלישער אַרבעט. האָבן זיי זעקס אין קרעמאַטאָריום פאַרלוירן, זענען זיי געבליבן זיבן.

און איצט זענען זיי באַלעבט פון איין געפיל: אָנקומען אַלס אַ קאָלעקטיוו אין ארץ ישראל, און דאָרטן שפּילן אין פרייהייט.

פון קאָוונע, דורך דאַכאַאו, קיין ארץ ישראל — אַ מוזיקאַלישע בריק פאַרוואָרפן.

מאָנטיק פרי, פאַרן אָפּפאָרן. איך גיי אַרוים אויף די קילע לאָנקעס. פון דער ווייטן הייבן זיך די טיראָלן-בערג מיט זייערע געפלאָכטענע שניי-פאַסיקלעך.

ס'קומט צו אַ פרומער יונגערמאַן מיט אַ יאַרמולקע. מיר רעדן וועגן דעם, וואָס דער שונא האָט אָפּגעטאָן צו אונדזערע קינדער. ער דערציילט:

אין טרעבלינקע האָט מען די יידן נישט מכבד געווען מיט שיסן.

אַזאַ מיתה יפה ווי דורך שיסן איז רעזערווירט געווען פאַר העכערע ראַסן.

יידן האָט מען אין פייער געוואָרפן.

נאָר זיבן רבנים האָבן זוכה געווען צו שטאַרבן דורך קוילן.

איידער מען האָט זיי צו דער וואַנט גענומען, האָבן זיי אין טויטן-חדר דורכגעפירט אַ דין ומשפּט אויפן רבונו של עולם. נישט פאַרן אומקום פון עלטערע, וואָרום „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא“, נאָר פאַרן טויט פון די קינדער.

זיי האָבן דאָך נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו זינדיקן.

כשרע קינדער, און אַזוי פיל דערהרגעט.

— און וואָס איז דער פּסק-דין געווען?
דער פּרומער יונגערמאַן האָט געשוויגן.

קאַפּיטל נײַן

דאַכאַו

29סטער אַפּריל.

היינט איז דער באַפרייאונגס־טאָג פון דאַכאַו, דער ערשטער און באַ־רימטסטער קאַצעט פון דייטשלאַנד, אַכצן קילאָמעטער צו נאָרד-וועסט פון מינכען.

דאָס איז געווען דעם צוויי און צוואַנציקסטן אַפּריל, 1945. צוויי טויזנט און פינף הונדערט יידן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין דאַכאַו אויף „אַפּעל“, אָפּגעשטאַנען אַכצן שעה אין רעגן און שניי, איבערגעלאָזט זעכציק טויטע, און נאָכדעם זענען זיי איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ שטייענדיקן צוג אָן שפּייז, אָן וואַסער.

דריי און דרייסיק טויזנט העפטלינגע פון פאַרשידענע פעלקער זענען דאָן געווען אין דאַכאַו, און הימלער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: קיין דאַכאַוער געפאַנגענער טאָר נישט אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין די הענט פון שונא.

איין העפטלינג איז אַנטלאָפן און האָט דאָס מודיע געווען דער אַמע-ריקאַנער אַרמיי, וועלכע האָט באַלד געענדערט איר מאַרשרוט און זיך גע־נומען אויף דאַכאַו.

פּלוצים האָבן זיי דערשפּירט אַן עיפּושדיקן ריח. זיי זענען צוגעקו־מען צום צוג, אויפגעבראָכן די טירן:

די וואַגאָנעס זענען געווען פול געפּאַקט מיט מתים אין געשטרייפטע בגדים.

מיר פאָרן צוזאַמען מיט ד"ר זלמן גרינבערג פון סט. אָטיליען קיין דאַכאַו, וווּ עס ליגן, אויסערן שטאָט, טויזנטער קרבנות אין איין קבר־אחים. מען וועט דאָרט מאַכן הזכרת נשמות.

עס איז געווען אַ כּמאַרנער טאָג, פּונקט ווי אויפן הארצן.

ד"ר זלמן גרינבערג דערציילט וועגן די לעצטע טעג פון מיכאל בור־שטין, דער מחבר פון „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע":

— איינמאָל, ווען בורשטין איז שוין געווען איינגאַנצן געשוואָלן פון הונגער, האָט ער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט:

„וואָס פאַר אַ גוטע מאַמע די ערד איז. אָט נעמט אַן עפּעלע. וואָס פאַר אַ גאַנצע, אַל־חושימדיקע הנאה די מאַמע האָט געוואָלט, מיר זאָלן האָבן פון אַן עפּעלע. די הויט איז גלאַט ווי דאָס פּנים פון אַ קינד. עס ווילט זיך גלעטן עס מיט די פינגער, מיט דער פלאַך פון דער האַנט, מיט בײדע הענט און האָבן הנאה פון דער צאַרטער קיילעכדיקייט.

„און ווי איידל עס קאָלירט זיך און גייט אַריבער פון אַן ערשט־מאַ־איקער גרינקייט צו אַ פלאַמיקייט פון אַ שפּעט־זומערדיקער בלום, אַ מי־ניאַטור פון אַ שיינער שקיעה. דאָס אויג פאַרבט זיך און שכורט זיך אָן מיט קאָלירן. • •

„און שיילסטו אָפּ אַ דין הייטעלע, דערזעסטו נאָך אַ טיפערע צאַרט־קייט, וואָס אפילו די שענסטע שקיעה פאַרמאָגט נישט, אַ צניעותדיקע בלאַסקייט ווי אַן אַקסל פון אַן אשה אין דער שיין פון דער לבנה.

„און דער טעם — אַ גאָט! די זיבן טעמים! עס האָט די ערד געצויגן אַלע וויינען פון אירע טיפע, קילע קעלערן און זיי אַריינגעגאָסן אין דער דאָזיקער פּרי אַזוי, אַז ווען דו נעמסט עס אין מויל, צעגייט זיך דאָס ווײ־ניקייט און דערגרייכט אַלע קעמערלעך פון דיין גוף, און דיין מאַרך און דיין נשמה.

„אַן עפּעלע, אַן עפּעלע! אַ גאָט!"

— אָט אַזוי האָט ער גערעדט, דער הונגער־געשוואָלענער מענטש, און ווען איך בין אַוועק פון אים, האָב איך אָנגעהויבן צו שאַרן זיך אַרום דער קיך. איך האָב ריזיקירט מיטן לעבן, און ער האָט זיין עפּעלע באַקומען.

מיר שטייגן אַרויס פון אויטאָ, גייען אַרויף אויף אַ בערגל, און קומען צו אַ לאַנגער און ברייטער פלאַך ערד שוין איינגאַנצן באַוואַקסן מיט גראָז.

דריי טויזנט מענטשן, וועמען דער שונא האָט נישט געגונג צייט גע־האַט צו פאַרברענען, זענען דאָ צוזאַמען באַגראָבן געוואָרן. נעבן דעם קבר

זענען דאָ נאָך מאַסן-קברים מיט נאָך זיבן טויזנט מענטשן. די ערד איז פול מיט מתים.

אויף די ווינקלען און אויך אין מיטן די זייטן, שטייען יונגע בחורים, נישט יידישע, נאָר פוילישע, אין אַן ערן-וואַך.

איך הייב אָן צו שטוינען: ווו איז די יידישע שמירה איבער די יידישע מתים?

איך דערזע אַ מצבה מיט אַ צלם. יאָ, אַביסל ווייטער, אויך אַ מגן-דוד.

מען באַרואיקט מיך: דאָ ליגן נישט נאָר יידן, נאָר אויך פּאָליאַקן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — אַלע קרבנות פון היטלער, אַלע דורך איין שונא פאַרברידערט.

עס טריפט אַ רעגן, און עס איז ביטער קאַלט.

אויף אַ הילצערנער פּלאַטפאָרמע שטייט דער דאַכאַואער בירגערמייסטער און רעדט. איך הער זיך נישט צו. דוד טרענער, דער הויפּט פון דער הסתדרות ציונית אחידה, בעט דאָס וואָרט.

ער זאָגט אַ פּאָר ווערטער אין העברעאיש. איך הער פון אים צוויי מאָל אין זיין שאַרפן חיתוך הדיבור:

— האדמה הארורה הזאת.

גוט אַזוי, גוט. אָבער עס איז ביטער אויפן האַרצן.

דער דייטשער בירגערמייסטער האַלט שוין ביי שליסן. נאָר ס׳מעלדעט זיך אַ חזן, וואָס טוט אָן דעם טלית און מאַכט „אל מלא רחמים".

פאַרוואָס האָט מען אַזוי אונדזער טרויער אויסגעמישט און פאַרניש-טיקט אין דעם טרויער פון אַנדערע? אונדזער צער איז דאָך נישט צו פאַרגלייכן צו דעם צער פון אַנדערע פעלקער. היטלער אַליין האָט דאָך אונדז אויסגעטיילט און די פעטסטע עליה געגעבן.

פאַרוואָס הילכט נישט אונדזער געשריי דאָ אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל דערהערן, און די ווייטסטע צייטונגען זאָלן עס צעשפּרייטן?

אפילו די קורצע העברעאישע רעדע און דער „אל מלא רחמים" האָבן זיך אַליין באַדאַרפט מעלדן, פּונקט ווי מיר זענען עפּעס אַן „אויך דאָ", עפּעס אַן אָרימער מחותן מיט אַן אָרימען דרשה-געשאַנק.

װער האָט אונדזער קלאָגן אױף אונדזערע מתים אַרױסגעשטופּט, און אונדזער װײטיק פאַרשעמט?

ביטער אָפּגענאַרט גײען מיר צוריק צום אױטאָ, און פאָרן אַרײַן אין דער אײביק־פאַרשאָלטענער װעלט און מענטש־חרפּה, װאָס הײסט דאַכאַו.

גאַסן װי אַלע גאַסן. דײַטשן און דײַטשקעס קוקן אױף אונדז מיט בהמהדיקע אױגן. קינדער שפּילן זיך. אונדזערע קינדער, טױזנטער־טױזנטער, זענען מיט רױך אַװעק.

מיר שטעלן זיך אָפּ און גײען אַרײַן אין אַ גרױסן גאָרטן.

אָט איז דער קרעמאַטאָריום אין מיטן גאָרטן.

אַ רױט הױז פון ציגל, װאָס מענטשן האָבן געלײגט, געגעסן זײער מיטאָג פּונקט צװעלף אַזײגער, אפשר פאַרטרונקען מיט מינכענער ביר, און װײטער די ציגל געלײגט.

בײַם אַרײַנגאַנג — אַ שילדל אין ענגליש, װי עפּעס אַ שילדל בײַם אַרײַנגאַנג פון אַ באָטאַנישן מוזעאום:

This area is being retained as a shrine to the 238.000 individuals who were cremated here. Please don't destroy.

(אָט דער פּלאַץ װערט אָנגעהאַלטן אַלס אַ מצבה צו די 238.000 מענטשן, װאָס מען האָט דאָ פאַרברענט. ביטע, צעשטערט נישט.)

איך לײען איבער די װערטער, און בין הארט װי אַ שטײן, װי די ציפער אױפן שילדל.

:: :: ::

שטיל איז דאַכאַו. װאָס פאַר אַ שײנער גאָרטן דאָס איז, װי זיכער און רײן! פּורפּורנע בלימעלעך — אױף ענגליש הײסן זײ: „פּענזיס", און אױף דײַטש „שטיף־מיטערכען" — װאַקסן אין גלײך־געזױמטע בײטן, װײטע פּרילינג־פּײַנעלעך זינגען. דער רעגן האָט אױפגעהערט. אַ פײַכטע זוניקײט פּליסט. און גרינע טענענבײמער רינגלען אַרום און אַרום.

בלוט און בלומען! גאָט, װער קען די פינצטערניש פון דער דײַטשער נשמה דורכדרינגען.

װאָיען װאָלט באַדאַרפט דער פּלאַץ, װיסט זײַן און װאָיענדיק פּונקט װי דער קלאַנג דאַ־כאַ־או, װאָיענדיק אױף אַלע דורות איבער דער מענטש־לעכער געפאַלנקײט.

איך גיי אַרונטער פון קוימען. איך שלייך אַרום אין אַלע צימערן פון פּייניקונג. עס שטייען בילדער פון די עינויים, געמאָלן פון אַ פּוילישן מאָלער. דו גייסט אַריין און גיסט אַ שפּרונג צוריק. דו ווילסט נישט קוקן, און קוקסט דאָך יאָ, לאַנג־לאַנג.

עס האַלט דיך ווי מיט ביינערנע הענט אויפן האַלדז.

איך גיי אַרויס אין גאָרטן. אָט איז אַ לאַנגע רעשעטע איבער אַ קאַנאַל. דאָ פלעגט מען די קרבנות אויסלייגן מיטן פּנים אַראָפּ, און די קעפּ אַראָפּהאַקן, אַזוי אַז דאָס בלוט איז גלייך אַריינגעפלאָסן אין קאַנאַל.

און נעבן דער רעשעטע, אויף אַ באַנק, זיצט אַ דייטש מיט אַ מעדכען, און נעמען זיך אַרום און סודען זיך.

בלוט און ליבע!

איך טו אַ שוידער. איך פיל זיך עפּעס אומריין, אומריין.

און אַרום די טויט־הייזער און מזבחות, אַרום דעם גאַנצן גאָרטן — אַ וואַסער־קאַנאַל און דראָטן און טאַפּאָלן.

און פונעם קוימען, דוכט זיך, גייט נאָך אויף אַ רויך און ציט זיך צו אַ ווייס וואָלקנדל אין בלויען הימל.

:: :: ::

ניין. נאָך נישט גענוג. עס דאַרף פאַלן נאָך אַ טראָפּן אין מיין כוס אַריין.

איך דאַרף אויפנעמען מיט מיינע אויגן דאָס יידישע לויפעניש פון אונדזער צייט.

מיר פאָרן צוריק קיין מינכען. דרך אגב, זעען מיר די שטעכיקע דראָטן פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דאַכאַו, וווּ מ׳האָט יידן געפּייניקט, איידער מען האָט זיי אין קרעמאַטאָריום געשלעפּט, און וווּ ס׳זענען היינט אַריינגעזעצט די נאַצים.

אָט דאָס הייסט באַשטראָפט.

באַלד וועלן די אָקופּאַציע־אַרמייען זיך צוריקציען. דייטשלאַנד וועט אויפגעריכט ווערן, און די גרויזאַמע רוצחים און פּייניקער וועלן אַלע באַפרייט ווערן.

און אייניקע פון זיי וועלן אָנטאָן שווארצע צילינדער־היט און ווייסע הענטשקעס, און זיצן וואַזשנע מיט פאַרזשמורעטע אויגן אויף זייערע ווייכע בכבודיקע שטולן אין אַ וועלט־פּאַרלאַמענט.

קלוגע וועלט, געררעכטע וועלט.

אָט שטייען זיי דאָרטן, די נאַציס, אין די הונדערטער, אַרום זייערע באַראַקן, מיט זייערע האַלב־נאַקעטע קערפּער אַנטקעגן דער זון.

און די זון וואַרעמט זייערע טריפהנע לייבער. אַלץ איינס ביי איר אויך — ייד צי נאַצי. ווער עס שטעלט איר אָן אַ פּנים, דעם גלעט זי.

מיר פאָרן שטום ווי אבלים, און קומען אָן צו דעם הויז פון דער צ.ק.אָ. (צענטראַל־קאָמיטעט פון די בייערישע יידן), אויף זיבערט גאַס דריי. מינכען.

וואָס טוט זיך דאָ?

מענטשן אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע מיט פעקלעך, איינגעוויקלט אין שמוציקע קאָלדרעס, פלעשער וואַסער אין די טאַשן.

טראָגעדיקע פרויען, אַלטע מענטשן, קינדערלעך, זויג־קינדער.

אויף דער גאַס, אויפן טראָטואַר, אין פאַרהויז, אויף אַלע טרעפּ ביזן צווייטן שטאָק.

אַ רעש, אַ געפּילדער, אַ גערוף, אַ קינדער־געוויין.

דער דיל איז נאַס, ווי אין אַ באָד.

אַ מיידל פון „דזשאָינט" — דער „דזשאָינט" איז אויך אין דער זעלבער געביידע — קומט אַרונטער מיט אַ הייסן קעסל, און טיילט אויס טעפּעלעך קאַווע. דער רעש ווערט אַביסל איינגעשטילט.

איך פרעג אַ נידעריקן און פעסט־געבויטן יידן, מיט עפּעס אַ פינצטערן פּנים, וואָס מען קען נישט וויסן, צי ער איז 30 אָדער 50 יאָר אַלט, מיט אַ פּלאַשטש אַ צעריסענעם, וואָס איז גרין פון אַלטקייט:

פון וואַנען, און וווהין?

— מיר זענען פון פּוילן. מיר פאָרן קיין ארץ ישראל.

— מען קען דאָך אָבער נאָך נישט פאָרן קיין ארץ ישראל.

— מיר וועלן וואַרטן. אין פּוילן הרגעט מען יידן.

א בילד טויכט אויף אין מיין זכרון פון מיין פריער יוגנט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

עלים איילאנד. עמיגראַנטן!

ניין. נישט עמיגראַנטן אָנגעקומענע, וואָס וואַרטן נאָר אויף קרובים, אַז זיי זאָלן קומען און זיי „אַראָפּנעמען".

נאָר גלות, היימלאָזיקייט, היסטערישע לויפעניש, א מידע סטאַנציע אין מיטן וועג, אָן קרובים אין דער גאָרער וועלט.

איך גיי אַרויף צו דער צע. קאַ., און ד"ר זלמן גרינבערג, אויף וועמעס שוואַכע אַקסלען עס פאַלט שווער די משא פון דער שארית הפליטה, דערקלערט מיר מיט האַלב-איינגעהאַלטענער אויפגערעגטקייט:

— וואָס קען מען טאָן, אַז אַלע לאַגערן, פּערמאַנענטע און טראַנזיט, זענען פול — אַכט מענטשן אין איין חדר און די אונרראַ וויל נישט קאָאָפּערירן. מען דאַרף עפענען א נייעם לאַגער. מען לויפט פון פּוילן. און ס'הייבט זיך ערשט אָן. ס'וועלן אָנקומען נאָך, וואָרום פון דאָרטן טרייבט זיי דער טויט, און דאָ מיינען זיי איז דער טויער פון ציון. וווּ זאָלן מיר זיי אַלע אַהינטאָן?

עס לויפט צו א מיידל און איז מודיע: געפונען א לאַגער אויף דער ווילע. נאָכדעם וועט מען זען.

איך גיי אַרויס צום גלות.

א וואָגן קומט אָן. יידן דראַפּען זיך אַרויף מיט זייערע קלומעקעס, מיט זייערע קאָלדרעס.

א מיידל, א „פּאַניענקאַ", מיט געפאַרבטע נעגל און א שמוציק פּנים, שטייט פון דער ווייטנס.

זי לויפט פון רוסלאַנד. שוין לאַנג אַז זי לויפט. און אַלץ וואָס זי האָט געהאַט, האָט מען ביי איר אויף די גרעניצן אָוועקגענומען. זי פאָרט צו איר מאַן אין לאַנדסבערג. וואַרט זי אויף אַן אַנדער וואָגן.

דער פּוילישער ייד מיטן חושבדיקן פּנים זאָגט, ער מוז דאָ בלייבן, ווייל זיין טאָכטער דאַרף קומען אַהער צוזאַמען מיט א גרופּע פון קיבוץ „דרור". דערווייל איבער נאַכט וועט ער שלאָפן אויף דער גאַס, אויף די טרעפּ.

דאָס אָרט פון קרעמאַטאָריום אין דאַכאַו

פּרובירן מיר אים צו באַרואיקן:

— מען וועט זי אַריבערשיקן צו אײַך.

ניין. ער וויל נישט. נאָר דאָ אויף איר אָפּוואַרטן. ער האָט זײַן פרוי אין קרעמאַטאָריום פאַרלוירן. האָט ער מורא, אַז ער וועט אויך זײַן טאָכטער ערגעץ־ווו אויפן וועג פאַרלירן.

און אַן אַנדער ייד, וועמעס פרוי איז שוואַנגער און מען דאַרף זי שיקן אין אַ שפּיטאָל פאַר דער אַנטבינדונג, בעט זיך רחמים:

— צעשיידט אונדז נישט. לאָמיך מיטגיין מיט איר. איך וועל אויף דער גאַס דאָרט נעכטיקן, אויף די שטיינער שלאָפן.

מען טענהט, מען שרייט איינער אויף דעם אַנדערן.

איבערגעבליבענע משפּחה־ברעקלעך זענען היסטעריש, זיי ווילן זיך מער נישט שיידן.

די נאַכט פאַלט צו. דער וואָגן איז שוין אָנגעלאָדן.

מענער און פרויען. קינד און קייט. די זויג־קינדער שלאָפן אין די אָרעמס פון זייערע שטייענדיקע מאַמעס.

מיר ווינטשן זיי אַלע, זיי זאָלן פאָרן געזונט. און זיי ענטפערן אונדז:

— מיר זאָלן זוכה זײַן צו זען זיך אין „ארץ“.

איך קוק זיי נאָך.

טײַערע, אומגליקלעכע ברידער מײַנע! ס'וועט נאָך נעמען לאַנג ביז „ארץ“. ס'ציט זיך נאָך פאַר אײַך אַ לאַנגער וועג מיט קלימעקעס אויף די אַקסלען, מיט הונגער, מיט שלאָפן אויף שטיינער, מיט מידקייט, מיט פאַרצווייפלונג, מיט אַן אומזיסטן שרייען און מיט הענט־הייבעניש צו דער וועלט.

ס'איז אַ פּחד באַפאַלן אַלע פעלקער. איינער שרעקט זיך פאַרן אַנדערן. נאָכן רויטן בין השמשות איז געקומען נאַכט אויף דער וועלט.. איז נישטאָ קיין אויער און נישטאָ קיין אויג פאַר אייער געשריי און פאַר אייערע יסורים.

וואָס זשע וועט זײַן מיט אײַך, עלנדע ברידער מײַנע?

איך קוק זיי נאָך, און דאָס האַרץ איז שווער, אַזוי שווער.

:: :: ::

זלמן גרינבערג קומט אריבער און דערציילט, אז לאנדסבערג האט זיך נאך אלץ נישט בארואיקט, און אז מען האט ארעסטירט צוואנציק חברים פאר שטערן די ארדענונג.

:: :: ::

איך קום ענדלעך אריין אין מיין שטילן צימער, אין די אונרראַ־באַראקן. איך וואַרף זיך אַרויף אויף מיין האַרט בעטל.

ווי לאַנג איז עס זינט איך בין אַפּגעפּאַרן פון דאַנעט? ווו בין איך נעכטן געשלאַפן? ווו בין איך אויפגעשטאַנען? איך קען זיך נישט דער־מאַנען.

מיינע טעג זענען געוואַרן יאַרהונדערטער.

קאַפּיטל צען

ביי אונרראַ אויף קעסט

ניין טעג אַן אויפהער געאַרבעט, אַרומגעפּאַרן, געהאַלטן רעדעס, באַזוכט זעקס פּונקטן: מינכען, גאַרמיש, מיטענוואַלד, לאַנדסבערג, האַלצ־הויזען, דאַכאַאו.

וועלן מיר איצט רוען אַ פּאָר טעג.

ביז אונדזער ווייטערדיקער מאַרשרוט וועט פאַרטיק ווערן.

מיר זענען די גאַנצע צייט אַרומגעפּאַרן אין די מאַשינען פון דעם צע. קאַ. (יידישן צענטראַל־קאַמיטעט). דער אונרראַ־לבוש איז געווען אַ נויטווענדיקייט, כדי אַריינצוקומען אין דער אַקופּירטער זאָנע. אָבער אין דער אַקופּירטער זאָנע גופא זענען מיר דאָך פריי אַרומצופאָרן ווי מיר ווילן. עלעהיי די אויסגעוואָרצלטע גופא.

איצט זאָגט מיר עמיצער, אַז עס איז כדאי, מיר זאָלן זיך איבער־געבן אין די הענט פון אונרראַ, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אונדזער מאַרשרוט,

מודיע זיין די לאָקאַלע אונרראַ-דירעקטאָרן וועגן אונדזער קומען און באַ-זאָרגן אונדזער טראַנספּאָרטאַציע.

כדאַי? פאַרוואָס?

דער ענין איז מיר נישט אינגאַנצן קלאָר. כ'האָב אָבער צוגעשטימט. דער צע. קאָ. אַליין, וועמעס טראַנספּאָרטאַציע־אייגנטום איז דרך אַגב גאַנץ באַשרענקט, האָט מסכים געווען.

דאַרפן מיר וואַרטן, ביז מיר וועלן אויסאַרבעטן פאַר אונדזער ווייטערדיקער רייזע אַ פּלאַן, אין וועלכן מיר האָבן געהאַט די הילף פון משעפּלעין קלאַאוזנער, און אים איבערגעגעבן אַ געוויסן מר. דזש., וועלכער זאָל זיין הסכמה געבן און אַריינגעמען אונדז אין די רעדער פון דער אונרראַ.

דער מר. דזש., אַ יידישער יונגערמאַן אָן חלילה יידישע ידיעות, איז זייער העפלעך און פריינדלעך. ער רעפּרעזענטירט אייגנטלעך דעם „דזשאָינט" אין דער אונרראַ. אָבער קיין נשמה־באַציאונג צו אונדזער אַר-בעט האָט ער נישט, און עס דרייט זיך ביי אים דאָס היטל. אַז מיר ווילן עפּעס ענדערן, וואַרפט ער אונדז דעם גט פאַר די פיס:

— גייט אייך צום צע. קאָ.

רוען מיר דערווייל און באַקענען זיך מיטן לעבן אין אונרראַ.

די הויפּט-קוואַרטיר איז אין פּאַסינג, אַ פאָרשטאָט צו מערב־זייט פון מינכען, אין אַן אימפּאָזאַנטער פיר־שטאָקיקער געביידע. דאָ זענען די פאַרשידענע ביוראָס. דאָ איז אַ טאַנץ-זאַל. דאָ וועט אייך אַ דייטש אָדער אַ פּאָליאַק אָפּפּוצן די שיך פאַר צוויי סיגאַרעטן. און דאָ אין די קאָרי־דאָרן הערט מען אַמאָל דאָס לעבעדיקע העברעאישע וואָרט פון דער מונ־דירטער ארץ ישראל דעלעגאַציע, פון דער יידישער אַגענץ.

די ארץ ישראל דעלעגאַציע טוט דאָ העכסט וויכטיקע אַרבעט, איבער־הויפּט אין שייכות מיט די עליות פון קינדער און דערוואַקסענע, און באַ-שטייט פון אָרום פערציק ליבלעכע בחורים און מיידלעך. און ווו מען טרעפט זיי, ווערט היימיש אויפן האַרצן.

און דאָ אין דעם בנין, אין אַ זייטיקן פליגל, גייט מען אַרונטער עט־לעכע טרעפּ און מען קומט אַריין אין אַ שיינעם עס-זאַל מיט קרישטאָלענע

לאָמפּן באַהאַנגען. קיין געלט צאָלט מען דאָ אין ערגעץ נישט. מען דאַרף בלויז ווייזן אַן אונרראַ-קאַרטל.

זיצן ביי לאַנגע געגרייטע טישן די מונדירטע אָפיצירן מיט פאַרשי־דענע קאָלירטע עמבלעמען אויף די אַקסלען און מען עסט נישט שלעכט. אַ דייטשער אָרקעסטער שפּילט זיס-סענטימענטאַלע מוזיק. דייטשע מייד־לעך באַדינען. און צייטנווייז פליט אַ פלירט צווישן דעם באַדינטן און דער באַדינערן.

אין הויף שטייען גרינע רונדע טישלעך אונטער דער זון און מען טרינקט דעם אמתן מינכענער ביר.

דריי אַזייגער בייטאָג וואַרפן אַלע אוועק די אַרבעט און מען טרינקט טיי און מען פאַרבייסט.

צוויי אָוונטן אין דער וואָך טאַנצט מען.

איז דאָס לעבן לייכט און זאָרגלאָז. צייטונגען לייענט מען ווייניק. איז מען ווי אויף אַן אָפּגעריסענעם אינדזל. מען קען דאָ לייכט פאַרגעסן אַלע צרות פון דער וועלט — אַ וועלט, וואָס האָט דעם שרעקלעכן סוד פון־נעם אַטאָם דערגרייכט, און קען מער קיין מנוחה נישט געפינען. מען קען אפילו פאַרגעסן די אויסגעוואָרצלטע מענטשן, וואָס אייגנטלעך זיי וויל דער אונרראַ כביכול אויפלעבן.

גראַוויטירן טאַקע צו דער אונרראַ אַ סך יונגעלייט, וואָס קענען זיך אין דער היים צו אַן ערנסטע שטעלע נישט דערשלאָגן. גייט דאָ אַרום אַ ווערטל, אַז די ראשי תבות פון אונרראַ זענען גאָר Undesirable Natives Requiring Rest Abroad (אומגעוווּנטשענע בירגער וואָס דאַרפן האָבן רו אין דער פרעמד).

פון דרויסן גרינען באַוואַקסענע קאַשטאַנען-ביימער, און ס'זענען דאָ צוויי גרויסע פּלעצער, ווו מען שפּילט פּילקע, פון איין זייט — פאַר אונ־רראַניקעס און פון דער אַנדערער זייט — פאַר די אויסגעוואָרצלטע.

שלאָפן שלאָפט מען נישט דאָ נאָר אין ליים.

מען נעמט אַזאַ מין באָס, אויך אַן געלט, וואָס טראָגט אויף איר רוקן אַ קוימען, ווען מען שטאָפּט אַן מיט שטיקלעך האָלץ, און אַזוי גייט עס.

דאָ זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע מאַשינען, וואָס לויפן נאָר מיטן כוח פון דעם קוימען.

פאָרט מען אַ צען מינוט און מען קומט אָן אין לייס, וווּ עס זענען דאָ באַראַקן פון ציגל און וווּ די אונרראַניקעס — אויסער די הויכע באַאַמטע — נעכטיקן.

דאָ האָבן מיר, ה. לייוויק און איך, אונדזער צימער.

אַ טונקעלער צימער, אייזערנע בעטלעך מיט האַרטע מאַטראַצן, זעלנערישע קאָלדרעס.

אַ משוגענער וואַנט־זייגער, וואָס ווער ווייסט, ווער עס האָט אים אָנגעצויגן, האַלט אין איין גיין און קלאַפּט אויס די שעהן אָן אַ שום אָרדענונג, ווי אַזוי עס גלוסט זיך אים. דער מינוטן־פינגער איז ביי אים אַזוי ווי אין מיסטן האַלב־אָפּגעהאַקט, זעט ער אויס קלענער פון דעם פינגער, וואָס ווייזט די שעה. קומט אויס, אַז דער זייגער גייט דורך צוועלף שעה אין פינף מינוטן. קען מען קיין טאָלק נישט מאַכן נישט פון זיין קלינגען און נישט פון זיין ווייזן.

דאָך ווערן מיר צוגעצויגן צו דעם זייגער.

אַ ליץ אַזאַ, וואָס מאַכט אונדזער גרויען ערנסט לאַכן, אַ הערשל אַסטראָפּאָליער ביים עצבותדיקן רבין.

און אפשר איז דער זייגער ערגעץ־ווו פאַרבונדן מיט אַ צייט אַזאַ, וואָס האָט פאַרגעסן איר וועג און בלאָנדזשעט הין און צוריק. דערפאַר שלאָגט ער אַ שטייגער פיר בייטאָג, און אַ פערטל שעה נאָכדעם קען ער חרטה האָבן און שלאָגן ניין.

און אויף יענער זייט גאַס וווינען דייטשן אין שיינע הייזער און פאַר זייערע פענצטער בליען ביימער מיט בעז און ווילדע קאַרשן.

שפּאַצירן מיר אַמאָל — לייוויק און איך — פון פאַסינג קיין לייס, און מיר גייען פאַרביי פעטע, מיט אַלפאַלפאַ באַוואַקסענע ערד, און שטילע סטאַדעס שאָף, און אַלץ מישט זיך צוזאַמען, די זיס־אידילישע רואיקייט מיטן בלוטיקן קאָשמאַר, וואָס איז דאָ אויסגעוואַקסן, און עס ווערט אַ גראָטעסק, אַ ביטערער געלעכטער, אַ טייוולאָניש פּנים, וואָס שטעקט אַרויס אַ צונג און צעלאַכט זיך.

גראָטעסק, גראָטעסק, ווו מיר גייען און שטייען — גראָטעסק.

:: :: ::

נאָכאמאָל וועגן לאַנדסבערג.

די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער קאָמיסיע שרייבט איצט איר דין וחשבון.

ווייסט זי, אַז זי חתמעט דעם גורל פון דער גאַנצער שארית הפליטה און פונעם גאַנצן יידישן פאָלק?

איין האָפענונג אינספּירירט דאָ אַלע יידן און גיט זיי דאָס ביסעלע מוט צום לעבן, איין מחשבה, איין נערוון־שפּאַנונג: —

ארץ ישראל.

ארץ ישראל איז ביי זיי, ווי ביי אונדז אַלעמען, אַ געדעכטע היסטאָרישע תביעה, אָבער אויך עטוואָס מער: —

אַ פאַרגיטיקונג פאַר זייערע יסורים און פאַר די יסורים פון די זעקס מיליאָן, פון וועלכע זיי רעכענען זיך אַלס יורשים.

זיי האָבן באמת געדענקט, אַז נאָך דער באַפרייאונג וועט די וועלט, וואָס האָט געשוויגן בשעת דער לאַנגער שחיטה, זיך פילן שולדיק צו די איינציק־געבליבענע און עפענען די טויערן פון ציון:

— גייט אייך, קינדער, און זייט אונדז מוחל, מוחל.

זענען טעג און וואָכן און חדשים פאַראיבער, און דער וועג איז נאָך אַלץ פאַרשפּאַרט.

און מען איז נאָך אַלץ ארומגערינגלט מיט די זעלבע שונאים, וואָס וועקן די ביטערע זכרונות און לאָזן נישט, אַז די וווּנדן זאָלן זיך פאַרהיילן.

מען איז נאָך כמעט אין די זעלבע קאַצעטן.

האָט אין לאַנדסבערג די נערוון־שפּאַנונג געגעבן דעם ערשטן סיגנאַל פון פּלאַצונג און דאָס פאַרביטערטע הארץ האָט זיך אַ ריס געטאָן.

:: :: ::

איך זיץ ביי דער ליכט פון צוויי חלבנע ליכטלעך און זע נאָך אַלץ די פאַר שרייענדיקע הענט און דאָס שפּרינגענדיקע פייער פונעם ברענענדיקן אויטאָ, און טראַכט נאָך אַלץ:

וואָס איז דאָרט אין לאַנדסבערג געשען?

ס'איז נישט געווען קיין אויפשטאַנד. וואָס פאַר אַן אויפשטאַנד?

ס'איז געווען אַ ווידערשטאַנד קעגן דער אַמעריקאַנער מיליטערישער פּאָליציי, וואָס איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט און האָט אים דערפאַר פּראָוואָצירט.

און אַ ווידערשטאַנד נישט מיט הענט, נאָר מיט קול.

די אַמעריקאַנער מיליטערישע פּאָליציי האָט געדענקט, אַז ייִדן וועלן מאַרשירן צו נעמען נקמה פון די דייטשן פאַר די צוויי ייִנגלעך, וואָס זענען פאַרשווונדן.

האָט זי נישט פאַרשטאַנען די ייִדישע פּסיכיק.

ס'זענען דאָך געווען אַזוי פיל געלעגנהייטן פאַר נקמה. פאַרוואָס האָבן מיר זיי נישט אויסגענוצט?

די רוסן, די פּאָליאַקן, אויך די אַמעריקאַנער — זיי האָבן דאָס געטאָן.

איינס און צוויי, און דער ענין איז דערלײדיקט און מען קען ווייטער אָנגיין מיטן סדר היום.

מיר רעדן וועגן נקמה, אָבער מיר פאַרמאָגן נישט די ידי עשו.

מיר ווילן זיך קילן דאָס בלוט כאָטש מיט רעדן, מיט לייענען די פּרשה „זכור את אשר עשה לך עמלק".

אַנדערע פעלקער האָבן נישט קיין זכור את אשר עשה...

זיי טוען אָפּ און פאַרטיק. זיי קענען פאַרגעסן.

מיר מוזן נעבעך געדענקען.

האָט דאָס די אַמעריקאַנער פּאָליציי נישט פאַרשטאַנען.

והשנית, ווי אַזוי האָט זי זיך באַוואָרנט, אַז די נקמה וועט נישט קומען נאָך די פּאָר שעה, וואָס זי איז דאָ געשטאַנען מיט די ביקסן? וועט דען די נקמה אַזוי שנעל זיך אָפּקילן?

והשלישית, און דאָס איז דער עיקר, אויב זי האָט געוואָלט אָפּהיטן אירע ליבע דייטשן, האָט זי דאָך באַדאַרפט זיי אַרומרינגלען דאָרט אין דיסען, מיט אַ שוץ-רינג, אַזוי אַז די נקמה זאָל נישט אַריינדרינגען פון דעם, צי פון יענעם ייִדישן לאַגער, און נישט קומען אַהער און אַרומרינגלען לאַנדסבערג און פּראָוואָצירן די ייִדן מיט דער קייט פון ביקסן און מאַשין-ביקסן.

וואָרום אַז עס איז דאָ אַ קייט, רייסט זיך דער גוף צו באַפרייאונג.

אז עס איז דאָ אַ שטיינערנע וואַנט, וואַרפֿן זיך אויף איר די כוואַליעס.

האָבן די לאַנדסבערגער כוואַליעס אויפֿגעבראַוזט, אויפֿגעשטורעמט, און — זיך אויסגעשטורעמט.

:: :: ::

האָט דער אויפֿברויז געהאַט אַ נוץ? איך גלויב, אַז יאָ.

איך הער, אַז אין די צייטונגען אויסער דער אָקופּאַציע רעדט זיך זייער פֿיל וועגן דעם, וואָס עס איז דאָ פֿאָרגעקומען, אַז עפּעס האָט דאָרט אויפֿגעריסן.

איז אפֿשר דאַרף מען דאַנקען דער קייט און דער וואַנט, וואָרום דורך זיי האָט די וועלט דעם קול פֿון לאַגער דערהערט.

כ'האָב געדענקט, און איך דענק נאָך אַלץ, אַז מיר מוזן צוימען אונדזער צאָרן און דורך צאַמונג שטאַרקן אים נאָך מער, ביז ער וועט אויסברעכן אַליין, מעכטיק און דעצידירנדיק.

און דערווייל זאָל ער זיין אונדזער טרייסט, אונדזער סוד, אונדזער טראַנק.

אָבער אין לעבן פֿון אַן אונטערדריקט פֿאָלק שפּילט אַמאָל דער פֿאַרצווייפֿלטער אַקט אַ ראָלע פֿון אַרויסשלעפּן אַלע פֿעלקער פֿון זייערע בעטן צו זייערע אָפֿענע פֿענצטער.

לאַנדסבערג איז געווען אַזאַ פֿאַרצווייפֿלטער אַקט.

זעט, פֿעלקער, אונדזערע ליידן און ווי אונדזער נערוון־שפּאַנונג האַלט באמת ביים פּלאַצן.

קאפיטל עלף
גאאוטינג

3טער מאי.

ענדלעך האט מען אונדז מודיע געווען פון „אונררא״, אז אלע פארבארייטונגען זענען געמאכט געוואָרן פאר אונדזער וויטערדיקער נסיעה.

מיר פאָרן א צוואנציק מינוט מיטן אויטא צו זיד־וועסט פון מינכען, און קומען אָן אין שווינדזוכט־סאנאטאריום אין גאאוטינג.

נאָדל־ביימער ארום און ארום, און צווישטשענדיקע פייגל. צעבליטע קאשטאנען־ביימער, מיט העננלעך פון ווייסע ליכט, שטייען ווי הויכע מנורות. א פאסנדיקער פלאץ פאר דער קראנקהייט.

מיר שטייגן ארויס פון דער מאשין און קומען אריין אין דער לאקאלער „אונררא״־ביורא. עס נעמט אונדז אויף ד״ר וויים, דער „אונררא״־דירעקטאר, א יונגער, שלאנקער, בלייכער יונגערמאן, וואס זאגט, אז ער קען נישט קיין יידיש, ווייל ער איז גאר א פראנצויז. אלנפאלס, האט מען אים גארנישט מודיע געווען וועגן אונדזער קומען.

ווייזט אויס, אז מען קען זיך נישט פארלאזן אויף דער טיכטיקייט אפילו פון אזא גרויסער ארגאניזאציע ווי „אונררא״.

געקומען — פארפאלן. ד״ר וויים איז מסכים, אז עס זאל דא אראנזשירט ווערן אן אוונט פאר אונדז, אבער מיר מוזן זיך אליין, דורכן מיקראפאן, ווי קאמעדיאנטן, אנאנסירן.

איך דערמאן זיך אין יענעם דיקלעכן יונגנמאן, וואס פלעגט דערשיינען אין די קעטסקיל־בערג, ביים מיטאג אין א האטעל, זיך ארויפשטעלן אויף א בענקל און אנאנסירן זיין קאנצערט, און אויסטיילן צירקולארן וועגן זיך, אז דער וועלט־בארימטער רב און חזן און אפערע־זינגער איז דא.

שטייען מיר און קווענקלען זיך: וואס זאלן מיר טאן? עס איז פארט נישט אנגענעם זיך אליין צו פארשטעלן.

קומט צו א יונג ווייבל און זאגט מיר אין העברעאיש, אז מיר זאלן זיך נישט זארגן. עס וועט שוין זיין, ווער עס זאל דעם עולם איינלאדן.

זי רעדט א זייער שנעלן, האסטיקן העברעאיש, אזוי ווי א צעפלייצטער טייך אין פרילינג, אזוי ווי זי וואלט וואלט נקמה נעמען פאר א סך

יאָרן פון העברעאישער פאַרשטומטקייט. עס קומט אוים ווי איך דאַרף איר נאָכלויפן הערנדיק.

טייערע העברעאישע טעכטער פון די יידישע קהילות אין פוילן!

איך פרעג זי וועגן איר אַרבעט, און זי דערציילט מיר ווי נאָך דער מלחמה, גייענדיק אין אַ גאַס ערגעץ אין פוילן, האָט זי דערהערט פון אַ ראַדיאָ, אַז איר מאַן איז דאָ, אין גאַאַוטינג. ווען זי איז געקומען אַהער, האָט איר דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז איר מאַן געפינט זיך אין זיינע לעצטע מינוטן. עס זענען שוין אַריבער ניין חדשים, אָבער בעסער איז נאָך אַלץ נישט. אַלץ די לעצטע מינוטן. זי האָט אַרויסגעזאָגט „ולוואי שאלקים לא יביישני" (זאָל מיך גאָט נישט פאַרשעמען), און איז אַוועק דורך אַ טיר אין אַן אויסבראָך פון טרערן.

און אָט איז דער אָוונט: אַ דריי הונדערט חולאים זענען זיך צוזאַמענגעקומען. איך רעד אַביסל אין העברעאיש, און דער אַפּלויז איז שטאַרק.

דער פּראָצענט פון העברעאיש-קענער איז לויטן לאַגער. דאָ זענען באמת פאַראַן אַ סך, וואָס קענען און האָבן ליב העברעאיש, און עס איז דאָס ערשטע מאָל, דורך די אַלע שרעקלעכע יאָרן, אַז זיי דערהערן עפּנטלעך דעם העברעאישן קלאַנג.

זיי האָבן מיר נאָכדעם געזאָגט, און זיי האָבן מיך גערירט מיט דעם, אַז עס איז געווען ביי זיי אַ סימבאָל פון זייער באַפרייאונג.

וואָרום חולאים קענען לייכט פאַרגעסן, אַז זיי זענען פריי.

מיר רעדן באַרואיקנדיק און טרייסטנדיק. אין זאַל — יונגע מענטשן, פיל פון זיי נאָך זייער יונגע בחורים און מיידלעך, און אַלע — פאַרצויגענע פנימער מיט רויטלעכע שקיעה-פלעקן אויף די באַקן.

נאָכדעם שטייט אויף אַ געוועזענער העברעאישער לערער און באַדאַנקט אונדז, אָבער, ער דייטעט אָן, אַז אונדזערע ווערטער האָבן נישט אָנגערירט דעם תוך פון זייער אומגליקלעך לעבן.

ער פאַרשטייט, אַז מיר האָבן געהאַט איינזען מיט קראַנקע מענטשן און מיר האָבן דעם ווייטיקדיקן תוך נישט געוואָלט אָנרירן.

אָבער ער מוז דאָס אויסשרייען, אַז זיי ווילן און מוזן גיין קיין „ארץ"

און זיי האָבן מורא, אַז מען וועט זיי, די קראַנקע, דאָ אויף דער דייטשי־שער ערד איבערלאָזן.

זיי פאָדערן אויך שפּייז, פרישע נאַרהאַפטע שפּייז, וואָס זיי קריגן נישט.

מיר גייען אין אַ געדריקטער שטימונג צו אונדזער קוואַרטיר. אויפן וועג דערציילט אונדז אַ חבר פון צ. ק., אַז די געהיימע פּאָליציי האָט זיך באַכגעפרעגט:

— ווי קומט עס, וואָס די דיכטער זענען געוועזן אויפן פּלאַץ אין לאַנדסבערג גראָד דאַן, ווען די אומרואיקייטן האָבן דאָרט אויסגעבראָכן?

הייסט עס, אַז די געהיימע פּאָליציי האַלט אַן אויג אויף אונדז. עפּעס האָב איך געהאַט דאָס געפיל פון זינט מיר האָבן די דייטשע ערד באַרירט, אַז מען שפּיאָנירט, אַז שטילע פיס גייען אונדז נאָך, עפּעס ווייסט מען פון אַלץ, וואָס מיר זאָגן.

ווער איז דאָס, וואָס הערט זיך צו און גיט אַלץ איבער?

ס'האָט זיך נישט געשלאָפן די דאָזיקע נאַכט אין גאַאוטינג.

:: :: ::

אין דער פרי זענען מיר געגאַנגען אין שפּיטאָל.

ס'זענען דאָ פיר הונדערט יידן און פיר הונדערט קריסטן. די שוועס־טער זענען אַלע קאַטויילישע נאָנעס. ס'זענען דאָ זייער ווייניק יידישע דאָק־טוירים, אָבער קיינער קלאָגט זיך נישט אויף דעם.

אַ פאַרביטערטע געפיל נעמט זיי אַלעמען אַרום וועגן זייער שפּייז.

צום פרישטיק באַקומען זיי צוויי זעמעלעך מיט מאַרגאַרין און קאַפע, נישט מער. צו מיטאָג עסן זיי זופּ מיט קאָנסערווירטע, געשמאַקלאָזע פליש, און נישט מער... אפילו נישט קיין ברויט. זייער וועטשערע איז פּונקט ווי זייער אָנבייסן.

קיין אייער, קיין פּוטער, קיין פרישע פליש, קיין פרישע מילך.

און פון די דאָזיקע מאכלים, וואָס האָבן ביי אַ סך פון זיי דעם אַפּעטיט אַטראָפירט — דערוואַרט מען, אַז די חולאים פון העכסטן גראַד טו־בערקולאָז זאָלן דערהאַלט ווערן.

איך האָב געזען, ווי מען האָט אַ חולה דעם מיטאָג געשטעלט אויפן טיש, און ער האָט געקוקט אויף דער שפייז און האָט זיך צו דעם נישט געקענט נעמען.

עס האָט געפייניקט צו זען, ווי ער ראַנגלט זיך מיטן נישט קענען נע־מען זיך צום עסן.

איך וועל מיין גאַנצן לעבן, דוכט זיך, נישט פאַרגעסן דאָס פּופּצן־יעריקע יינגל, מיכאל העלשטיין.

אַ שיין פּנים ווי די זון, מיט שוואַרצע לאָקיקע האָר און קוילן־גליענ־דיקע אויגן.

געבראַכט האָט מען אים אַהער פון די היטלערישע לאַגערן נאָך דער מלחמה. ער האָט שוין נישט געקענט גיין. ער איז שוין געווען אַ מוסעל־מאַן (אַ סקעלעט), און נאָך ניין מאָנאַטן האָט ער נאָך אַלץ קיין כוח נישט ארומצוגיין.

קיין אַפּעטיט האָט ער נישט, זיין קול איז שוואַך.

אַזוי יונג־שיין און אַזוי אַלט־מיד!

ס׳האָט זיין יונגע אַלטקייט זיך געריסן און געשריען אין אַלע עולמות. ס׳האָט אַלע געזונטע מענטשן פאַרזינדיקט.

— יונג בחורל, וואָס ווילסטו פאַר אַ מתנה?

— אַ יידיש בוך.

און נעבן אים איז געשטאַנען אַן אַנדערער חולה און אויף זיין טישל — אַן „אהבת ציון" און אַן אַלטער „ספר השנה ליהודי אמריקה" מיטן אויפשריפט „ד"ר שלמה דויטש" און „מתנת ההסתדרות העברית באמרי־קה". דאָס זענען די איינציקע צוויי העבּרעאישע ביכער, וואָס זענען ביז איצט אָנגעקומען קיין גאַאוטינג.

ווו זענען אַלע טראַנספּאָרטן פון ביכער? ווו איז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום? ווו איז ארץ ישראל?

מיר גייען אויך אין אַנדערע חדרים. מיר זעען יידן אָפּעריערטע, מיט לונגען אָפּגעטויטע, מיט רוקן־ביינער געשניטענע, באַנדאַזשן נאָך בלו־טיקע, פּנימער פאַרצויגענע און „מוסעלמאַנישע". מיר רעדן צו זיי, און זייער קול קומט אַזוי שוואַך ממרחקים.

ס'פּלאַטערט טויט, ערב טויט.

די לופט ווערט אַזוי ווי פּייכט און קלעפּיק. ס'הייבט מיר אָן דריקן אויף דעם האַרץ און אין האַלדז.

איך לויף אַרויס — כאָטש איך גיי פּאַמעלעך, שעמעוודיק — אין דרויסן, צו דער זון.

ס'קומט אַריבער דאָס העברעאישע יונג ווייבל און גיט מיר צוויי העברעאישע זאַכן — איין זאַך אין פּערזן — וואָס זי האָט אָנגעשריבן אונטערן נאָמען „זכרונות מיום שנהרגו ארבעים וחמשה ילדים בקילץ, 29.5.1943“. ס'הייסט מעמוארן וועגן די פינף און פערציק קינדער וואָס זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן אין קיעלץ דעם 29סטן מאַי 1943.

„ס'איז נאָך געווען אַ שפּראָץ אויף טאָג, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו זאַמלען די קינדערלעך אין אַ הויף... אָט שטייען זיי, די קליינע קדושימ־לעך. סאַראַ טומל און אַ רעש. קינדערלעך שרייען: מאַמע, מאַמע, קום אַהער, גיב מיר די האַנט, וועל איך נישט מורא האָבן גיין צום טויט... און אַרום און אַרום שטייען טאַטעס און בלאַסע מאַמעס און זעען אַלץ, און טוען גאָרנישט. זיי קענען אַפילו נישט וויינען. אָקסן, גרויסע נאַרן, אמתע שקלאַפן!... אַן עלטער מיידעלע, די שוואַרצע דאַראַציע, מיט די פינק־לענדיקע אויגן, שטייט און בעט זיך בײַם ס. ס.־מאַן, ער זאָל זי לאָזן מיט־גיין, מיט איר שוועסטער, און ער שטופּט זי אַוועק. און צווישן אַלע קינ־דערלעך, שטייט אויך דער שרייבערינס קליין מיידעלע, גיזיה, און זוכט איר מאַמען: ווו איז זי?“

און די שרייבערין ענדיקט: „מײַן האַרץ ווייטיקט: פאַרוואָס בין איך מיט איר נישט מיטגעגאַנגען? פאַרוואָס האָב איך זי איבערגעלאָזט אַליין?“

דאָס לשון איז זייער פּרימיטיוו און גאָרנישט גראַמאַטיקאַליש. זי רעדט בעסער ווי זי שרייבט. די פּען איז אַפּנים צו אַ לאַנגזאַמער אויס־דרוק־מיטל פאַר איר צעשטורעמטער נשמה. זי לאָזט איבער בײַ מיר דאָס בלעטל פּאַפּיר, קוקט אויף מיר ווי זי בעט זיך, איך זאָל איר כתב געבן אַ תיקון, איר שטום קול אויסשרייען. זי גייט אַוועק.

גיזיה! וויפל מאַמע־ליבשאַפט אָט דעם קינדס נאָמען דערציילט.

כ'ווייס נישט, פון וואַנעט עס שטאַמט, אָבער עס קלינגט מיט אַ

ספעציעלן חן, און עפּעס מיט אַ פּאַראויס-געשפּירטן גורל:
אַן אָפּגעשוירן שעפעלע.
כ׳זע די יונגע טאַטע-מאַמע. זי ליגט נאָך אין בעט, בלאַס און גליק-לעך-פאַרטרוימט.
— וואָס פאַר אַ נאָמען זאָלן מיר אונדזער טעכטערל געבן?
כ׳זע אַלע טעג און נעכט פון ניאַנטשען, פון וואַכן, פון קרייזלען דעם קינדס לעקעלעך, ביז איצט, ביז איצט.
ווען פונעם קינד איז אַ נאָמען געוואָרן, אַ רופנדיקער קלאַנג פון יע-נער וועלט.
און פונעם יונגן ווייבל — אַן אייביק צעבראָכענע מאַמע.
עס רינגלט מיך אַרום אַ גרופּע חולאים, פון די וואָס קענען נאָך אַרומגיין.
זיי זענען אַלע פאַרביטערט און פאַרפּחדט.
צוויי שווערע גורלות טראָגן זיי אויף זיך: דעם היימלאָזן-יידישן און דעם קראַנקן-פּערזענלעכן, און איין גורל וויגט פונעם אַנדערן. דערפאַר וואָס זיי זענען יידן, זענען זיי שווינדזיכטיקע געוואָרן, און דערפאַר וואָס זיי זענען שווינדזיכטיקע, איז זייער יידיש-היימלאָזיקייט נאָך טראַגישער, פאַרצווייפלטער.
אין די ערדיקע בונקערס און אינעם שטענדיקן הונגער האָבן זיי אָנ-געהויבן פון זייער מויל בלוט צו שפּייען.
אָפּגעווישט דאָס בלוט, דער קאַפּאָ זאָל נישט זען — וואָרום פאַר קראַנקע האָבן די קרעמאַטאָריומס פייערדיק געוואַרט — און ווייטער צו דער שווערער אַרבעט געגאַנגען.
דער אָרימער-טייערער יינגל, מיכאל העלשטיין, האָט שטיינער גע-האַקט און לאָפּעטעס ערד געהויבן.
און די טויטע היטלער-האַנט פייניקט זיי נאָך אַלץ. יעדער שטאָך אין דער לונג, יעדער טרוקענער און אין סאַפּראָנאָ-פאַרגייענדיקער הוסט, קומט נאָך אַלץ פון אים, פונעם טויטן פאַרשאָלטענעם רשע.
זענען זיי נישט געוועזענע, נאָר אויך איצטיקע היטלער-קרבנות.
און עס ווינקט צו זיי דער גאַאוטינגער בית עולם, ממש דורכן פענצ-

טער, אַן אייביקער קבר אויף פּוּעמדער דייטשישער ערד.

שרייט ארויס פון זיי אַ פאַרצווייפלטער פּחד, אַז אַפילו ווען די גאולה פון די הונדערט טויזנט וועט קומען, וועט זי זיי אויסמיידן און פאַרבייגיין.

איז דער צער זייער טאָפּלט און צוויי־גאַרנדיק טיף.

טענהט אַ יונגער מאַן, מיט אַ טונקל לענגלעכן אָפּגעצערטן געזיכט, אין בלוי־געשטרייפטע „פּידזשאַמעס" און אַ שוואַרצן מאַנטל איבער די אַקסלען:

— מיר אַפּעלירן דורך אייך צו אַמעריקע. איר האָט פיל מעצענאַטן. זאָל ארויסקומען אַ נדיב און גרינדן פאַר אונדז אַ שווינדזוכט־קאָלאָניע אין „ארץ". אַזוי פיל געלט ווערט דאָך געשיקט אַהער, און קיין פּערמאַנענטע זאַך ווערט נישט געשאַפן. איז דען מעגלעך, אַז ס'איז קיינער נישטאָ, וואָס זאָל האָבן פאַר אונדז פאַרשטענדעניש און וויזיע? עס וואָלט געווען אַ פיזישע און גייסטיקע רעטונג און אַ מתנה לדורות.

ער רעדט מיט הארץ און אויפרעגונג, אַביסל מער ווי עס איז געזונט פאַר אים. אַמאָל איז ער געווען אַ פירער און מדריך ביי דער יוגנט. ער רעדט זייער גוט העברעאיש. איך גיב אים אַ פרעג.

— פון וואַנעט קומט איר?

— פון אוסטראַ.

איך בלייב שטיין אַ פאַרגאַפטער.

— וואָס, זאָגט ער, איר האָט נישט געהערט פון אוסטראַ? ס'איז דאָך די שטאָט פון מהרש"א.

— יאָ, דאָס איז מיין געבורטסשטאָט. כ'האָב די גאַנצע צייט געזוכט מענטשן פון דאָרט און קיינעם נישט געפונען. איר זענט דער ערשטער.

— און אפשר אויך דער איינציקער. די נאַצים האָבן דעם ערשטן טאָג פון זייער אריינקומען אַלע אַכט טויזנט יידן דערשאָסן. איך בין פון פריער פאַרשיקט געווען דורך די רוסן קיין מיטל־אַזיע אין טורמע פאַר ציוניסטישער ארבעט, און ניצול געוואָרן. מיין גאַנצע פאַמיליע, אַלע יידן, פאַרניכטעט.

איך האָב אים געפרעגט וועגן פאַרשידענע יידן, קרובים, פּראָמי־

נענטע באַלעבאַטים, חברים פון מיין קינדהייט. אַלע, אַלע, פאַרניכטעט. ד'עם רייכן קלמן פרענקל, פון דער באַרימטער זוסמאַן משפחה, וואָס ביי זיי איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, האָט מען געפונען, ווען די פייגל האָבן שוין אינגאַנצן צעפּליקט און אויפגעגעסן זיין קערפּער. איבערגע־לאָזן בלויז קנאָכן.

ס'איז געווען אַ פיינע שטאָט, אוסטראַ, דורך און דורך ציוניסטיש, און — ווי אַ סך קהילות אין וואָלין — רעוויזיאָניסטיש. איצט איז זי אינגאַנצן אָפּגעמעקט.

מיר זענען אַריין אין אַ „דזשיפּ". און העצקענדיק זיך איבער דעם נישט גלאַטן וועג, האָבן זיך אין מיין מוח בילדער און מחשבות געמישט. אַ גאַס מיט מענטשן, וואָס שפּאַצירן אין געשטרייפטע פּידזשאַמעס ווי אַרעסטאַנטן... מענטשן צאַפּלענדיק זיך אין נעצן פון צער... אַזוי פיל צערן און בלויז איין האָפענונג — „אַרץ"... און אין דעם לשון פון דעם יונג וויבל האָב איך תפילה געטאָן:

— גאָט, זיי זיי נישט מבייש!

קאַפּיטל צוועלף

אַ געשפּרעך מיט אַ רויטאַרמייער

ביים טויער פון אַ טונקעלן וואַרשטאַט אין אַ לאַגער וואַלגערן זיך פאַרזשאַווערטע אייזנס. אין אַ ווינקל גליען קוילן שטיל אין אַ קליינינקן אויוון.

עס איז אַ זוניקער טאָג. הויכע טאָפּאָלן שטרעקן זיך פון דער ווייטנס צום הימל.

ער האָט מיך אָפּגעוואַרט ביים טויער. ער — אַ האַרטלעך טונקל פּנים, אויסגעקנעט אַזוי, אַז קיין איבעריק טייג זאָל אין ערגעץ נישט זיין. גרויע שפּרינגענדיקע אויגן. רעדט יידיש ווי אַ קאַראַאימער, אָדער

ווי אַ גר, ערשט זיך אויסגעלערנט דאָ אין לאַגער. רעדט אויפגערעגט ווי נאָך אַלץ פון נשמה־שטורעם.

מען האָט מיר געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ מאַיאָר אין דער רויטער אַרמיי. האָט מיך געצויגן צו אים, און אים קענטיק — צו מיר. אָט טרעפן מיר זיך ביים געזעגענען. ער גיט מיר די האַנט מיט אַ שמייכל:

— איר זענט אַן אַמעריקאַנער, אַ דיכטער, און אין העברעאיש. אַן איבערראַשנדיקע קאָמבינאַציע.

— איבערראַשנדיק?

— מיר רעדן דאָ אָפט וועגן די פינף מיליאָן אַמעריקאַנער יידן. לויט ווי מיר הערן, זענען זיי אַכציק פּראָצענט ציוניסטיש. אָבער עס פאַרדריסט אונדז.

— פאַרוואָס?

— איבער זייער פילאַנטראָפּיע.

— פילאַנטראָפּיע איז שלעכט?

— אַ מענטש דאַרף וועלן פאַר זיך אויך, דאָס וואָס ער וויל, אַז אַנדערע זאָלן האָבן.

— וואָס מיינט איר?

— כ'מיין, זייער ציוניזם, און אפשר זייער גאַנצע יידישקייט, איז געצילעוועט פאַר אַנדערע, נישט פאַר זיך. איז דאָס שלעכטע פילאַנטראָפּיע.

ער האָט זיך צעלאַכט. איך האָב זיך געווענדט צו אים מיט מיין פראַגע:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס זענט איר אוועק פון דאָרט?

ער איז געוואָרן ערנסט:

— איך בין נישט דער איינציקער.

— כ'מיין ווי זענט איר געקומען צו אַזאַ פּסיכישן איבערבראָך?

— איבערבראָך? — האָט ער אַ שפּרונג געטאָן מיט זיינע גרויע אויגן אויף מיר.

— אין רוסלאַנד איז מען, דאַכט זיך, קעגנעריש געשטימט צום ציוניזם. זענט איר אויך געווען קעגן?

— גאַנץ באַשטימט.

— נו, ווי אַזוי זענט איר געקומען צום באַגער נאָך ארץ ישראל?

מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער וויל נישט רעדן וועגן דעם ענין. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף ווייטע טאָפּאָלן-שפּיצן, וועלכע האָבן ווייס-גע־גליט אין דער זון.

— אין דער אַרמיי האָט איר זיך אויסגעצייכנט?

— יאָ.

— און קעגנערשאַפט צו אייך אלס ייד איז געווען?

— איך בין קיין ייד נישט געווען. מיינע עלטערן זענען געווען אינ־גאַנצן אַסימילירט. יידיש האָב איך נישט גערעדט. יידיש לעבן האָב איך נישט געוווסט. יידישע חברים האָב איך נישט געהאַט. איך בין געווען אַ רוס... יאָ, איר זענט גערעכט, עפּעס איז פאָרגעקומען אין מיר.

— ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען?

— ניין, נישט קיין איבערבראָך, נאָר אַן אַנטבלויזונג פון דעם באַ־האַלטענעם אין מיר. אַ ייד קען זיך אַמאָל אויסבאַהאַלטן אַ לאַנגע צייט, ווי אַן אנוס אין קעלער, אַמאָל אפילו אַ גאַנצן דור. ער טויכט אָבער אויף. דער ייד איז אייביק.

איצט האָט ער געקוקט אויף מיר גרוי און ווייך. ער האָט זיך נאָכאַ־מאָל צעלאַכט:

— כ'בין געפאָרן אַמאָל אויפן באַן. נעבן מיר איז געזעסן אַ גוטער אַלטיטשקער, אַ ייד. ער האָט זיך געטיילט מיט מיר מיט זיין ברויט. ער האָט מיך געפרעגט, אויב איך דאַוון, האָב איך געענטפערט: ניין. האָט ער געזאָגט, אַז מיין זון וועט דאַוונען. איצט גלויב איך, אַז עס איז מעגלעך.

— מעגלעך, אַז איר אַליין זאָלט אָנהויבן צו דאַוונען?

— יאָ, דאָס אויך. מיר מוזן זיך אַלע אומקערן. מיר מוזן צוריק אונד־זער גאָט געפינען און אומקערן זיך צו אים, צו זיך. מיר מוזן אָפּשיילן, אָפּשקראַבען דעם גוי פון זיך. איך זאָג אייך: דער גוי איז הארט, אומ־מענטשלעך. עס הייסט, מענטשלעך צווישן זיך, איין גוי לגבי דעם אַנ־דערן, אָבער נישט לגבי אונדז. מיר גייען נישט אריין אין זייער חשבון פון מענטשנטום.

כ'האָב אויפגעשוידערט:

— אַזעלכע מחשבות שפּראָצן אַוודאי פון אַ שרעקלעכער איבער־לעבעניש.

— ס'איז געווען אין סאַמע פלאַקער פון מלחמה. מײַנער אַ חבר מיט נאָך זיבעצן סאָלדאַטן, צווישן זיי אייניקע ייִדן, זענען גענומען געוואָרן אין פּלען פון די דײַטשן. איך האָב צוזאַמענגענומען אַ גרופּע סאָלדאַטן, און ווי נאָר עס איז געוואָרן נאַכט, האָבן מיר זיך אַרײַנגעוואָרפן אין אַ טײַך הינטער דעם דײַטשישן לאַגער: געשווומען אונטערן וואַסער, אַטאַקירט די דײַטשע וואַך און איינעם נאָכן אַנדערן זיי אַוועקגעלייגט. איך בין אַרײַן צו אונדזערע חברים און צוריקגעשפּרונגען מיט אַ שוידער... אין שײַן פון אַ רויטן לעמפּל האָב איך געזען, אויסגעלייגט אויף דער ערד, די פיר ייִדן, זייערע פּנימער אָפּגעשונדן, און אַרום זיי, ביי די ווענט, זענען געשטאַנען מײַנע חברים מיט אַ תמעוואַטן שמייכל... דאַן האָט עפּעס אויפגעטויכט אין מיר, די אויסערחשבונקייט פון דעם ייִדן... די פיר אָפּגעשונדענע ייִדישע פּנימער לאָזן מיך נישט שלאָפן... ערגעץ־ווו אין אַ דײַטשיש הויז, מיט שיינע קאָלירן באַפאַרבט, איז פון זייער הויט געוואָרן אַ לאָמפּ־שירם. און מײַנע גויאישע חברים זענען געשטאַנען מיט אַ טיפּשישן שמייכל... און נאָכדעם האָט מען מיך אין דער הויפּט־קוואַרטיר גערופן און געגעבן מיר אַ קרייץ־מעדאַל און געמאַכט מיך פאַר אַ מאַיאָר. אָבער אונטער דעם קרייץ האָט שוין אַ ייִדיש האַרץ געקלאַפּט.

ער האָט מיך באַגלייט. איך בין געגאַנגען צום אויטאָ, און דעם ליכטיקן טאָג נישט געזען. מיט מיר איז געגאַנגען דאָס נאַכט־בילד ביים שײַן פונעם רויטן לעמפּל: שרעקלעכקייט אויף דער ערד און טעמפּקייט אַרום די ווענט. ער האָט גענומען מײַן האַנט:

— איר זענט דער ערשטער, און אַ העברעאישער דיכטער. עס הייסט, עס זענען געווען אַנדערע. זיי האָבן געבראַכט פּעקלעך. וואָס האָב איך געקענט מיט זיי רעדן? זיי האָבן געבראַכט, און איר זענט געקומען... האָב איך אײַך אָפּגעוואַרט. דערציילט די פילאַנטראָפּישע אַמעריקאַנער ייִדן די דאָזיקע געשיכטע. איך פאָר קיין „ארץ", ווו איך וועל זוכן דעם גאָט פון ישראל.

קאַפּיטל דרייצן

ביים „שטאַרענבערגער זעע"

4טער מאַי.

היינט האָבן די בחורימלעך פון „אונררא" נאָכאמאָל דעמאָנסטרירט זייער אומפאַרלעסלעכקייט.

מיר זענען געפאָרן פון גאַוטינג — לויט „אונררא"-אינסטרוקציעס — קיין פעלדאַפינג, און מר. דזש. האָט געזאָלט מודיע זיין וועגן אונדזער קומען.

קומען מיר אָן. ערשט — לא דובים ולא יער. מען האָט אונדז גאָר-נישט דערוואַרט, און דער זאַל איז שוין פאַרנומען. מען שפּילט דאָרט „טוביה דער מילכיקער".

נאָר וואָס דען? מיר זאָלן דערווייל זיך אָפּרוען, אָט דאָרטן אויפן גאַניק. און ווען דער לאָקאַלער „אונררא"-דירעקטאָר וועט קומען, וועלן מיר עסן אָוונטברויט און צוריקפאָרן קיין מינכען.

די אומגעגנט איז וווּנדערבאַר שיין און בעט זיך, מען זאָל אַ קוק טאָן. בלייבן מיר שוין אויף וועטשערע.

דאָס „אונררא"-הויז, ווי אין אַנדערע מקומות, איז נישט אין לאַגער, נאָר אויסערן לאַגער. צופיל געאָגראַפישע התקרבות קען נאָך פירן חלילה צו חברשאַפט, צו מיטלייד און הארצלעכקייט.

געפינט זיך דאָס דאָזיקע „אונררא"-הויז גאָר אין שטוטצינג, ביים באַרימטן „שטאַרענבערגער זעע", און מיר זיצן אויפן גאַניק און קוקן אַרום אויף דעם רואיקן, שפּיגלענדיקן, מיט גרינע ביימער אַרומגערינגלטן וואַסער-פלאַך.

איך פאַרשלים אָבער מיין הארץ, און לאָז די שיינקייט נישט צו. פאַר אונדז איז זי אויף אייביק טמא.

ווער ווייסט נאָך וואָס פאַר אַ בלוט-הוליאַנקעס האָבן זיך די נאַציס געלאָזט דאָ ווילגיין, און אין דער שיינקייט דאָ זיך געשיפּט און געטובלט?

ווער ווייסט, פון וואָס פאַר אַן עבודה זיי האָבן זיך דאָ אָפּגערוט?

מען זאָל קענען דערגרייכן אַן אַנדער שטערן, דעם כוכב מאדים, אָדער צו דער לבנה, וואָלט מען פון דעם גאַנצן כדור הארץ געדאַרפט אַנטלויפן, וואָרום די גאַנצע לופט איז פאַרפּעסטעט מיט זייער הויך, מיט זייער אַריין־און־אַרויס אָטעמען.

קען מען פון דער ערד זיך נישט אָפּרייסן, פאַרפאַלן. אָבער די דייטשע שיינקייט — שקץ תשקצנו.

אָט דאָס איז דער גורל פון דעם היינטיקן יידן אויף גערמאַנישער ערד.

בערג און טייכן, פעלדער און וועלדער. סאַראַ ריינקייט. קיין פאַר־פוילט בלעטעלע פון פאַראַיאָרן אין די טיפסטע וועלדער. פונקט ווי דייטשלאַנד וואָלט אירע אייגענע שדימלעך געהאַט, וואָס גייען אַרום און קלויבן אויף דעם שמוציקן אָפּפאַל, כדי ס׳זאָל זיין שיין און ריין כלפי חוץ.

ציען זיך די אויגן אומעטום און ווילן הנאה האָבן, אָבער דאָס יידיש האַרץ דערמאָנט: זכור את אשר עשה...

זכור 6.000.000.

וואָס־זשע וועט זיין דער תכלית מיט די הונדערט טויזנט יידן, וואָס גייען דאָ אַרום. מיט אַ ביטערקייט, וואָס איז נאָך אפשר טויזנט מאָל גרעסער פון מיינער לגבי דער דאָזיקער ערד, און וואָס טראָגן אין זיך אַזוי פיל נעגאַטיוועס, און בלויז איין פּאָזיטיוון געפיל — אַ האָפענונג אויפן מאָרגן

וואָס טוט מען מיט זייער היינט?

גייסט איז פּאָזיטיוו.

קולטור און ליטעראַטור זענען קאָנסטרוקטיוו. זיי בויען נשמה־לעבן.

וואָס־זשע ווערט געטאָן אין דער דאָזיקער הינזיכט?

די „אונרראַ“, וואָס האָט אַ דערציאונג־אַמט פאַר די יידישע אויסגע־וואָרצלטע, טוט גאָרנישט. די בחורימלעך, וואָס פירן אָן מיט דעם אַמט, האָבן קיין פערזענלעכן אינטערעס נישט צו דער זאַך און קיין יידישע ידיעות נישט.

אפשר איז דאָס אונדזער אויפגאַבע?

בין איך צופרידן מיט אונדזער אַרבעט, מיט אונדזערע אָוונטן?

ניין. איך נישט. מיר האלטן רעפעראטן, לייענען אונדזערע שריפטן, און פארן אוועק.

כ׳קען נישט פארשטיין, וואס ביי זיי אליין, ביי די יידן דא, איז אונדזער ארבעט אזוי אנגעלייגט. מען טראגט אונדז אויף די הענט. אונדזער קומען איז א יום־טוב אין א לאגער.

יא, איך פארשטיי: דערהויבונג פון דער מענטשלעכער חשיבות, הויכע ליטערארישע ספערן, די אנקניפונג פון דער צעריסענער פערזענלעכקייט מיטן רואיקן אמאל, ווען ליטעראטור איז געווען אן אינטערעס אין לעבן.

יא, אבער וואס בלייבט נאכדעם, ווען מיר פארן אוועק?

דער סעמינאר-געדאנק שיינט צו זיין גוט. זיי רעדן זיך אראפ פון הארצן. זיי ווערן גייסטיק אנגערעגט, נישט נאר פאסיוו, דורך הערן, נאר אויך אקטיוו, דורך אויסדרוק. עס איז אבער אלץ נאך ווייניק.

אפשר וואלט אמעריקע, אפשר וואלט ארץ ישראל, באדארפט שיקן א קאדער פון לערער, פון פערזענלעכקייטן, וואס זאלן דא לעבן מיט זיי, איינארדענען טעגלעכע קלאסן, נישט נאר פאר די קינדער, נאר אויך פאר די גרויסע, האלטן לעקציעס, און וועקן דעם גייסט, דעם גייסט אין אלע זיינע פארמען, אין אלע זיינע אויסדרוק-ארטן?

„א שיינער זעע, ניין?"

כ׳וואך אויף פון מיינע מעדיטאציעס. עס שטייט א פעטער ייד, רונד ווי א פאס, מיט א ברייט ווייס געזיכט, מיט א קיילעכדיקן הוילן קאפ, מיט א ווייסן קאלפאק און א ווייסן פארטוך, און מיט א לאנג שמאל מעסער אין האנט. א קוכער, אוודאי, א שטייגער ווי אין „וואלדארף אסטאריא". אלע קוכער זענען דאך פעט און האבן פליכעוואטע קעפ.

יא, געטראפן. און איידער וואס-ווען דערציילט ער פאר אונדז אלעמען, מיט זיינע קליינע אייגעלעך, זיין לעבנס-געשיכטע.

א רומענישער קוכער. זיך אויסגעוואלגערט אין א סך קאצעטן, איבערגעלאזן זיין פרוי און זיינע קינדער אין די פייערדיקע אויוונס. זיך אליין געראטעוועט — ווייסט איר ווי אזוי? — ווייל ער איז אן ערשט־קלאסיקער רומענישער קוכער. קיינער האט זיך נישט געקענט פארגלייכן

מיט אים. קיינער האָט נישט געקענט מאַכן אַזעלכע פּאַטראָוועס און טאַרטן.

מען האָט שוין געוואָלט אים אויך אָוועקשיקן אויף יענער וועלט, נאָר אַ דייטשער שפּייז־באַאַמטער האָט אים צוגענומען פאַר זיך אַלס זיין אייגענעם קוכער.

און ווען דער הויכער באַאַמטער פלעגט האָבן געהויבענע געסט ביים טיש, פלעגט ער, דער קוכער, אריין אויף די קני און מיטטראָגן הויך אי־בערן קאָפּ, דעם גרויסן טאַץ מיט עסן צום טיש. און דער באַלעבאָס פלעגט נעמען אַ שטיק פלייש און אריינבייסן, און אויב עס איז אים געפעלן און די אורחים האָבן הנאה געהאַט, פלעגט ער אַ גלעט טאָן דעם פליכעוואַטן קאָפּ פון דעם אויף די קני שטייענדיקן קוכער, ווי מ'גלעט אַ גוטן הונט, און אַמאָל אויך אַרונטערוואַרפן אים אַ פעטן ביין.

אין מאַטענהיים איז געווען אַ יונגע פרוי, פראַנצל, אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט. פלעגט זי די יידישע קינדערלעך, אַזוי ווי אַ געבראָטן הינדל, ביי די פיסלעך צערייסן. איינמאָל האָט זי געכאַפּט אַ קליין מיידעלע, פאַרשטשירעט די ציין, און געוואָלט אָפּטאָן איר אַרבעט, האָט ער דאָס דערזען, זיך אַ בעט געטאָן ביי איר, אויף די קני שטייענדיק, און זי האָט אַ גלעט געטאָן זיין קאָפּ און דאָס מיידעלע אָפּגעלאָזט.

אַזוי באַליבט איז ער געווען ביי זיי. טאַקע ווי אַ הינטעלע.

נאָר ער האָט זיך נוקם געווען פאַר זיין הינטיש לעבן, ווען דער דריט־טער מאַי, דער טאָג פון זיין באַפרייאונג איז געקומען.

ער האָט געכאַפּט זיין אייגענעם באַלעבאָס און האָט אים געשניטן פאַסנווייז. דער באַלעבאָס האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל אים הרגענען מיטאַמאָל. מיט זיין קיך־מעסער האָט ער ערשטנס די הויט פון זיין ברוסט אָפּגעשונדן. נאָכדעם האָט ער ביי אים פון זיין הינטער־טייל שטיקער פלייש געשניטן:

פאַר זיין הינטיש לעבן.

— פאַר שטיין אויף די קני.

— פאַר די אַראָפּגעוואָרפענע פעטע ביינער.

— פאַר זיין פרוי און קינדער.

— פאר כל ישראל.

און ער האָט די שטיקער פלייש באַזאַלצן און זיי געלייגט אויף דער אָפּגעשניטענער ברוסט, ווי קאָמפּרעסן, ביז דער נאַצי איז אויסגעגאַנגען.

און אויך וועגן דער שווידערלעכער מענטשלעכער ירידה האָט ער דערציילט:

אין אַשוויענטשים פלעגן די איטאַליענער — און אויך אייניקע יידן — ביינאַכט זיך אַריבערגנבענען צו די מתים, אַרויסשניידן די לעבער און אויפעסן.

אַזוי גרויס איז געווען דער הונגער, אַז עס זענען געווען פאַלן, ווען אַ ברודער האָט אַ ברודער דערמאָרדעט צוליב אַ פּאָרציע ברויט.

אַזוי האָט ער גערעדט און איך האָב די גאַנצע צייט געשווידערט ווי אין פיבער.

דער אונרראַ־דירעקטאָר, אַ יידישער „מיידזשאָר" אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אַ הויכער מיט דיקע שוואַרצע וואָנצן, איז געקומען. מען האָט זיך צום טיש געזעצט, און דער קוכער האָט אַריינגעטראָגן דאָס עסן.

איך האָב זיך צו דעם נישט געקענט צורירן.

עפּעס ווי דורך אַ טומאַן, ממרחקים, האָב איך געהערט דעם טיש־געשפּרעך.

זאָגט דער „מיידזשאָר":

— ווייסט איר, ווער עס האָט געוווּנען די קריג? אַמעריקע, רוסלאַנד? ניין. געוווּנען האָט דייטשלאַנד, מיט דער הילף פון די „פּרוויליינס". גיט דעם דייטש אַ געלעגנהייט אויפצוהייבן זיך איבער אייער קני, און ער ווערט באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַנג.

מיר זענען צוריקגעפאָרן קיין מינכען, און איך האָב נאָך אַלץ געשווידערט.

הונגער,
מענטשלעכע ירידה,
און נקמה.

איז מעגלעך, אַז דאָס וואָס אַלע אונטערדריקטע מענטשן גאָרן אַזוי נאָך דעם, און קילן שוין דערמיט, כאָטש נאָך אין דער פאַנטאַזיע, זייער

פארביטערט בלוט, מוז פירן, אין דער אויספילנדיקער טאט, צו מענטש־לעכער ירידה?

אדער איז נקמה גוט, נאר זי מוז זיך זעלבסט נישט דערנידעריקן, און דער שנעלער טויט פון רשע מוז זיין דער גאנצער סילוק פאר אלע גרויליקע ענויים?

קאפיטל פערצן

א וויכטיקע אסיפה

5טער מאי.

מיר האבן היינט בייגעוווינט א זיצונג פונעם צ. ק. (צענטראל־קאמיטעט פון די יידן אין בייערן), אונטערן פארזיץ פון ד"ר זלמן גרינבערג.

צוויי ענינים זענען געווען אויפן טאג־ארדענונג.

ראשית, ס'איז געווארן א יאר זינט דער באפרייאונג פון דער שארית הפליטה. דארף מען שאפן א נייעם טאג אין יידישן לוח, וועלכער זאל דעם טרויער און די פרייד פאראייביקן, א טאג, וועלכער זאל ארייַנשווימען יעדעס יאר ווי א שיף אין א האפן אריין, אויסלאדן שווערע, גרויסע, הייליקע זכרונות, אוועקשווימען און ערגעץ־ווו פון יענער זייט זיך אנלאדן נאכאמאל, און קומען צוריק איבעראיאר.

מאוימדיקע יארן האבן מיר דורכגעלעבט, און מיר זענען פול מיט צוואה, מיט געבאט, מיט „געדענק!" פאר די קומענדיקע צייטן.

געדענקט, איר אלע קומענדיקע דורות, וואס דייטשלאנד האט אונדז אפגעטאן, און וואס גלות קען צו שטאנד ברענגען.

א נייער „זכור את אשר עשה" רייסט זיך ארויס פון אונדז מיט געשריי, און נישט מיר קענען, און נישט מיר טארן אים היסטאריש דערשטיקן.

און ווער האט א רעכט ארויסצוגעבן א באפעל וועגן אזא יום הזכרון? ווער האט די אויטאריטעט צו הייליקן אזא טאג פאר דעם גאנצן פאלק און פאר אלע צייטן?

נישט דער גרעסטער רב, און נישט מאה רבנים, נאר זיי, די דורכ־

געליטענע, די איינציקע געבליבענע, וואָס האָבן די זעקס מיליאָן קדושים אויף זייער לעצטן וועג באַגלייט.

פּראָקלאַמירן זיי איצט דעם טאָג, י"ד אייר, און מיר זענען עדות.

דער צימער איז טונקל. מענטשן זיצן שטיל. און די שארית הפליטה האָט אַ טאָג געבוירן.

מזל־טוב דיר, מאַמע, צו דעם געבורט פון דיין בן-זקונימל. דו זאָלסט אים דערציען אין פריידן, אין ארץ ישראל.

נאָר קיין נאָמען איז נישטאָ.

מען האָט גערעדט וועגן „יום זכרון", „דרור", „שארית".

מען קען זיך נישט באַשליסן.

און דער ווייטיקדיקער אמת איז, אַז דאָס קינד האָט נאָך בכלל נישט קיין פּרצוף־פּנים.

וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש? אַ טרויער־טאָג אָדער אַ יום־טוב? אַ וויין־טאָג אָדער אַ פרייד־טאָג? פּורים אָדער תשעה באב?

מען קען נאָך אַלץ נישט וויסן. דער מצב פון די יידן אין דייטשלאַנד לאָזט נאָך נישט, מען זאָל די פּורים-גראַגערס ארויסנעמען און זיך צעגראַגערן.

דער דאַטום איז אָבער דאָ. געבוירן געוואָרן איז אַ געבורטסטאָג.

דאָס קינד אַליין וועט קומען באַצייטנס.

און מען וועט אַ נייעם על הניסים שרייבן, אַ נייע מגילה פאַרפאַסן, און ריטועלע צערעמאָניעס וועלן דראַמאַטיזירן דעם פּיין און די פרייד, די ליידן און די גבורה, דעם קידוש־השם און דעם נס.

דערווייל איז דאָ י"ד אייר. דער נאָמען — דאָס זעלבע. עלעהיי כ"ף סיון, עשרה בטבת, שבעה עשר בתמוז און תשעה באב.

⁘ ⁘ ⁘

און די צווייטע פראַגע אויפן סדר־היום באַרירט אַ פיינלעכע פאַזע פון אונדזער איצטיקער נאָך־מלחמהדיקער רעאַליסטיק, פון דער יידישער בהלהדיקער וואַגלעניש אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

יידישע ליידן — ביי די גויים איז דאָס אַ מצוה שלא הזמן גרמא.

פאַר א קריג — אַ רעזולטאַט פון אַ פּאַראויסאַנזאָגנדיקער נערוועזיטעט.

אין מיטן א קריג — אַן אויסגוס פון ביטערניש.

נאָך א קריג — א צערודערונג פון דעם איינאָרדענען זיך, א פרימאָרגן־קרבן אויפן מזבח פון שלום.

פּאַראויס-ווייעניש, מיטן־ווייעניש און נאָכווייעניש — און תמיד, תמיד אויפן חשבון פונעם „הארץ", פון דעם פאָלק, וואָס איז לויט ר' יהודה הלוי, דאָס הארץ פון דער וועלט.

זאָגט מיר, ווען דאָס הארץ וואָלט חלילה פּלאַצן, וואָלט דער גאַנצער וועלט־גוף אויך געפּלאַצט?

אויב אזוי איז אפשר —

צעוויטיקטדיקע פעדער מיינע, וווהין פּאַרפּירסטו מיך? —

ס'רייסן זיך איצט יידן פון פּוילן אין די הונדערטער, און ווילן אַריינדרינגען אין דער אמעריקאַנער זאָנע, ווו משיח וועט זיין גאולה־מאַרשרוט אָנהייבן.

ס'איז אָבער נישט אזוי די בענקעניש צו משיח ווי דער פּחד פאַרן מעסער, פאַר דעם פּאָגראָמשטשיקס האַק.

די פּוילישע איינגעוואָרצלטע יידן־שנאה, אויפגערייצט און אויפגעשטורעמט דורך היטלערן, האָט זיך איצט פּאָליטיש צעשפּילט, כדי דאָס פּוילישע לעבן זאָל זיך נישט איינשטעלן, און די פּראָגרעסיווע רעגירונג זאָל קיין שליטה נישט באַקומען, און די פינצטערע כוחות, דערשמעקנדיק יידיש בלוט, זאָלן אַלע פון זייערע נאָרעס אַרויס.

מעסער אין דער נאַכט, מעסער אין העלן טאָג!

לויפן יידן אויף אַלע וועגן, קינד און קייט, מיט די זעקלעך אויף די פּלייצעס.

און די בהלה, ווייזט אויס, הייבט זיך ערשט אָן און וועט ווערן שטאַרקער און שטאַרקער.

והראיה — די אַמעריקאַנער מיליטערישע רעגירונג האָט פּלוצים טיר און טויער פון איר אָקופּירטער זאָנע פאַרשלאָסן.

וואָס־זשע טוט מען מיט די יידן, וואָס לויפן דאָרט פון די רוצחים?

מען קען וואָרענען דאָרט די יידן אין פּוילן, אַז זיי זאָלן זיך נישט רירן פון פּלאַץ, ווייל דאָ לאָזט מען נישט אַריין.

איז דאָס קיין וועג נישט. זיי וועלן די וואָרענונג נישט פאָלגן. וואָרום דאָס לויפן דאָרט איז געוואָרן סטיכיע, ווי דאָס לויפן פון אַ סטאַדע פי פון אַ וואַלד־פייער.

מען קען זיך ווענדן צו די מיליטערישע באַהערשער און אויך אין וואַשינגטאָן און בעטן, מען זאָל צוריק עפענען די גרעניצן.

אַ ברכה לבטלה. איבערהויפּט איצט נאָך לאַנדסבערג, ווען ס'איז דאָ אַ באַציאונג פון פּחד — מישטיינס געזאָגט — און אַ קעגנערישע גע־שטימטקייט צו דער פאַרגרעסערונג פון דער צאָל יידן אין דייטשלאַנד.

ס'איז דאָ אַ דריטער וועג. מ'דאַרף זיך צו קיינעם נישט ווענדן. און מען טאָר נישט חלילה הייסן די יידן דאָרט אין פּוילן, זיי זאָלן בלייבן אין סאַמע פייער. נאָר לאָזן די סטיכיע גיין אין איר פולן גאַנג, און שטילער־הייט עפענען פאַר איר אונדזערע לאַגערן מיט אַ וואַרעמען, ברידערלעכן ברוכים הבאים.

דער איינציקער וועג.

וויי צו אונדז, וואָס מיר מוזן נאָך אַלץ אינעם מאַנטל פון געהיימ־קייט און פינצטערניש — ווי נאַכט־גנבים — ראַטעווען אונדזערע ברידער איינציקוויי פון די רוצחים, און דעם יושרדיקן, העל־טאָגעדיקן וועג פון גאולה — דערלאָזט די וועלט נאָך אַלץ נישט.

כ'בין געזעסן אַ פּאָר שעה מיט די פירער פון דער שארית הפליטה, און אַלס אַ צוגאָב צו אַלע אונדזערע ליידן האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך דעם פּיין, זעענדיק די הילפלאָזיקייט, די אָנמעכטיקייט, די אָרימע איינ־זאַמקייט פון די, וואָס דאַרפן העלפן, און רייסן זיך מיט אַלע זייערע אָרימע כוחות צו העלפן, און — מען לאָזט נישט.

אומיושר פון דער וועלט, ווי איינגעעקשנט דו ביסט!

קאפיטל פופצן

העברעאיש

איך האָב באזוכט די רעדאקציע פון דעם העברעאישן צוויי־וועכנט־לעכן זשורנאל „ניצוץ" (פונק), וואָס איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פאראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע און פון „נוחם". וועגן די ביידע אָרגאַניזאציעס האָב איך שוין אין אַ פריערדיקן קאפיטל געשריבן.

איך מוז גלייך באַמערקן, אַז אויך די וויכטיקע וואָכנשריפט „אונזער וועג", וואָס איז דער אַלגעמיינער אָרגאַן פונעם שארית הפליטה, און ווערט אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון די באפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, איז דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק פון ארץ ישראל.

וואָרום ד ע ר געדאַנק לעבט אין די הערצער פון אַלע איבערגעבליבענע. ער פלעמלט אַרום די בלוי-גרינע ציפערן, וואָס זענען איינגעקריצט אין זייערע אָרעמס ווי די „תגין" אויף די אותיות פון אַ ספר תורה. און אין דעם געדאַנק זענען דער צענטראַל־קאָמיטעט און דער „מרכז ציוני" איינס — כמעט איינס אויך אין פערסאָנאַל.

אין „אונזער וועג", וואָס איז פעאיק רעדאַגירט פון לוי שאַליטאָן, קומט צום אויסדרוק, אָפטמאָל אַפילו היסטעריש, דער קאַשמאַר, פון וועלכן די יידן דאָ קענען זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען. און מען הערט אויך אין דעם זשורנאַל דאָס שטענדיקע קלאַפּן פון יידישע ביינערנע הענט אויף די שטומע ווענט פון דער וועלט: לאָזט אונדז אַרויס! שליסט אויף די טויערן פון אונדזער אייגן לאַנד!

אָבער דער אָפיציעל־ציוניסטישער אָרגאַן איז דער „ניצוץ".

איך לייען אים מיט גרוים הנאה און באַוואונדערונג. ס'אַרא לעבעדיקער און בויגיקער העברעאיש! ווי קומט עס צו זיי, צו די יונגע רעדאַקטאָרן און שרייבער, וועלכע זענען אין דעם שרעק־פעריאָד אַריין אַלס קינדער? ווו האָבן זיי זיך דאָס אויסגעלערנט? און ווי אַזוי האָבן זיי עס נישט פאַרגעסן אין דער קנעכטשאַפט־אַרבעט און אין די לאַנגע טעג און נעכט פון ערב טויט?

אַך, דער נס!

שטעלט אוועק צוזאמען מיט דעם נס פון לעבן אויך דעם נס פון העברעאיש.

איך קום אריין אין א קליין אלקערל, וואס איז די רעדאקציע, און צערעד זיך מיט שלמה פרענקל, איינער פון די דריי יונגע רעדאקטארן. דערפיל איך די הייסע ליבע, און דעם טיפן צער פון העברעאיש.

ליבע?

נאך אין 1940, אין דעם אונטערגרונט פון קאוונער געטא, איז דער „פונק" געבוירן געווארן. דרוקן האט מען נישט געקענט, און יידישע דרוק־אותיות זענען בכלל נישט געווען. האט מען אים געשריבן ווי סופרי סת"ם שרייבן א רייניקייט, און פון האנט צו האנט צעטיילט.

זענען די שרייבער פארטריבן געווארן אין די שרעק־לאגערן פון דאַכאַו. האט מען דעם העברעאישן „פונק" מיטגענומען און ווירקלעך מיט מסירת נפש אים אנגעהאלטן.

אלע כוואליעס פון פיין האט דער „פונק" איבערגעלעבט.

הבו גודל, מען דארף אפגעבן כבוד דער העברעאישער העלדישקייט.

ערשט נאך דער באפרייאונג, צום זעקסטן יאר פון זיין ראנגלענדיקן לעבן, האט דער „ניצוץ" אין מינכען זיך דערשלאגן צו א דרוק. און איצט דערשיינט ער אין פינף טויזנט עקזעמפלארן, אין בלויע אותיות ווי די בלוי פון אונדזער פאן, און מיט דער טריאומפירנדיקער לאזונג: „עוד לא אבדה תקותינו!"

און צער?

יא. כ'וויס, מען טאר נישט טראכטן וועגן וואס עס איז אמאל געווען. טייער איז אלץ, וואס איז איבערגעבליבן, ווי ארים עס זאל נישט זיין. אבער דאך.

דער „ניצוץ" וואלט באדארפט דערשיינען נישט איין מאל אין צוויי וואכן נאר יעדע וואך. אנדערש איז די צווישן־צייט צו גרויס און מען ווערט אפגעוווינט. די באדערפעניש ווערט אפגעשוואכט.

און מען וואלט דעם אינהאלט באדארפט מאכן אביסל רייכער און מער פארשידנארטיק. ער איז צופיל פאליטיש און כמעט גארנישט בעלעטריסטיש.

אמאל דוכט זיך, אז היטלער האט די יידישע פסיכיק אביסל פאר־

האַרטעוועט. דאַרף מען איר דערגרייכן דורך אַ גוטער דערציילונג, אַ גוט ליד, כדי זי אויפעפענען און ווייכער צו מאַכן.

אַ דערציילונג און אַ ליד זענען מושך את הלב, ווערן זיך מערן די לייענער.

און אויב קיין אייגענע בעלעטריסטיק איז נישטאָ, קען מען „לייען" פון אַנדערע צייטונגען, און אַזוי דערציען דעם עולם און וועקן אייגענע טאַלאַנטן.

ווי אין אַ סך פּאָליטישע זשורנאַלן פילט זיך די אַנאָנימקייט פונעם שרייבער. דער איינצלנער פאַרשמעלצט זיך אינעם אידעאָלאָגישן קאָלעקטיוו. איז דאָס אפשר גוט פאַר אַ פּאַרטיי, אָבער אַ סימן פון שוואַכקייט פאַר דער ליטעראַטור.

וואָרום די ליטעראַטור לעבט אויף דער שטאַרקער פּערזענלעכקייט, אויף דעם אַגרעסיוו־שאַפנדיקן אינדיווידואום, וואָס רייסט זיך צו אַנערקענונג, צו זעלבסט־אַנטפּלעקונג, צום וועלט־באַצווינגענדיקן אַנכי.

צו די אַלע זאַכן וואָלט דער אַרויסגעבער, דער מרכז ציוני, באַדאַרפט שענקען אויפמערקזאַמקייט. דער גוטער ווילן איז דאָך דאָ, זאָל אויך קומען די גוטע פאַרווירקלעכונג.

אָבער דער גרעסטער צער איז נישט אינעם „ניצוץ" גופא, נאָר אַרום אים, אין דעם מאַנגל פון אַ העברעאישע סביבה.

ווענט און דעכער שרייען, העברעאיש, אָבער נישט די לאַגער־מענטשן.

מען וואַרט אויף ארץ ישראל, און מען וויל נישט מוסיף זיין מחול אל הקודש.

מען וויל נישט צוגעבן צום שבת די שעה פאַר ליכט־בענטשן.

און דער עיקר, קינדערלעך וואַקסן אָן אַ ריכטיקער העברעאישער דערציאונג.

ווייל קיין לערער זענען נישטאָ. מען שפּאַנט איין אין יאָך איינעם, וואָס קען אַביסל העברעאיש, ווייל ער פּאַסט זיך נישט אַריין אין קיין אַנדער מלאכה.

און קיין לערן־ביכער זענען נישטאָ. און לייען־ביכער אויך נישט.

מען בעט זיך, מען זאָל זיי געבן העברעאישע געשיכטע־ביכער, ווער־טער־ביכער, ענציקלאָפּעדיעס, דראַמעס אויפצופירן.

ליטעראַטור, ליטעראַטור, ליטעראַטור!

ס'איז אַ ליטעראַרישער הונגער.

אַזוי פיל יאָרן האָט דאָס ליטוויש־פּוילישע יידנטום אונדז אַלעמען גייסטיק געשפּייזט, אַזוי אַז מיר לעבן נאָך איצט מיטן כּוח פון זייערע מזונות.

פאַרוואָס־זשע פאַרלאָזן מיר זיי איצט, ווען זייערע בופעטן זענען אויסגעליידיקט?

שיקט אונדז ספרים, שרייען זיי.

און ווו איז אַמעריקע?

און ווו איז ארץ ישראל?

:: :: ::

דער העברעאישער קאָמיטעט פון דעם „מרכז ציוני" האָט מיך איינ־געלאַדן צו אַ זיצונג.

האָט דער פאָרזיצער, דוד טרעגער, דערמאָנט, אַז בשעת דער „מרכז ציוני" האָט אונדז געגעבן אַ קבלת פּנים, האָב איך זיך אויסגעדרוקט, אַז ס'איז נישטאָ קיין קולטור אָן פּאָליטיק, ס'הייסט אָן אַ שטרעבן צו פירן דאָס פאָלק און אים צו ווייזן אַ וועג.

האָב איך איצט צוגעגעבן, אַז ס'איז אויך נישטאָ קיין פּאָליטיק אָן קולטור, אַז די שטאַרקסטע און מערסט־דויערהאַפטע פּאָליטישע שטרע־בונגען שפּראָצן אַרויס פון גייסטיק־קולטיווירטע גרונטן, און אַז דער ציו־ניזם מוז זיך זאָרגן צו פאַרברייטערן און פאַרטיפערן דאָס העברעאישע וואָרט, שוין היינט, הגם מ'איז נאָך אין וועג.

קאַפּיטל זעכצן

פּערענוואַלד

מיר פאָרן מיטן אויטאָ פון מינכען אין אַ זידלעכער ריכטונג ביי דער זייט פון טייך איזאר צום לאַגער פערענוואַלד, וואָס ליגט ביי דעם דייטשישן שטעטל וואָלפסראַטסהויזען.

עס איז אַ זוניקער מאַי־טאָג. פון דער אַנדערער זייט טייך ליגן דייטשקעס אויפן גראָז ביי די דינע רעדער פון שיינע איבערגעדעקטע קינדער־קאַרעטלעך, ליגן האַלב־נאַקעטע דייטשן און וואַרעמען זיך אין דער זון, שפּילט זיך די דייטשע יוגנט, און די פּילקע פליט און יונגע ברוינע הענט כאַפּן.

רואיק, רואיק. סע דאַכט זיך מיר, אַז איך פאָר דאָרטן ביי אונדז אויף די ברעגעס פון האַדסאָן.

דאָקטאָר פּ., אַ רונד, קלוג־סימפּאַטיש פּנים, באַגלייט אונדז.

זיין קול צערייסט מיטאַמאָל מיין שפּינוועב־זוניקע רואיקייט, און עס ווערט אַ קאַשמאַר.

אַ נאַכט אין געטאָ.

אַלע יידן זענען געשטאַנען אין איין דערשראָקענע מאַסע. מענער, פרויען און קינדער. אויך ער מיט זיין פרוי און זיין זיך־טולענדיק קינד.

די ס. ס.־לייט זענען אַרומגעלאָפן און געשריען ווי בעסטיעס. פּראָזשעקטאָרן האָבן געוואָרפן בלענדנדיקע, פאַרטומלענדיקע פּאַסן ליכט, יאַגד־הינט זענען געשפּרונגען און געהאַוועט.

גרוילן, גרוילן, גרוילן.

און אַ ס. ס.ניק איז צו צו אים, אַרויסגעריסן זיין קינד פון זיינע אָרעמס, אַוועקגעשלעפּט זיין פרוי — צו די גאַז-אויוונס.

כמעט אַ געוועגלעך מעשהלע. דער דאָקטאָר אַליין האָט נאָכאַמאָל געהייראַט, ווי אַ סך אַנדערע אין די לאַגערן. ער טראָגט אויך אויפן פינגער אַ גאָלדן רינגל מיט אַ גרויסן רויטן שטיין.

מענטשן זוכן טראָפּן טרייסט אין זייער איינזאַמקייט. קומט זיך צו־

נויף א מאַן מיט אַ פרוי און גייען אונטער דער חופּה פון זייערע צוזאַ־
מענגעפלאָכטענע ווייטיקן.

צעבראָכענע מענטשן. דאָס לעבן שמייכלט, און טיף אייטערט אַ
וווּנד.

און אויף דער וווּנד וואַיעט אייביק דער געדאַנק ווי אַ הונט, און
רייסט זי מיט די לאַפּעס אָן רחמנות:

— ליבסטע מיינע, ליבסטע מיינע, פאַרוואָס בין איך מיט אייך נישט
מיטגעגאַנגען?

:: :: ::

מיר קומען אָן נאָך אַ שעה רייזע אין פערענוואַלד, ווו עס וואַלגערן
זיך פיר טויזנט פינף הונדערט יידן, וואַרטנדיק אויף די סערטיפיקאַטן.
מען גיט אונדז אָפּ אַ שיינעם קבלת פּנים ביים טויער, און מען פירט אונדז
אין אַ מאַשין צו אונדזער קוואַרטיר.

אין די פריערדיקע לאַגערן זענען מיר איינגעשטאַנען אין די אונרראַ־
הייזער. איז דאָס עסן געווען פון דאָס בעסטע, און די בעטן — ווייך. דאָס
מאָל איז מען אונדז מודיע, אַז מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אין לאַגער
גופא. איז גוט אַזוי, וואָס מיר וועלן אויך פאַרזוכן דעם טעם פון זייער
לאַגער-לעבן, פון זייער אויסגעוואָרצלטקייט.

ניין, עס איז מליצה. איך קען פאַרזוכן די טרוקנקייט פון זייער ברויט,
די האַרטקייט פון זייערע בעטן, אָבער נישט דאָס געפיל פון זייער אויס־
געוואָרצלטקייט.

וואָרום וואָס איז דאָס פאַר אַ געפיל? אין וואָס באַשטייט די יידישע
אויסגעוואָרצלטקייט?

עס איז נישט די פאַרוואָגלטקייט, דאָס זיין אָן אַ היים. דאָס איז דער
צושטאַנד פון די אַנדערע אויסגעוואָרצלטע, נישט פון די יידישע. און
דאָס קענען מיר יאָ באַגרייפן. ווער האָט דען אַמאָל אין לעבן נישט גע־
האַט קיין בענקשאַפט נאָך דער היים?

עס איז אויך נישט בלויז דער גוט־באַקאַנטער גלות. וואָרום גלות איז
שכינות. אמת, שכינות מיינט אָפּהענגיקייט פון אַ באַלעבאָס. עס מיינט

אַ געטאָשע באַשרענקטקייט: דאָס איז דיין אַלקערל, ווייטער גיי נישט. עס מיינט אומזיכערקייט. מאָרגן קען דיר דער באַלעבאָס זאָגן: קלויב זיך ארויס פון דאַנען. דאָך, צייטנווייז און ביטער ווי עס איז, איז שכינות דאָך אַ היים.

דער אויסגעוואָרצלטער ייד איז אַ נשרף, וואָס נישט נאָר זיין הויז איז אָפּגעברענט געוואָרן, נאָר אויך דאָס גאַנצע שטיק ערד אונטער אים האָט, אַזוי ווי דורך אַן אַטאָמישער באָמבע, געפּלאַצט, און איז געוואָרן אַ ביזן תהום דערגרייכנדיק לאָך, אַזוי אַז עס קען שוין פאַר אים קיינמאָל קיין הויז דאָרט נישט שטיין. און ערגעץ אַנדערש לאָזט מען אים אויך נישט אַריין. און אויף זיין אַלטן ירושה־הויז הענגט אַ שלאָס און עס שטייט אַ באַוואָפנטער יוון.

איז דאָס נישט בלויז נישט אין דער היימקייט, נאָר דער אַבסאָלוטער פרירנדער נול־גראַד פון היים. עס ציטערט די כּחשבה פון קעלט, ווען מיר גיבן אַ טראַכט וועגן אַזאַ מין לעבן.

און עס איז אויך נישט בלויז אַן אומזיכערקייט. דער ייד האָט אַפילו קיין פּלאַץ אין דער וועלט, קיין רגעלע היינט, וועגן וואָס ער זאָל זיין אומזיכער.

ער לעבט אינגאַנצן אין אַ חלומדיקן מאָרגן. ער גייט אַרום ווי אַ שלאָף־גייער. און אַז ער כאַפּט זיך אויף, פאַלט ער אַריין אין זיין ביטערן נעכטן.

דאָס איז די יידישע אויסגעוואָרצלטקייט. און ווי קען איך דאָס פאַרזוכן?

איך, וואָס איך האָב ערשט היינט אין דער פרי אַ טייערן בריוו פון פרוי און טאָכטער דערהאַלטן, און וואָס איך האָב ערגעץ־ווו אַן אייגענעם חדר מיט ספרים, מיט אַ פענצטער אויפן האָדסאָן!

ווי קען איך מיט מיינע ציטערדיקע פריידן אין דער מחיצה פון די לאַגער־יידן אַריין? — — —

צעשפּרייטע, הילצערנע הייזלעך. מען פירט אונדז אַריין אין קאָמיטעט־הויז אין עס־צימער.

בענק אַרום די ווענט. בענק פון ביידע זייטן פון אַ לאַנגן טיש. פון דער אַנדערער זייט פון הילצערן ווענטל — אַ קיך, און אין מיטן ווענטל

— א לאַך, איבערצוגעבן די מאכלים. אויפשריפטן און בילדער אויף די ווענט.

יידן קומען אַריין, און מיר זעצן זיך עסן ביי אַ לאַנגן טיש.

דאָס עסן איז אָרים, די כלים זענען אָרים, אָבער די אַטמאָספערע — היימיש און ליבלעך.

נישט קיין געפּוצטקייט, נישט קיין שטייפקייט, נאָר אַן אָפנהאַרציקייט און ברידערלעכקייט.

עס דוכט זיך, אַז זיי האָבן רחמים אויף מיר. דאָ איז דאָך די היים, און דו ביסט פאַרוואָגלט געוואָרן אין מרחקים. איז ברוך הבא! זעץ זיך אַוועק און עס וואָס די מאַמע האָט אָפּגעקאָכט.

און די טייערע פרוי, וואָס האָט אונדז דאָס געקעכץ דערלאַנגט, און טאַקע ווי אַ מאַמע געזאָרגט זיך, אַז מיר זאָלן אַלעס עסן, און געערגערט זיך, ווען מיר האָבן אַמאָל אַרויסגעלאָזן — געבענטשט זאָל זי זיין.

יידישע, אָרימע, פּשוטע היימישקייט — ווי ליב און טייער, ווי נאָענט־ווייט דאָס איז מיר.

אַלע לאַגערן זענען אייגנטלעך פון איין טייג געקנעטן, דאָך האָט יעדער לאַגער זיין אייגן פּרצוף־פּנים.

פערענוואַלדס פּנים איז שטילקייט און ברידערלעכקייט.

:: :: ::

און אָט זענען מיר שוין אין דער גרויסער הילצערנער פּאַלאַטע, ווו דריי טויזנט יידן — אַ סך שטייענדיק אויף די פענצטער — זענען געקומען אונדז מקבל פּנים זיין. איך פיל זייער יום־טובדיקע שטימונג, און עס באַגייסטערט מיך.

— רעד צו זיי. וואָס וועסטו צו זיי רעדן?

איך קוק זיך אַריין אין דעם עולם.

יוגנט, יוגנט.

נישטאָ קיין איין אַלטער מאַן, קיין איין גרויער קאָפּ.

אַלע זילבערנע קרוינען זענען מיטן רויך פון די גאַז־קוימנס אַוועק.

נישטאָ קיין זיידעס, וואָס זאָלן גיין מיט שטילע טריט, מיטן טלית־זעקל אונטער דער האַנט, אין שול אַריין.

נישטאָ קײן באָבעס, װאָס זאָלן מיט אײדל-צעקנײטשטע, דײן-דורכ-זיכטיקע הענט פּרײַטיק-צו-נאַכט די ליכט בענטשן.

נישטאָ די, װעלכע האָבן שױן אַלע תּביעות פֿון לעבן אײַנגעשטילט, אַלע חשבונות אָפּגעשלאָסן, און יעדער טאָג איז בײַ זײ אַ חסד פֿון גאָט, און זײ שפּרײטן דעם ליכטיקן חסד אַרום און אַרום.

נישטאָ די, װעלכע זענען אַרױסגעװאַקסן אין אונדזער קינדהײט װי הינטער די פּלײצעס פֿון טאַטע-מאַמע, װי אַ מתּנת-חנם פֿון דער גוטס-קײט פֿון דער װעלט, אױף װעמען מיר האָבן קײנמאָל קײן פּאַרדרוס נישט געהאַט, און בײַ װעמען מיר האָבן געזוכט און געפֿונען שוץ, װען מיר האָבן טאַטע-מאַמע דערצערנט.

אוקראַאיִנישע, ליטװישע און פּױלישע זײדעס און באָבעס, איך קלאָג אױף אײער גורל.

מען האָט אײַך אַלע אַװעקגענומען, און אײַערע אַלטע בײנער אין אומװונס געװאַרעמט.

און איך קלאָג אױך אױף די, װאָס זענען איבערגעבליבן. אַװעקגע-נומען פֿון זײ די שטילע טריט, די אײדעלע הענט, די װײכקײט.

בלױז אַ האַרטקײט געבליבן.

אַװעקגענומען אױך די קינדער.

פֿעלט אָט די װײכקײט פֿון שקיעה און די צאַרטקײט פֿון פֿרימאָרגן.

בלױז אַ האַרטע, העלע מיטטאָגיקײט געבליבן.

איך האָב זיך אױפֿגעשטעלט רעדן, און איך װיל דאָ נאָטירן אײן געדאַנק, װאָס איז דאַכט זיך געקומען װי אַ צװײטע סטאַדיע אין דער אַנטװיקלונג פֿון מײן װאָרט צו דער שארית הפּליטה.

איך האָב אָנגעהױבן אין גאַרמיש מיטן געדאַנק, אַז צער, לױטן ײדישן באַגריף, איז הײליק.

קדושת הצער.

ביסלעכװײז אָבער האָב איך מורא געקראָגן צו אָפּערירן מיטן װאָרט „קדושה”, איך האָב אָנגעהױבן צו זוכן אַ מער דינאַמיש, מער אױפֿפּאָ-דערנדיק װאָרט. און אָט האָב איך זיך אַרױסגערעדט —

גאולת הצער.

דאָס הײסט, אַז עס איז נישט גענוג צו שטרעבן צו באַפֿרײַען זיך,

אויסצולייזן זיך פון צער, נאָר מען דאַרף אים, דעם צער אַליין, אויך אויס־לייזן, וואָרום אויב נישט, זענען דאָך אַזעלכע גרויסע ליידן געווען אומ־זיסט און אומנישט.

און אַפילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז דער צער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער וועלט אומזיסט און אומזיניק, דאַרף מען מאַכן פון אים אַ זין.

ער טאָר נישט פאַרגעסן ווערן. ער מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין גייס־טיקע ווערטן, פּערזענלעך-עטישע, סאָציאַלע און קינסטלעריש-ליטעראַרישע.

דער צער איז דאָך געווען ענערגיע. וויפל כוחות מען האָט באַדאַרפט האָבן דורכצולײדן די יאָרן פון גרויל. דאַרף מען די צער־ענערגיע טראַנס־פאָרמירן אין גייסט־ענערגיע, אַזוי אַז פון דער קללה אַליין זאָל אַ ברכה ווערן.

ה. לייוויק האָט גערעדט מיט פּאַטאָס. עמאַ שייוועך האָט געזונגען. מיר האָבן פאַרגעלייענט פון אונדזערע שריפטן.

נאָכדעם האָבן זיך אַרום אונדז פאַרמירט קרייזן. מען האָט זיך נאָכ־געפרעגט אויף קרובים און באַקאַנטע, וואָס נישט אין אַלע פאַלן האָבן זיי געוווסט די פּינקטלעכע אַדרעסן. זיי האָבן אויך געפרעגט, אויב עס זענען דאָ געבוירענע אַמעריקאַנער וואָס קענען העברעאיש; אויב עס איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע; אויב די יוגנט רייסט זיך קיין „ארץ".

מיר זענען אַריין — לייוויק און איך — אין אונדזער צימער, זיך אָוועקגעלייגט אויף אונדזערע האַרטע בעטן, זיך צוגעדעקט מיט קאָלדרעס, וואָס זענען געווען לאַנג און שמאָל ווי האַנטוכער. עס האָט געווייעט אַ קעלט פון ביידע זייטן.

אָבער עס איז געווען ליב.

מיר דוכט זיך, איך האָב מיין מאַמען געזען אין חלום.

:: :: ::

8טער מאַי.

מיר גייען אַרום אין דער פרי צו באַאָבאַכטן דאָס לאַגער־לעבן, און וואָס מער איך גיי און אָבסערוויר, אַלץ מער ווערט דרינגענד אין מיר דער געדאַנק, אַז דאָס וואָרט „לאַגער", אין שייכות מיט די יידן־גרופּעס אין

דײטשלאַנד, איז פאַרפירעריש פאַלש. מען קאָן מײנען, אַז די ײדן דאָ, ארויסגעקומענע פון קנעכטשאַפט, „לאַגערן" בלויז, וואַלגערן זיך אַרום אָן אַ שום אָרגאַניזירטקייט, און וואַרטן אויף סערטיפיקאַטן. אַ סך ריכ־טיקער און פּאַסנדיקער וואָלט געווען דער נאָמען „קהילה". וואָרום כאָטש צייטווייליק — און די צייטווייליקייט ווערט נישט ארויסגעלאָזט, אַפילו אויף אַ רגע, פון דעם באַוווסטזיין — איז עס דאָך אַן אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו.

און דאָס איז דער נס, וואָס איז געשען מיט די לעבנגעבליבענע מענ־טשן, וואָס איבערנאַכט, באַלד נאָך דער באַפרייאונג, האָבן זיי גענומען צו שאַרן זיך איינער צום אַנדערן, צו אָרגאַניזירן זיך, צו שאַפן סאָציאַלע פאָרמען אויף אַלע שטחים פון אַרבעט און קולטור.

ווען נישט דער נס — און געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס האָבן אים מיט זייערע גייסטיקע אויגן דערזען און האָבן אים מיט גרויס אָנשטרענ־גונג אַזוי ווי פון הימל אַראָפּגעצויגן — וואָלט דאָס רעשטל ײדן דעסאינ־טעגרירט געוואָרן, און די מאָראַלע קאַטאַסטראָפעס וואָלטן געמאַכט אונד־זער חורבן פולשטענדיק.

איז דאָס אַלץ אין דער ליניע פון דער ײדישער טראַדיציע, וואָס אָנ־געהויבן האָט זי משה רבינו, ווען ער האָט די ײדן אין מדבר אָרגאַניזירט אין שבטים, מיט נשיא, מיט פאָנען, איש על מחנהו ואיש על דגלו, און האָט זיי אַרבעט געגעבן, אַ צייטווייליקן משכן צו בויען. אפשר איז דאָס אויך געווען דער סוד פון משכן: די מענטשלעכע הענט זאָלן פון ליידיקייט נישט דעגענערירט ווערן.

און אַזוי איז תמיד געווען. אין די ביטערסטע און וועלט־צער־פאַלנ־דיקע מאָמענטן האָבן מיר דעם תהו ובהו נישט צוגעלאָזט, און אַ קהילה־סטרוקטור אָפּגעהיט, וואָס אָן איר קען קיין קולטור בכלל נישט זיין. מיר האָבן, נישט אַלס אָפּגעריסענע יחידים, נאָר אַלס פאָלק געשפּאַנט אויף אונדזערע גורלדיקע וועגן.

פרימאָרגן אין פערענוואַלד. ײדן אַרבעטן, קינדערלעך לערנען זיך.

אין אָנהייב איז דאָ געווען אַ געמישטער לאַגער, פון ײדישע מיט נישט־ײדישע אויסגעוואָרצלטע. זענען די פרעמדע עלעמענטן געשטאַנען ווי אַ קלין אין דעם ײדישן קאָלעקטיוון ווילן און געהאַלטן אין רייסן דאָס סאָציאַלע

קולטור־געוועב. איז דאָס טאַקע געווען נישט פיל מער ווי אַ לאַגער. ערשט ווען פערעגוואַלד איז געוואָרן ריין־יידיש, זענען זיך די וואַרשטאַטן צע־וואַקסן. די קולטור האָט אויפגעבליט, און די באַפעלקערונג איז געשטיגן ביז היינטיקן טאָג, ווען זי ציילט אַרום פינף טויזנט איינוווינער.

מיר גייען אַריין אין בית יתומים. קינדערלעך, אָן טאַטע און אָן מאַ־מע, אין וואַלד געבוירענע, פון צלמדיקע קלויסטערס אויסגעלייזט, פון „מאַלינעס" (באַהעלטענישן) אַרויסגעשלעפטע, זיצן פריילעך ביי נידע־ריקע טישלעך און עסן אָנבייסן.

איך שטיי פון דער ווייטן און פריי זיך מיט זיי. זיי זענען דאָך פון די וויניק געבליבענע, פון די איינציקע געראַטעוועטע, טייער און געהיי־ליקט דורך דעם צער אין זייערע נשמהלעך, דורך דעם גרויליקן גורל, וואָס האָט געשוועבט אויף אַלע קינדער אין היטלערס רייך. ליבע קינדערלעך, אונדזער אויגן־ליכט.

קומענדיקער טאָג, וואָס איז דיין צייכן? קינדער־זאָרג און קינדער־ליבשאַפט!

און פלוצים דערזע איך פאַר מיר אַ בלייך מיידעלע. איך גיב איר פריידיק די האַנט. איך רעד צו איר יידיש, העברעאיש. זי ענטפערט נישט. נאָר זי שטייט און קוקט אויף מיר, און האַלט מיך מיט איר רחמנותדיק בלאַנקן קוק און מיט דער מינע־לאָזיקייט פון איר אָפּגעצערט געזיכט.

אַן אויפזעערין קומט צו, פירט זי צערטלעך צוריק צום טישל, קערט זיך אום און דערציילט מיר שטיל:

דאָס מיידעלע איז שטום. אַ פּאַרטיזאַנער האָט זי געבראַכט אַהער פון די וועלדער ביי לעמבערג. איינמאָל, ווען די דייטשן האָבן אַרומגע־רינגלט דעם וואַלד און פלוצלינג באַפאַלן די פּאַרטיזאַנער, איז געוואָרן אַ מהומה. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן. זי איז אַנטלאָפן, אָבער דאָס לשון האָט זי פאַרלוירן. מען וועט זי נעמען קיין מינכען צו אַ פּראָפעסאָר. אפשר וועט ער איר צונג אויפבינדן.

— אָבער פאַרוואָס איז זי אַריבערגעקומען צו מיר?

— זי האָט געמיינט, אַז איר קומט פון איר היים, פון לעמבערג, און האָט אַ בריוו פון איר מאַמען. אַט אַזוי טוט זי תמיד, ווען אַן אומבאַקאַנ־

טער קומט. זי האָפּט אַלץ אויף אַ בריוו, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט קומען.

עס שטיקט מיך אַ טרער. איך דערשפּיר די שרעק פון טויזנטער, טויזנטער קינדער אין אייראָפּעס שטעט און וועלדער, און אויך פון די קינדערלעך, וואָס זענען דאָ — די שרעק וואָס פינצטערט און פרירט אונטערן פלאַך פון זייער פריילעכן אָפּביים. איך וויל שוין ענדיקן דעם טאָג ביים אָנהויב, צוריקגיין צו דער קוואַרטיר און זינקען ביחידות אין דער נשמה פון איין קינד, וואָס איז פון שרעק געבליבן אָן אַ קול.

עס רירט מיך אָן אַ האַנט. עס וואַרט אויף מיר אַ טאָג, געשטרייפט און געקעסטלט מיט פּיין און פרייד, און איך מוז דאָס אַלץ דורכגיין און אַריינזאַפּן.

אָט איז אַ שלאָסעריי, וואָס באַשעפטיקט אַכצן אַרבעטער און פיר שילער. מען מאַכט אַ קעסל פאַר דעם רעליגיעזן קיבוץ „וותיקים" (אַ קיבוץ איז אַ גרופּע פון פופציק מענטשן, וואָס אַרבעטן און לעבן אין שותפותדיקער עקאָנאָמיע). מען מאַכט אויך פּרעציזע, ספּיראַלע מאַשין־געצייג פאַר אויטאָמאָבילן. שמעלץ־אויוונס ברענען, האַמערס קלאַפּן און אייזן שפּריצט פונקען.

און אָט איז אַ נייעריי, וווּ ניינציק מיידלעך לערנען זיך די מלאכה, זינגענדיק אָן אַן אויפהער יידישע און העברעאישע לידער.

איך האָב נאָטירט די צוויי וואַרשטאַטן, וואָס אין אַ געוויסער מאָס רעפּרעזענטירן זיי די צוויי־געשלעכטיקייט פון אַרבעט. ס'איז אויך דאָ אַ סטאָלעריי, אַ שמידעריי, אַ ראַדיאָ־פאַבריקאַציע, אַ קורס אין אויטאָמאָביל־אַנטרייבונג. און אומעטום פילט זיך אַ טיפע ערנסטקייט, אַן אַבסאָרבירטקייט.

איז דאָס די איינציקע רפואה? וועט אַרבעט דעם היטלער קאָשמאַר פון דער נשמה אַרויסציען און אים פאַרטרייבן אין אַלע וויסטע מדבריות? אָדער איז דאָס אויך בלויז אַ שיכרות, אַ צייטווייליקע באַרוישונג, און עס וועט נאָך אַ לאַנגע צייט די נשמה וויינען אין שטילע נעכט?

וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז מיט דעם וואָרט „במדבר" פון אויבן? עס איז די רעדאַקציע פון דער לאַגער־צייטונג מיט דעם דאָזיקן נאָמען. מיר

גייען אריין. איך זע, פשוט, ווייל עס איז קיין יידישע דרוק נישטאָ — אין לאַטיינישע בוכשטאַבן און אין אַ פּוילישער אָרטאָגראַפיע. איך נעם לייענען און איך שלעפּ זיך ווי אויף רודעס. זיי, ווייזט אויס, זענען שוין צוגעוווינט. קיין געפּאַר פאַר די יידישע אותיות איז זיכער נישטאָ.

לאָמיך אָבער טראַנסליטערירן דעם שבועהדיקן מאָטאָ פון דער צײַ־טונג, ווייל עס גיט אַ פּירוש אויפן נאָמען, און דריקט אויס דעם געמיט פון דער שארית הפליטה אין די ערשטע טעג און אויך איצט.

„במדבר — אין וויסטעניש, אויפן וועג, אויף וועלכן
מיר וועלן זיך נישט פאַרהאַלטן, נישט אָפּשטעלן.
במדבר — אויפן וועג, וועלכער קען נישט קיין
צוריקקער, נאָר איין ציל — ארץ ישראל."

נישט קיין סך נחת האָב איך געהאַט, ווען מיר האָבן באַזוכט אַ קלאַס פון דער „תרבות־שול", וווּ עס לערנען זיך צוויי הונדערט קינדער. ס'איז נישטאָ אין די לאַגערן קיין געשולטער, קיין הארציקער לערער־מאַטעריאַל, איז די אַטמאָספערע אין די קלאַסן קאַלט און גייסטלאָז, די שיטה — פּרי־מיטיוו, אָדער אינגאַנצן קיין שיטה נישט, און דער פאַרשריט איז, מיר דוכט זיך, נול. פאַרוואָס אינטערעסירט זיך נישט די יידישע וועלט אין דעם חינוך פון די שארית הפליטה־קינדער? עס איז דאָך אַזוי וויכטיק, פון אַ נאַציאָנאַלן און אויך פון אַ מענטשלעכן שטאַנדפּונקט אים אויסצו־בעסערן. פאַרוואָס שיקן נישט ארץ ישראל און אַמעריקע לערער־פּיאָנערן, וואָס זאָלן אייגעלעך צינדן און הערצלעך וועקן? פאַרוואָס פאַרלאָזט מען זיי דאָ? מען שיקט זיי שפּייז־פּאַסילקעס, אָבער ברויט אַליין איז נאָך נישט אַלץ.

מען זאָגט מיר, אַז עס זענען פאַראַן אויך פערציק רעליגיעזע מיידלעך, וואָס לערנען זיך אין דער שול פון יענער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרויס־געגעבן העלדישע, מאַרטירערישע מיידלעך — די „בנות יעקב". שרייב איך די שורות מיט פאַרדראָס, וואָס איך האָב די שול נישט געזען. אַ רעליגיע־זער ציטער — ווייל איז דעם האַרץ, וואָס פאַרמאָגט עס נאָך!

און אָט גיי איך דורך טונקעלע קאָרידאָרן, און קום אַריין אין דער ישיבה „שארית הפליטה". אַ גרויסער צימער, בענק און טישן בײַ די ווענט,

ביי די פענצטער, און אין מיטן צימער, אָן אַן אָרדענונג אויסגעשטעלט. בחורים זיצן מיט פאַרדרייטע דאַשעקעס, און אַ ניגון ציט זיך פון אַמאָל, אַמאָל —

המביא גט ממדינת הים.

ברוך־שטיקער פון מיינע יוגנט־יאָרן, טייערע חברים! שוין אַגאַנצער דור אַריבער, זינט איך האָב אייך אין מירער ישיבה געלאָזן. כ'בין אוועק אין דער פרייער וועלט, תורה ביי די גויים געלערנט, מיין צונג אַריינגעדרייט אין אַן אַנדער לשון אַריין, אין אַנדערע פרייערע לעבנס־פאָרמען זיך אַריינגעלעבט. און אָט פאַל איך ווידער אַריין צו אייך, און איר זענט נאָך אַלע יונג און די זעלבע ווי אַמאָל. עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט, עס איז דער זעלביקער ניגון —

המביא גט ממדינת הים.

און עס זענען נישטאָ קיין אַנדערע פראַגן, פראַגן וועגן וועלט־גורל, וועגן מענטשלעכער שלעכטסקייט, וועגן דעם פאַרוואָס און פאַרווען פון אונדזערע אייגענע יידן. אַלץ ווערט בטל. נישט דו דאַרפסט פרעגן, ווייל נישט דו קענסט ענטפערן. עס איז דאָ בלויז איין פראַגע, אין וועלכער דו קענסט אַלע דיינע ווייען און פאַרווונדערונגען אַריינפרעסן און אַריינזינגען —

המביא גט ממדינת הים.

איך ווער פאַרכאַפּט פונעם בילד, וואָס דער שונא האָט מיט מעסער געשניטן און עס איז דאָך גאַנץ. איך ווער געפאַנגען און געטראָגן פון אַ נשמה־ניגון, וואָס דער רשע האָט מיט זיינע שטיוול געטראָטן, האָט עס געמאָלן און געשטויסן און אויף אַלע ווינטן צעוואָרפן, און אָט טויכט עס ווידער אויף מיט זיין אייביקן מיסטעריעזן טרויער. איך דערשפּיר צום ערשטן מאָל זינט איך בלאָנקע אַרום דאָ אין די לאַגערן — אונדזער נצחון, אונדזער אייביקייט.

יאָ, עס איז נישט די איינגעוואָרצלטקייט, די דורי־דורותדיקע זי־כערקייט פון דער מירער ישיבה, אָדער פון טעלז און וואָלאָזשין. עס פילט זיך אַן אַנטלאָפנקייט, אַן אַנגעלאָפנקייט, אַן אונטערוועגנס. און דורך די ברעטער פון דער וואַנט שפּאַרט אַ רויך פון דער כשרער קיך. און דער דיל

איז נאַס, הקדשדיק. ס'דוכט זיך, אַז די שכינה וויינט אינעם חלל. און דאַך, גיי איך אַריבער צו איינעם פון די בחורים, כאַפּ אַ קוק אין זיין גמרא, און דריק אים לאַנג די האַנט זיינע צוליבן טרייסט, דעם טראָפּן טרייסט.

איך גיי אַריין אין אַן אַנדער צימער. דאָ זיצן יונגע ייִנגלעך ביי אַ טיש, און דער רבי לערנט מיט זיי דעם פּרק המפקיד. ס'איז דאַך דער זעל־ביקער חדר ווי אַמאָל! דאָס האָט דער שונא מיט אַלע זיינע האַרמאַטן און טויט־קאַמערן נישט געקענט פאַרניכטן. וואָס מער אַמאָליק, וואָס טיפער נעכטיק, אַלץ ווייניקער פאַרניכטבאַר.

אַך, ווי איך קלייב און קוש אַלע סודותדיקע סימנימלעך פון אונדזער אומצעשטערבאַרקייט!

איך זעץ זיך אַנידער ביים טיש צוזאַמען מיט די טייערע שאָקלענדי־קע ייִנגלעך, קליינינקע געראַטעוועטע תורהלעך, נסים־ונפלאותלעך. אַט וואַרף איך אַרונטער פון אַקסל דעם גאַנצן באַרג מיט צער, און צעוויג זיך גלייך אין מיין פּריסטער, גליקלעכסטער יוגנט אַריין. נעבן מיר זיצט אַ בחורל. אפשר אַכט יאָר אַלט. אַ מאַט אָפּגעצערט פּנימל מיט קויל־שוואַרצע אויגן און לאַנגע שוואַרצע פּאות אויף זיינע גלאַטע בעקעלעך. דער רבי זאָגט מיר: „פאַרהערט אים.“ איך שטעל אים אַוועק אַ פראַגע וועגן די „ארבעה שומרים“, און דאָס ייִנגעלע ענטפערט געניי, מיט אַ קלאָרן קאָפּ, און אויף אַ ריין־קלינגענדיקן פּוילישן ייִדיש.

ווי זענען זיי צום המפקיד געקומען? אין וועלכן חדר זענען זיי גע־נאַנגען אונטער היטלערס ממשלה? צי האָט גאָט אַליין מיט זיי אין די קאַלך־אויוונס תורה געלערנט?

איך שטיי אויף דער שוועל און קוק צוריק אויף זיי, און עס וואַרגט מיך אַ טרער, און עס זינגט אין מיר אַ פרייד.

:: :: ::

מיר קומען אַריין אין עס־צימער צו מיטאָג. אַ ייִד פרעגט מיך אויס, וואָס מיר האָבן געזען. ער אינפאָרמירט מיך, אַז עס איז אויך דאָ אַ ספּאָרט־

אָרגאַניזאַציע „מכבי" מיט סעקציעס פאַר כל המינים באָל, „פוטבאָל", נעץ באָל, „באַסקעט באָל", לײכטע אַטלעטיק.

בנוגע צום ציוניזם, זאָגט ער, גלױבט פערענוואַלד אין אײניקײט, דאָס הײסט, אין דער „הסתדרות ציונית אחידה" און אין „נוחם".

איך זאָג אים, אַז דאָס איז אױך מײן אײנדרוק, אַז פערענוואַלד איז פרום-ציוניסטיש. דרך אגב, האָב איך דאָ ערגעץ-װוּ געזען אָן אױפשריפט, נישט „לשנה הבאה בירושלים", „בשנה הזאת בירושלים".

יאָ, זאָגט ער, „בשנה הזאת". מיר האָבן אָבער שוין באַלד קײן כוח נישט צו װאַרטן. דערפאַר מוזן מיר זײן פּאַראײניקט. דער „דרור" (װאָס איז גענײגט צו סיעה ב') און דער „השומר הצעיר" האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן. און אָט הײבט זיך הײנט אָן דאָ דער „כינוס" (קאָנפערענץ) פון די פּאַר-טיזאַנען, און אין דער זעלבער צײט קומט פאָר אָן אַנדער „כינוס" פון יענע פּאַרטיזאַנען, װאָס װילן מאַכן שבת פאַר זיך און רופן זיך „פח"ח" (פּאַרטיזאַנים חיילים חלוציים). צו װאָס דאַרף מען דאָ האָבן די צעטײ-לונג, װאָס גרינדעט זיך נישט אין אָן אידעאָלאָגישן אונטערשײד און װאָס קען נאָר האָבן אַ װירקונג פון אָפּשװאַכן אונדזערע כוחות?... און די ארץ ישראל חברים, געשיקט אַהער פון דער ײדישער אַגענץ — אַך, װי טיכ-טיק זײ אַרבעטן דאָ פאַר „עליה"! ס'אַ װיכטיק קאַפּיטל, װאָס זײ שרײבן דאָ אין בוך פון ײדישן אומקער... און איר זעט דאָס מײדל דאָרט אין װינקל? זי איז חיה בעלסקי, די גרינדערין פון דער ערשטער פּאַרטיזאַנקע, די מאַמע פונעם גאַנצן געדאַנק...

„די מאַמע פון די פּאַרטיזאַנען" — האָב איך אין שטױנונג געפּלױ-טערט.

שטיל איז זי געשטאַנען אין שאָטנדיקן װינקל. דוכט זיך, אַזױ יונג, אַזױ באַשײדן. אַ מאָט געזיכט, ברױנע אױגן, דינע הענט. רואיק, רואיק. אַך, װי װולקאַנען קענען רואיק זײן!

ײדן האָבן שױן אָנגעהױבן צו זעצן זיך אַרום טיש.

איך בין צוגעגאַנגען צו איר. איך האָב געמײנט, אַז דער סודותדיקער װאַלד איז אַרײן בײ די פּאַרטיזאַנער אין בלוט, און אַז זײ װעלן שױן קײנמאָל נישט קענען זיך אַנטהילן פון געהײמניש, אַז די מױל-זאַװיעסעס

ביי זיי עפֿענען זיך נישט לײַכט, ווי פֿאַרראַסטעט. זי האָט אָבער באַלד גענומען רעדן. כ'האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז אַ האַרעלע גאווה פֿילט זי זיך דאָך ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס טאָר נישט בלײַבן פֿאַר-זיגלט. אפשר איז דאָס אויך די סיבה — אויסער דער פּסיכאָלאָגישער אור-זאַך, וועגן וועלכער איך האָב אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל געשריבן — וואָס אַלע יידן דאָ זענען אַזוי גרייט צו רעדן וועגן זייערע איבערלעבענישן. זיי פֿילן זיך אַלע ווי בלעטער אין אַ וויכטיקן פּנקס, ציפֿערן אין אַ פֿאָלקס-חשבון, וואָס מיר מוזן פֿירן און געדענקען.

אָט דאָס שטילע מיידל איז באַלד אין 1941, ווען די נאַציס זענען אין נאָוואָגרודאָק אַריין, אין וואַלד אַוועק און פֿאַרמירט אַ פּאַרטיזאַנער-גרופּע, געמישט פֿון יידן און נישט-יידן. שווער און געווערלאָז איז געווען דאָס ערשטע יאָר. זיי האָבן אַ סך געליטן. ערשט אין 1942 האָבן זיי גע-נומען געווער פֿאַרנומען אָנצוהייבן אַקציעס קעגן די דײַטשן. זייער צאָל איז געשטיגן ביז טויזנט. אָבער זיי האָבן פֿיל געהאַט אויסצושטיין פֿון די ווייס-רוסישע פּאַרטיזאַנען, וועלכע האָבן זיך דערלויבט אפֿילו צו שיסן אויף זייערע אייגענע יידישע קאַמעראַדן. איז זי אַוועק מיט אירע חברים אין אַן אַנדער ראַיאָן און געגרינדעט אַ ריין-יידישע פּאַרטיזאַנקע פֿון צוועלף הונדערט מענטשן. דאָרט האָבן זיי געמאַכט אויך אונטערערדישע קאַנאַלן, דורך וועלכע זיי האָבן אַרויסגעפֿירט יידן פֿון דער געטאָ.

טרוקענע פֿאַקטן, דוכט זיך, און דורך זיי און אַרום זיי וויפֿל פֿלאַמען פֿון ליבע און שנאה, פֿון חברשאַפֿט און נקמה, פֿון פּחדים און געפֿאַרן און לויער פֿון טויט!

מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביים לאַנגן טיש, צום היימישן מיטאָג.

אַ ייד מיט אַ ליסן קאָפּ, אַן אינזשעניער — ס'זענען דאָ אַ סך אינ-זשעניערן אין דער שארית הפּליטה. דוכט זיך, מער ווי פֿון אַנדערע פּראָ-פֿעסיעס — נעמט אַרויס אַ פּאַפּירל פֿון קעשענע און דערציילט:

„מײַן מאַמע איז אַלט געווען צוויי און זיבעציק יאָר און זי האָט אײַנגענומען סם."

זיי אַלע ווייסן שוין די מעשה. עס ווערט אָבער אַ דרך ארצדיקע שטילקייט. אַ מענטשנס וויטיקן רעדן.

„זי האָט געהערט צו אַ פּויליש־אַסימילירטער פאַמיליע, וואָס אַ סך מיטגלידער אירע האָבן זיך שוין געהאַט אָפּגעשמדט. זי איז געווען די איינציקע, וואָס איז געבליבן יידיש פרום. ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן די וואַרשעווער געטאָ, האָט זי זיך געבעטן ביי אונדז — מיר זענען געווען צוויי זין — מיר זאָלן זיך באַהאַלטן פון דער אַנדערער זייט געטאָ. אַזוי טאַקע האָט מיין ברודער געטאָן. איך האָב אָבער נישט געוואָלט איבערלאָזן די מאַמען אַליין. די שחיטות און די ליקווידאַציעס זענען געוואָרן שטאַרקער. זי האָט געהאַלטן אין איין בעטן זיך.

— ראַטעווע זיך, מיין זון. עס ווערט שפּעט.

— איך בין שוין צו אַלט אַוועקצולויפן.

— כ׳קען נישט אַוועקלויפן אָן דיר.

— כ׳וועל דיך דאָ אַליין נישט איבערלאָזן.

איינמאָל קום איך אַהיים. מיין מאַמע איז אין בעט טויט. אַ ליידיק פלעשל סם אויפן טיש, און אויך אַ שטיקל פּאַפּיר — אַ צוואה אין פּויליש: „ראַטעווע זיך, מיין זון, און לעב בשלום מיט דיין ברודער. אין שאַפע ליגן מיינע תכריכים".

„אַט אַזוי האָט מיין מאַמע איבערגעריסן דעם שנור, וואָס האָט געהאַלטן מיך צוגעבונדן צו איר, און מציל געווען מיין לעבן דורך איר טויט.

„דאָס צוואהלע האָב איך פאַרנייט אין מיין אַרבל. נאָך דער מלחמה, ווען עס איז שוין געווען אַביסעלע צעריבן, האָב איך דאָס אָנגעקלעפּט אויף אַן אַנדער שטיקל פּאַפּיר — אַ דאָקומענט פון אַ מאַמע־קרבן. אָט לייענט עס."

:: :: ::

שווער מיט מחשבות פון צער און באַוווּנדערונג פון זון־געטריישאַפט און פון מאַמע־גרויסקייט, האָבן מיר זיך פון די לאַנגע בענק אויפגעשטעלט און מיר זענען אין די אויטאָס אַריין צו באַזוכן דעם הכשרה־פּונקט „במעלה" אין האַכלאַנדלאַגער.

מיר זענען אַריין אין דעם אָרימען הכשרה־זאַל. אויפן בימה־טישל

איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט וויין און מיט לעקעך. יומטובדיק. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער בימה.

ס'איז געווען קאַלט. ס'האָט גערעגנט פון דרויסן, און אויך פון אי־נעווייניק, כמעט איבער אונדזערע קעפּ. דאָך האָט מיך באַלד אַרומגענו־מען אַ וואַרימקייט פון דער סאָלידער קאָמפּאַקטער מאַסע פון הכשרה־יוגנט, בחורים און מיידלעך, מיט נאַקעטע, שטאַרקע אָרעמס, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין זינגען ארץ ישראל-געזאַנגען, מיט אַ מעכטיקייט נישט נאָר פון קול, נאָר אויך פון נשמה.

צביה הערשקאָוויץ, די אָנפירערין פון דער הכשרה, זיצט נעבן מיר און דערציילט, אַז האַכלאַנדלאַגער איז געווען דער גרויספּאַר־פּלאַץ פון דער היטלעריסטישער יוגנט. היינט זענען מיר דאָ, מיט אַ הכשרה פון דריי הונדערט חברים, פון זיבעצן ביז פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, און פון אַלע פּאַרטייען, פונעם „נוחם", פונעם „דרור", פון „השומר הצעיר". דאָ זענען זיי אַלע באמת פּאַראייניקט אין זייער צוגרייטונג צו „ארץ".

דאָס מעכטיקע געזאַנג איז איבערגעהאַקט געוואָרן. אויף דער מערב־וואַנט איז געלאָפן אַ סיראַטענע לענטע מיט די ווערטער „משעבוד לגאולה ומאפלה לאור גדול". כ'האָב מיך אויפגעשטעלט רעדן.

איך זע אייך, ערשט אַ יאָר צוריק, ווען איר האָט מאַרשירט איבער גאַנץ אייראָפּע אין קייטן און קנעכטשאַפט, און איך זע אייך היינט. ס'אַ נס און אַ וווּנדער... איר האָט געטרונקען דעם ביטערן ווייַן פון שנאה צום וועלט-שונא, און דער ווייַן איז אין אַלע אייערע גלידער אריין און האָט זיי געמאַכט אייזן שטאַרק... אָך, ווי עס וואַרט דאָס לאַנד פאַר אַזאַ שטאָף ווי איר, און ווי עס רייסט זיך דער שטאָף צום לאַנד. דאַרף מען די שנאת אייראָפּע אין אהבת ארץ ישראל פאַרוואַנדלען, און צו די ווער־טער אויף אייער וואַנט צושטעלן „ומשנאה לאהבה גדולה".

און נאָכן רעדן האָט זיך די יוגנט אין אַ „הורה" צעטאַנצט. און נאָכדעם — אין אַזאַ מין טאַנץ, וואָס רופט זיך, ווייזט אויס, „שושנה", אין וועלכן אַ בחור מיט אַ מיידל טאַנצט אין אַ צירקל, דער בחור פאַלט אַרויס און דאָס מיידל ציט אַריין אַן אַנדער בחור. דאָס מיידל פאַלט אַרויס און דער בחור נעמט אַריין אַן אַנדער מיידל. אָט אַזוי זענען מיר אויך

ענטוזיאסטישער קבלת־פנים פאר דער קולטור־מיסיע אין דעם
יוגנט־לאגער פון אשאו

ארײנגעצויגן געוואָרן אין דעם חלוצישן, יונגנט־צעפּלאָקערטן שושנה־טאַנץ.

:: :: ::

ס'איז געוואָרן פאַרנאַכט. מיר האָבן נאָך היינט צוויי פאַרפליכטונגען. איינע מיט דעם „כינוס הפארטיזאנים" און די אַנדערע — אַן אָפּשייד־אָוונט, וואָס מען האָט אַראַנזשירט פאַר אונדז.

מיר זעצן זיך אַריין אין די אויטאָס. ס'האָט אויפגעהערט צו רעגענען, אָבער די וועגן זענען נאָך נאַס, גליטשיק. איך זיץ נעבן דעם שאָפער, אַ ייִד, וואָס איז געווען אַן אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי. יידיש רעדט ער ווי אַ גר. דאָס ביסל יידיש, וואָס ער קען, האָט ער זיך אויסגעלערנט אין לאַגער. העברעאיש קען ער גאָרנישט. ער וועט זיך שוין אויסלערנען „דרעווני יעווריסקי" אין „פּאַלעסטינאַ". פאַר אַ יידישן „טשעלאָוויעק" איז נישטאָ קיין היים אויסער „פּאַלעסטינאַ". אָט אַזוי רעדט ער זיך.

פּלוצים שפּראָצט אַרויס אַ דייטש קינד, אַזוי ווי פון אונטער דר'ערד, לויפט אַריין אין מאַשין. ס'הערט זיך אַ זעץ, דער אויטאָ גיט אַ קוויטש און שטעלט זיך אָפּ.

מיר לויפן אַרויס פון מאַשין. דאָס דייטשישע יינגעלע ליגט שטיל ביי דער זייט, בלוט רינט פון זיינע הענט און קני. איך האַלט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ מיינעם, וואָס האַלט זיך ביים שפּאַלטן. עמאַ שייוועּר כליפּעט מיט שרעק.

נקמה! יידישע נקמה! טויזנטער יידישע קינדערלעך זענען צעריסן געוואָרן און געוואָרפן שטיקלעכווייז אין פייער אַריין. און דאָ איין דייטשיש קינד — אַן אומגליקלעכער צופאַל — און דאָס בלוט פּרירט אין די אָדערן און דאָס האַרץ איז אין קלעם. זע, דייטש פאָלק, און שטוין.

אַ גראַדואירטע שפּיטאָל־שוועסטער פון ארץ ישראל קומט אָן פונעם צווייטן אויטאָ און הייבט דאָס קינד אויף. דער דאָקטאָר פּ., וואָס האָט אונדז באַגלייט אין מאַשין קיין פערענוואַלד, קומט צו און שרייט אָן אויף מיר:

— וואָס רייסט איר זיך די האָר? זיי האָבן מיין קינד גרויזאַמער געטויט.

ער לויפט אַוועק צום קינד, וואָס ליגט איצט אויף אַ באַנק ביי אַ פּלויט.

מיר שפּאַרן זיך אַרום קינד, קאָפּ אויף קאָפּ.

דאָס קינד הייבט אָן מיט אַ דין, שוואַך קול צו וואָיען, און די שווע־רע שרעק פאַלט אַראָפּ פון האַרץ. ד״ר פ. גיט אַ בורטשע: „דאָס דייטשע קינד וועט לעבן״.

און די שפּיטאָל־שוועסטער פון ארץ ישראל נעמט דאָס דייטשע קינד אין איר מאַשין צום יידישן לאַגער־שפּיטאָל.

מיר גייען צוריק אַריין אין אונדזערע אויטאָס. דער שרעק איז פאַר־איבער, אָבער די קני שאָקלען זיך נאָך, און דער גאַנצער גוף איז צע־טרייסלט. און ביסלעכווייז שטילט זיך איין מיין נערוון־צעשויבערטקייט, און ס׳טויכט אַרויס די טראַגישע רעטעניש פון אונדזער נשמה:

פאַרוואָס זענען מיר אַזוי אַנדערש פון אַנדערע פעלקער?

פאַרוואָס איז ביי אונדז נקמה בלויז אַ געפיל, וואָס שפּייזט און שטאַרקט, אָבער נישט קיין אַקט?

און עס שטעלט זיך אויך אָן אַלגעמיינערע, שווערערע פראַגע:

איז רחמנות אַמאָל אַ זינד, אָדער שטענדיק — אַ שיינקייט?

:: :: ::

און אַט זענען מיר ביי דער פייערלעכער קאָנפערענץ־דערעפענונג פון די פּאַרטיזאַנען אָדער ווי זיי רופן זיך אין העברעאיש „הסתדרות לוחמים עברים״. ס׳לייכט אַראָפּ פון דער בימה אַ בילד פון צוויי שמשונדיקע הענט, וועלכע צעשפּאַרן די געטאָ־טויערן. בלוי־ווייסע פאָנען שטייען פוןביידע זייטן. קיין אַנדערע פאָן, פּונקט ווי קיין אַנדערע הימן, האָבן זיי נישט.

עס שטעלט זיך אויף די צוויי טויזנט־קעפּיקע מאַסע און זינגט דעם שטאַרקן פּאַרטיזאַנען הימן:

זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,

ווען הימלען בלײענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג;
נאָר קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה.
ער וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ.

שטאַב־קאָמאַנדאַנט ד"ר בלומאַוויטש, וועלכער ציט תמיד מײַן אויפֿמערקזאַמקייט מיט זײַן ווייסן, אין זיך אײַנגעשלאָסענעם פּנים, און מיט זײַן אײַנגעהילטער סודותדיקייט, עפּנט די קאָנפֿערענץ. אין זײַן רעדע, ווי אויך אין די אַנדערע רעדעס, קומט צום אויסדרוק די אָפּגענאַרטקייט פֿון די ייִדישע קאָמבאַטאַנטן, וואָס די אַלע פֿעלקער, פֿאַר וועמעס באַפֿרײַאונג זיי האָבן מיטגעקעמפֿט, האָבן זיי פֿאַרלאָזן און פֿאַרגעסן; די ביטערקייט פֿון דער גאַנצער שארית הפּליטה, וואָס אַ יאָר נאָך דער באַפֿרײַאונג ווייקט זי זיך נאָך אַלץ אין עלנדער אומבאַשטימטקייט; און דער פֿײַנלעכער געפֿיל, אַז דער טראָט האָט נאָך אַלץ נישט אַ פּויק געטאָן: מיר זענען דאָ! אַז מען מוז נאָך, אפֿשר מיט אייגענע הענט, אויסקעמפֿן אַן אייגענע מלוכה, וואָס אַפֿילו הונדערט טויזנט סערטיפֿיקאַטן קענען אָן איר אונדז נישט באַפֿרידיקן, און וואָס נאָר זי אַליין קען אונדזערע לײַדן אָפּשטעלן.

לייוויק רעדט וועגן גבורה און קדושה, און וועגן די קדושי וואַרשע. איך זיץ און טראַכט:

אַ טאָג פֿון שטײַגנדיקער דורכלעבעניש, פֿון פּײַן און פֿרייד און דערשיטערונג, פֿון „וגילו ברעדה". אָנגעהויבן מיט די קינדערלעך פֿון בית יתומים. עפּעס אַ טיפֿע ענדערונג קומט פֿאַר די לעצטע טעג בײַ מיר אין די אויגן. אַלע אַפּטישע געזעצן זענען בטל געוואָרן. כ'האָב געזען ווײַט־ווײַט די קינדערלעך ווי זיי צאַפּלען זיך אין די אומרחמנותדיקע הענט פֿון די שונאים, און אויך געזען זיי, די יתומימלעך, די געראַטעוועטע. און בײַדע געשעענישן האָבן זיך אויסגעמישט. דער דאָ און דער דאָרט האָבן געפֿינטלט אין די אויגן, און איך האָב געטרויערט און געפֿרייט זיך צוזאַמען. נאָכדעם די שטאַרקע בחורים און מיידלעך פֿון דער הכשרה. איך האָב זיי געזען מאַרשירנדיק איבער גאַנץ אייראָפּע, אין קייטן און קנעכטשאַפֿט, קנוטן שמייסנדיק זייערע לײַבער און לײַגנדיק אַוועק אַ סך פֿון זיי ווי אַ קאָסע לייגט אַוועק די זאַנגען. און אָט זענען זיי דאָ, מוסקולן

און געזאָגט, אויפן וועג קיין ארץ ישראל. וואָס פאַר א נס, וואָס פאַר א פלא! איצט אונדזערע העלדן. כ'זע זיי אין די וועלדער, ווי זיי וואַרפן זיך אויף די רייסן אברים פון דער ווילדער חיה. און א סך פון זיין ווערן לײדער צע־ריסן. און כ'זע די איבערגעבליבענע, איינגעהילט אין כבוד און גבורה. ווער ד'ען קען אָנצייכענען די ליניע צווישן פרייד און טרויער? און ווער קען אויפשטעלן א גרעניץ צווישן קדושים און גבורים, אז די גאַנצע מענטשן־רעאַליטעט דאָ איז אזוי ענדערנדיק, אזוי אויג־ווייכנדיק, אזוי צווייפאַכיק: אָט איז דאָס דאָרט, אָט איז דאָס דאָ. אָט איז דאָס טויט, און אָט לעבע־דיק. אָט קדושה, און אָט גבורה?... און ווער בין איך, וואָס כ'האָב די זכיה צו זיין במחיצה אחת מיט זיי?... זאָל די יידישע גבורה זיין געהיי־ליקט פון איצט אָן פאַר אונדזער אייגן לאַנד, און פון דאָרטן — פאַר דער גוטסקייט פון דער וועלט.

דאָס האָב איך געזאָגט, ווען ס'איז געקומען מיין טערמין.

און נאָך אַלע רעדעס, ווען דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט צו „התקוה“, וואָלטן אַלע יידן — און גויים אויך — געמעגט קומען אין זען, און אַריינקוקן אין זייערע אויגן בשעתן זינגען. זיי וואָלטן דאַן די נשמה פון שארית הפליטה פאַרשטאַנען. ס'אַרא ערנסטקייט, ס'אַרא אייזן־פעסטקייט. ס'אַרא שמע ישראל אויסגעשריי פון א נשמה, וואָס הענגט אויף א פאָדים. ס'אַרא איינגעעקשנטער, כאָטש אויפן תהום שטייענדי־קער, גלויבן ס'זינגט אַרויס פון זיי, אזוי ווי פנים אל פנים מיט דער גאָרער בייזער וועלט. און אַלע זייערע ביטערנישן, אַלע זייערע פאַר־צווייפלטע געפילן שליידערן זיי דער וועלט אין פנים אַריין אין די התקוה־קלאַנגען.

אזוי דאָ, און אזוי אין אַלע לאַגערן.

קינדער הייבן אויף דריי פינגער פון דער רעכטער האַנט און זינגען, אזוי ווי אין א שבועהדיקער זעלבסטווידמונג.

:: :: ::

און די נאַכט גייט. מיר זענען ביים אָפשייד. לאַנגע טישן ווי א חית, געדעקט מיט כל טוב פון אָרימקייט. חברים שטעלן זיך אויף איינער נאָך דעם אַנדערן און רעדן זיך אָפּ פון האַרץ:

— מיר בויען אונדזער היים נישט א ו י ס ע ר דער וועלט, נאָר אין דער וועלט. דאַרפן מיר האָבן אמונה אין דער וועלט. וואָרום אויב נישט, אויב די וועלט איז לחלוטין שלעכט, איז דאָך אונדזער היים אין אַ סכנה איינגעשלונגען צו ווערן פון דער אַרומרינגלענדיקער שלעכטקייט.

— מיר האָבן געדענקט, אַז אונדזער גלות איז אייזן־שטאַרק. היטלער האָט דעמאָנסטרירט, אַז ער איז פּאַרניכטבאַר. דאָס איז אונדזער לעצטער שאַנס זיך אַרויסצורייסן פון גלות.

— מיר זענען אין וועג. אָבער אַפילו אין אַ וואָקזאַל, ווען מען דאַרף זיין אַ לאַנגע צייט, מוז מען זיך אַביסל איינאָרדענען. די צייטווייליקייט איז געוואָרן אַ מקור פון כאַאָס.

— מיר האָבן זיך נישט אָפּגעלאָזן אַפילו אין געטאָ. דאָס אָרימע שניידערל האָט מיט זיין שערעלע געשניטן געוואַנט. דאָס אָרימע שוסטערל האָט געצויגן דראַטווע און מיטן העמערל געקלאַפּט. די מאַמע האָט די קינדערלעך זויבער געקליידט, כדי זיי זאָלן זויבער אין נצח גיין.

— מיר האָבן שטאַרקע ווערטער און שוואַכע מעשים. אין אונדזער סאַנאַטאָריום ווילן יידן נישט אַרבעטן. מוז מען נעמען דייטשן. און אַז מען אַרבעט נישט, ווערט מען שוואַרץ־הענדלער, אומלעגאַלע ספּעקולאַנטן.

— הונדערטער יידן האָבן זיך געלאָזט פירן צום טויט דורך אַ פּאָר מערדער. איז דאָס געווען אַ מאַסן־פּסיכאָז, אַ פּאַרכישופטע פאַרשטיינערטקייט מחמת דעם אויג פון דער געשטאַפּאָ?

— אַ ייד איז געשטאָרבן אין גאַליציע. האָט אַ פּאָליאַק איינגעלאַדן די פרוי און קינד פון דעם יידן, וועלכער איז געווען זיין בעסטער פריינד, און באַהאַלטן זיי. עטלעכע טעג נאָכדעם איז ער אַריינגעקומען צו זיי אין זייער באַהעלטעניש, זיי אויסגעשאָכטן און אַרויסגעוואָרפן זיי אויפן פעלד.

— אַ גלח האָט געבענטשט אַ גוי, וואָס האָט געהרגעט דריי יידן.

— צוויי גויים האָבן געפירט יידן צו שיסן, מיט מוזיק. איינער האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָניקע און דער אַנדערער אויפן פידל.

גוטע גויים האָבן רחמנותדיק זיך געבעטן ביי די יידן: איר גייט דאָך צום טויט, גיט אונדז אייערע מאַנטלען, גיט אונדז אייער געלד, וואָס

איר האָט באַהאַלטן. מען וועט דאָך אײך סײ ווי סײ אויסשיסן.

— איז דאָס זײענדיק דער אָביעקט פֿון רחמנות דאָס וואָס האָט אָפּ־געטעמפּט דעם ווילן צום לעבן און צו ווידערשטאַנד? האָט רחמנות אויך אַ מין דינעם סם, וואָס עס גיסט אויס אויפֿן קרבן און טויט אים אינער־לעך? איז דאָס אויך געווען אַ טײל פֿונעם טײוולאָנישן פֿארניכטונגס־פּלאַן?

— אונדזער אײגענער יידישער רחמנות איז אויך געווען אומווירדיק. נאָך דער מלחמה האָט אַן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן געפֿירט דײטשן צום שיסן. בעט זיך אַ ייד בײם קאַפּיטאַן: פֿון וואַנעט ווייסט איר, אַז זײ זע־נען מערדער? זײ האָבן דאָך באַלאַנגט בלויז צום ווערמאַכט, נישט צו די נאַציס. דער אַמעריקאַנער האָט זײ באַפֿרײט מיט אַ געפֿיל פֿון עקל צום יידן.

— מע האָט געלאָזט טאַטע־מאַמע גײן צום טויט, און אַליין זיך גע־ראַטעוועט. ברידער האָבן אײנער דעם אַנדערן געהרגעט צוליב אַ פּאַרציע ברויט.

— אַ נאַצי האָט מײן צווײ־יעריק זונעלע פֿון דער מאַמעס אָרעמס אַרויסגעריסן, אָנגענומען אים בײ די פֿיסלעך, און אויף אַ שטײן, ווי אַ ניסל, דאָס קעפּל צעקנאַקט. זענען מײנע רחמנות־געפֿילן צו אַלע דײטשע קינדער טויט.

ביטערקײט, אײביקע צעבראָכנקײט, פּײן! און איך זאַפּ דאָס אַלעס אײן טראָפּנווײז, ווי עס זאַפּט די ערד אַרײַן אין זיך אַ שטענדיקע אָסיענ־דיקע פֿײכטקײט.

צײטנווײז דוכט זיך מיר, אַז איך בין געקומען אַהער נישט צו לינ־דערן לײדן, נאָר זײ אַרײַננעמען אין זיך, אײנס נאָכן אַנדערן. וויפֿל איז דער שיעור? וויפֿל איז דער שיעור?

ס'האָט אײנער פֿון די חברים געזאָגט, אַז ער דערוואַרט פֿון אונדז דענקמעלער צו די שרעקלעכע יאָרן. מיר דוכט זיך אָבער, אַז איך קוק אַרײַן אין אַ טיפֿן ברונעם, און מײן קאָפּ בײגט זיך טיפֿער און טיפֿער, און ווער פֿאַרשטומט אין דעם ביטערן פֿאַרסמטן ברונעם.

איך שײד זיך אָפּ פֿון די חברים. אין אײן מעת־לעת זענען אײניקע פֿון זײ אַזוי טײער און נאָענט מיר געוואָרן, ווי ליבלעכע ברידער.

ס'איז האַלבע נאַכט. מיר גײען אַרויס. ס'כלאַפּשטשעט אַ רעגן, און

— „וימש חושך". מיר גייען ווי אין א פינצטערע וואנט, און גליטשן זיך אין בלאָטע. באווייזן זיך צוויי חברים מיט עלעקטרישע לעמפּלעך און פירן אונדז צו אונדזער צימער.

מיר קומען אריין. נאַס און קאַלט. די חברים בלייבן שטיין. קענטיק, זיי ווילן נאָך עפּעס רעדן מיט אונדז. מיין חבר לייוויק דערמאָנט זיך אָבער, אַז ער איז הונגעריק. אַט אַזאַ מין געוווינהייט האָט ער: איידער ער גייט שלאָפן, ווערט ער הונגעריק. לויפן ארוים די חברים, זאמען זיך אפשר א האַלבע שעה, און קומען צוריק מיט א פאַרעדיקן קרוג מיט טיי און מיט א גרויסער חלה איינגעוויקלט אין א פאַרנעצטער בלאַט־צייטונג, און מען זעצט זיך עסן. הייבט איינער פון די חברים אָן, אַט אַזוי פאַמעלעך, מיט א ביטערן שמייכל:

„ הויכע עטיק, פאַרגעבן דעם פיינט, אָדער דעם פיינטס קינד, ווען עס קייקלט זיך אריין אונטער די רעדער פון אן אויטאָמאָביל — זייער פיין. אָבער פאַר אונדז איז עס א פרעמד לשון. מיר זענען געוואָרן אַנדערע מענטשן. דער פיינט האָט עטוואָס ביי אונדז אָפּגעטויט און פאַרהאַרטע־ וועט. און דערפאַר וואָס איך וויל, אַז איר זאָלט זיך אין אונדז אַביסעלע טיפער דערגרונטעווען, וויל איך אייך איבערגעבן מיינע א פּאַסירונג:

„איך מיט מיין פרוי און קינד און אויך א פריינט מיינער מיט זיין פרוי און קינד, צוזאַמען מיט נאָך יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. איין פינצטערע נאַכט זענען געקומען די דייטשן און אָנגעהויבן אַן אַטאַקע אויף אונדזער פעסטונג. האָב איך געכאַפּט מיין זונדל אויף מיינע אָרעמס, מיין חבר האָט אויך געטאָן אַזוי, און צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה יידן האָבן מיר אָנגעהויבן לויפן. פייעריקע, דונערנדיקע קוילן האָבן אונדז נאָכגעיאָגט. כ'בין עטלעכע מאָל פונעם קראַך פון א קויל צו דער ערד מיטן פנים געפאַלן. כ'האָב יעדע רגע געדענקט: אַט שוין! און באַלד — נאָך נישט. און דער „נאָך נישט" איז נישט געווען פריידיק, און דער „אַט שוין" איז נישט געווען פחדימדיק. די נשמה איז פאַרפרוירן גע־ וואָרן. ס'האָט קיינער אפילו קיין „שמע ישראל" נישט געשריגן. ס'האָבן אפילו די קינדער קיין פּיפּס נישט געגעבן. אונדזער קול איז באַנומען געוואָרן. שטום־שטום זענען מיר געלאָפן אין דער פינצטער, טאַקע ווי שטומע נאָכגעיאָגטע חיות.

„ווען די אטאקע האט אויפגעהערט, האב איך דערפילט בלוט אויף מיין פנים. ניין, ס'איז נישט געווען מיין בלוט, נאר מיין קינדס. עס איז געווען טויט. און א געשריי האט דאס קינד מיינס די קויל מקבל געווען און איז געשטארבן. אויך מיין פריינט האט געטראגן א טויט קינד. איין גורל ביידע קינדער.

„האבן מיר ביידע מיט אונדזערע פינגער אויסגעגראבן צוויי גריבער אונטער א בוים און באגראבן אונדזערע קינדער.

„ניין, דאס איז נאך נישט אלץ. מיינט נישט, אז נאר דער גערענגל מיטן טויט פארהארטעוועט דעם מענטשן. ס'איז דא מעשים און א שום טויט־גערענגל, וועלכע ציען דאך ארויס יעדן סענסיטיוון נערוו, יעדן צארטן געפיל. ס'איז דא אמאל א שטילע מינוט, אין וועלכער די נשמה ווערט אזוי הארט ווי אן אויסגעארבעטע האנט מיט בארעדעווקעס. שטעלט אייך פאר אזא סצענע.

„ס'איז געקומען דער טאג פון באפרייאונג. גייען מיר צוריק אין וואלד. מען דארף דאך ברענגען אונדזערע קינדער לקבר ישראל. ס'איז געווען א שיינער, ווארעמער פרילינגס־טאג אין וואלד. אט איז פונקט א יאר געווארן. ס'איז היינט יארצייט. אפשר זאל איך ארויסלויפן אינעם בלאשטשענדיקן דרויסן און צעשאקלען זיך אין יתגדל ויתקדש? יתגדל — פאר וואס? יתקדש — פאר ווען?

„בלאנדזשען מיר און זוכן און געפינען. אט זענען די גריבלעך. מיר עפענען זיי אויף. אונדזערע קינדערלעך זענען שוין אבער נישטא. בלויז צוויי קליינינקע, טרוקענע, ווייסע סקעלעטן. וועלכער איז מיין קינד, און וועלכער איז מיין חברס קינד? פאלט אונדז אריין א געדאנק: מירן מעסטן. אזוי ווי מיין קינד איז געווען אביסעלע עלטער, איז מסתמא דער גרעסערער סקעלעטל מיינער. נעם איך איין סקעלעטל אויף מיינע ארעמס, אט אזוי, אזוי ווי ווען די מאמע זיינע פלעגט אים טראגן אין בעטל אריין, ווען ער איז איינגעשלאפן, און מיין חבר טוט אויך אזוי, און מיר מעסטן, קאפ צו קאפ, פיס צו פיס. אזעלכע שיינע מילך־ווייסע סקעלעטלעך אינעם גרויסן גרינעם וואלד! — — און אלץ אן א טרער, אן געשריי.

„מיינט איר נישט, אז עפעס איז אין אונדז אפגעשטארבן, און אז

מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט קענען זיך פליקן די האָר איבער א דייטש קינד? אָדער אפשר קענט איר אונדז מחיה מתים זיין?"

ס'איז געווען דריי אזייגער ביינאכט, ווען מיר האָבן די עלעקטרי אויסגעלאָשן. כ'האָב זיך אוועקגעלייגט אויפן הארטן בעטל און זיך איי־בערגעצויגן מיטן האנטוך, וואָס האָט געדינט אלס א קאָלדרע. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אז מיר דאָ און יענע יידן דאָרט, און אלע יידן, ווו זיי זענען, ליגן אין פינצטערע קברים, אז מיר זענען אלע — סקעלעטן, אומרואיקע, צאפלענדיקע סקעלעטן. און א ווינט האָט זיך צעוואָיעט אויפן בית־עולם, און דער רעגן האָט געקלאפט אין פענצטער ווי מיט ציצית פון א שווארצן טלית.

:: :: ::

פּטער מאַי, אין דער פרי.

מיר זיצן אין עס־צימער וואַרטנדיק אויפן אויטאָמאָביל. איצט איז דער צימער ליידיק. בלויז א פּאָר יידן וואַרטן מיט אונדז. דורכן לאַנ־פענצטערל אין דעם ברעטערנעם ווענטל קוקט אריין, אָנגעשפּאַרט, די שטילקייט פון דער קיך. א מיידל זיצט ביי אַן עק טיש און זינגט פּאַר אונדז טרויעריקע לידער.

זיבעצן יאָר אלט איז דאָס מיידל, אָבער וויפל מדורי גהינום זי איז שוין דורכגעגאַנגען! צוועלף יאָר אלט איז זי געווען, ווען מען האָט זי פון איר היים ארויסגעריסן, און איר טאַטע־מאַמע, אירע ברידער און שוועס־טער אויסגעהרגעט. אין עלף קאַצעטן האָט זי זיך אויסגעוואַלגערט, און קיינמאָל זיך נישט געוואָלט ראַטעווען. זי האָט געזוכט דעם טויט און האָט אים נישט געקענט געפינען. געאַרבעט האָט זי שווער, אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן טאַטשקעס מיט שטיינער, געשטופּט די טאַטשקעס, און א לונגען־פעלער געקראָגן. נאָך דער מלחמה איז זי געלעגן און האָט זיך גע־היילט אין א שווינדזוכט־שפּיטאָל. איצט איז זי אין תל יצחק, א קיבוץ פון „נוחם".

דאָס קול האָט זיך געריסן דאַר און טרוקן פון אירע אָפּגעריבענע לונגען. די פּאָר יידן זענען געזעסן מיט אראָפּגעלאָזטע, אָנגעשפּאַרטע קעפּ.

פרויען־קעפּ האָבן זיך אַריינגעשטעקט פון קיך אינעם פענצטער־לאָך. און נאָט אַליין האָט געמוזט וויינען הערנדיק איר געזאַנג:

עס ברענט, ברידערלעך, ס׳ברענט.
אוי, אונדזער אָרים שטעטל נעבעך ברענט.
ס׳האָבן שוין די פייערצונגען
דאָס גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען,
און די בייזע ווינטן הודזשען,
אַלץ אָרום שוין ברענט.

און אַ תפילה וואַרגט מיר אין האַלדז: זאָלן זיי פאַרגעסן!

זאָלן זיי פאַרגעסן די קאַשמאַריקע, גרויליקע נעכט, דאָס געבריל פון די פאַרצוקנדע חיות, די בלאַנקנדיקע, און וואַנזיניק־מאַכנדיקע פאַסן־ליכט, און דאָס געשריי פון פרויען און קינדער.

זאָלן זיי פאַרגעסן די שיסערייען אין די וועלדער, מיט דעם שטומען לויפעניש אין דער פינצטער, מיט די ווייסע קנאָכן פון באַגראָבענע קינדער.

זאָלן זייערע הענט זיין באַשעפטיקט מיט פרוכטבאַרע אַרבעט. זאָל מענטשן־ליבשאַפט אַרומרינגלען זיי ווי אַ שיצנדיקע מויער. זאָל אַ פריינד־לעכע ערד זיכערן זייער טריט.

זייט געזונט, טייערע, שטילע חברים. זאָל דאָס לאַנד, צו וועלכן איר גאַרט אַזוי שטאַרק, אייערע ווייטיקן היילן.

:: :: ::

מיר גייען אַריין צום לאָקאַלן אונררא־דירעקטאָר, זיך געזעגענען אויך מיט אים. אַ ווױלער יידישער יונגערמאַן איז דער דירעקטאָר.

ס׳זיצן פאַר אים צוויי פאַרשוואַרצטע פרויען, איינע אַ נידעריקע און איינע אַ הויכע, און באַקלאָגן זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין טראָפּן מילך פאַר זייערע קליינע קינדערלעך. ס׳הייסט, בלויז איינע באַקלאָגט זיך. די אַנ־דערע וויל נעבעך אויך רעדן, נאָר זי, די הויכע, לאָזט נישט. זי האַלט איר אין איין שאַ׳קען.

דער דירעקטאָר באַרואיקט זיי: באַלד, באַלד, וועט אַלעס זיין. און צו אונדז קערט ער זיך אום און זאָגט כמעט פאַרצווייפלט:

— וואס קען איך טאן? כ'האב שוין געשריבן עטלעכע מאל צו דער אונרראַ, אז דער מצב פונעם עסן איז פיינלעך. איך קריג קיין ענטפער נישט. אויך דער „דזשאינט" האט זיך דערוויל, ווייזט אויס, אויסגעשעפט מיט די מצות, וואס ער האט געשיקט אויף פסח.

א ווילער דירעקטאר,ווירקלעך איבערגעגעבן און געטריי צו די מענטשן פון זיין לאגער.

זאל עס אים נאר נישט פארשאדן ערגעץ אין די הויכע פענצטער...

קאפיטל זיבעצן

איינרינג

11טער מאי.

דער אונרראַ־מענטש, וועלכער דארף אונדז איצט ארויסהעלפן אין דער ארבעט, איז נישט מער דער „מר. דזשיי", נאר א געהילף אין דעם ביורא פון פרייוויליקע אגענצן, „מר. איז", א טונקל־לענגלעך פנים, וואס קען אייך נישט קוקן גלייך אין די אויגן, און וואס האלט זיך אביסל קאַסיק, דיאגאנאל.

כ'האב זיך באמת דערפרייט מיט אים, ווארום מיט זיין פאטער, א רעפארם־ראביי אין באלטימאר, אן איבערגעגעבענער ציוניסטישער טוער, לײדער געשטארבן יונג, בין איך געווען זייער באפריינדעט. כ'האב דערציילט לייוויקן און עמא שייווער וועגן אונדזער נייעם באלעבאס.

— איצט וועט האפנטלעך אונדזער מארשרוט גוט ארגאניזירט זיין, מיט באקוועמער טראנספארטאציע. ס'וועט זיין א פערזענלעכער אינטערעס.

און זיי זענען געווען צופרידן.

:: :: ::

דריי שעה רייזע צו מזרח פון מינכען, ביים עסטרייכישן גרעניץ, ליגט דער פארווארפענער לאגער „איינרינג".

פאָרן מיר אין אַ מיליטערישן אַמבולאַנס. דורך די פענצטערלעך און די אָפענע הינטער־טירן זעען זיך די אַלפּן בערג.

שפּיציקע, פּיראַמידישע בערג. אין זייערע שפּאַלטן און טאָלן ליגט אַ דינער שניי, ווי העננענדיקע זיידענע לענטעס, ווי לאַנגע געפלאָכטענע הערנער פון באַהאַלטענע הירשן, ווי פּרימיטיוו געמאָלענע ביימער.

אָט גיבן די בערג זיך אַ דריי, ווי צו טאַנצן אין קאַראַהאָד. און אָט גיבן זיי זיך אַ יאָג נאָך אונדז, אַז דאָס האַרץ גיט זיך אַ וואָרף פון שרעק, מיט זייער מאַסיווער גיגאַנטישקייט, מיט זייערע ווייסע אויגן, מיט זייער גראַניטענעם פּנים ווי די שטייף־פאַרמעטענע פּנימער פון די דייטשן.

מיר קומען אָן אויסגעהעצקעט, אויסגעמאַטערט פונעם „דזשיפּ", און מען פירט אונדז אריין אין — היטלערס אַ הויז.

יונגע יידן — קיין אַלטע זענען דאָך נישטאָ — פּילן אָן דעם צימער, און קוקן אַריין דורכן פענצטער, אַזוי ווי ס'וואָלטן געקומען געהויבענע „רביים".

זיי הייבן באַלד אָן צו דערציילן זייערע צרות. יעדער איינער וויל זיינס נישט אַרויסלאָזן. ביז אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ־זיידענער יאַר־מולקע, מיט אַ שוואַרץ קמץ־בערדל, אַזוי ווי אַ גבאי ביים רבין, גיט אַ געשריי:

— לאָמיר לאָזן אונדזערע חשובע געסט צורו!

און נישט ווילנדיק ציען זיי זיך צוריק, עפענען די טיר און גייען שטיל אַרויס, און דער צימער ווערט ליידיק. נאָר פון יענער זייט פון די אָפענע פענצטער שפּאַצירן זיי פאַרלעך־ווייז און כאַפּן אַמאָל אַ זשעדנעם קוק אין חדר אַריין.

אָט דער צימער אונדזערער איז געווען היטלערס „ביר־שטובע". די פּאָלירטע הילצערנע באַלקנס אויף דער סטעליע זענען פול מיט קאָלירטע געמעלעכצן, דורך וועלכע ס'ציען זיך אַלט־דייטשע אויפשריפטן אין גאָ־טישע אותיות ווי פון קליינע שאַרפע מעסערלעך צוזאַמענגעשטיקט.

כ'גיי צו צום פענצטער. אַ שטיינערנער באַלקאָן מיט קאַלאָנען נעמט אַרום דאָס גאַנצע הויז. אַביסעלע ווייטער זעט זיך דער געוועזענער דייטשער פלי־פּלאַץ. אַ האַלבע שעה פון דאַנעט איז היטלערס בערכטעס־

גאַדען, װײטע פּערספּעקטיװן, װאָס פאַרלירן זיך אין די האָריזאָנטן, װו די װאָלקנס ראַזעװען זיך אין שקיעה.

היטלער האָט זיך דאָ אין דעם פלי־פּלאַץ אָפּגעשטעלט מיט זײן לופט־שיף, איז דאָס הױז געװען זײן הײם, און אין דעם צימער האָט ער גע־שיכורט.

איז דאָס אַ ביטערער װיץ, אַ גראָטעסק־שפּיל. אונדזער ליבער גורל לאַכט אין די הױפּנס פון זײן געניאַלער המצאה.

שפּאַצירט זיך, יידעלעך, אין אײער שונאס פּאַלאַצן און אױף זײנע פּרעכטיקע באַלקאָנען.

שעפּט פרישע לופט אין אײערע קרענקלעכע לונגען. איר זענט אין די דײטשע אַלפּן־בערג אױף דאַטשע.

און זײ שפּאַצירן טאַקע אַרום און אַרום, װײל אַרױס לאָזט מען ניט, און זײ שעפּן לופט, װאָס דען קענען זײ שעפּן? אַז שפּײז גיט מען זײ אין האַלבע טײ־לעפּעלעך. אַז בגדים — אַלטע, צעריסענע, װאָס אַפילו פון הקדש װאַרפט מען זײ אַרױס.

האַנדלט מען אַביסעלע אונטער. מען הײבט אָן מיט סיגאַרעטלעך. װערן פון די סיגאַרעטלעך גאָלדענע רינגעלעך, און פון די רינגעלעך װערן זײגערלעך, און פון זײגערלעך װערט אַ שטיקעלע פּוטער, אַ קענדעלע מילך, אַ שאַכטעלע סאַרדינעס, און אַמאָל אַפילו אַ שטיקל בגד.

כאַפּט מען זײ אָבער װי די הינט, און מען זעצט זײ אין טורמע.

שפּאַצירן זײ, אױף דעם באַלקאָן, אַרום און אַרום, טאָג־אײַן, טאָג־אױס.

ס׳דוכט זיך, אַז טױטע זיגער שליאָען דאָרט אַרום דעם קבר פונעם באַזיגטן. און דער קבר איז גאָר ליידיק. װאָרום דער באַזיגטער איז דאָך דאָ, אין דער „ביר־שטובע", און שיכורט, און האַלט זיך בײ די זײטן פון געלעכטער.

איז קײן װוּנדער ניט, װאָס זײער האַרץ איז אַזױ ביטער, װאָס אײ־דער װאָס־װען, נאָך אױפן שװעל, נאָך אײדער מיר האָבן אונדזערע מאַנט־לען אַראָפּגענומען, האָט באַלד זײער געדולד געפּלאַצט, און זײ האָבן אָנ־געהױבן דערצײלן זײערע איבערלעבענישן.

זעט, ווי זיי עפענען די טיר איינציקווייז, פּאַרזיכטיק, צו זען, אויב מיר האָבן זיך שוין אויסגערוט.

זיי קענען זיך נישט איינהאַלטן.

קומט, אידן, אַריין, און דערציילט, און דערציילט.

— נאָך דער מלחמה האָב איך זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד, קיין פּוילן און אויסגעפונען, אַז מיין גאַנצע משפּחה איז אויסגעהרגעט געוואָרן. פון פּוילן בין איך געקומען אַהער, ווי אַלע יידן, אויפן וועג קיין ארץ ישראל. און צו מיין גרויסער פרייד האָב איך דאָ מיין שוועסטערל געפונען. באַקענט אייך, מיין זעכצן־יעריקע שוועסטערל.

— אָט איז מיין בחור׳ל, אַ ניין־יעריקער. דאָס איינציקע קינד אינעם לאַגער. ער האָט דעם כבוד צו זיין דער יינגסטער קאַצעטלער, אַ גראַדוּאירטער אין אוישוויץ. זעט דעם נומער זיינעם אויף דער האַנט. ער איז אָבער אַנטלאָפן פון אוישוויץ, אַנטלאָפן און געהונגערט, ביז אַ פּאַליאַק, וועמען איך האָב קורירט אַלס אַרצט, האָט זיך אויף אים מרחם געווען.

— אָט דאָ האָט מען אונדז באַפרייט. מען האָט אונדז געפירט צו דער פאַרניכטונג, לויט היטלערס באַפעל, אַז „פינף מינוט פאַר צוועלף" זאָל מען אַלע יידן פון אייראָפּע אויסקוילען. דרייסיק טעג האָט מען אונדז צופוס געפירט. דריי טויזנט זענען מיר געווען אָנהייב וועג, און בלויז צוויי הונדערט פופציק — ווען די אַמעריקאַנער זענען אָנגעקומען. דער פלעק־טיפוס האָט די אַנדערע אוועקגעלייגט.

— ווען מען האָט מיך באַפרייט, האָב איך געוווגן פינף און דרייסיק קילאָ, און פון זיי זענען געווען צוויי קילאָ לייז.

אַזוי האָבן זיי גערעדט. איינער האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם אַנדערן. זיי האָבן אונדז ממש אַטאַקירט מיט זייער צער. כ׳האָב דאָך זיך געוואָלט אָריענטירן. כ׳האָב זיי געפרעגט וועגן זייער לעבן דאָ אין איינרינג, און זיי האָבן געענטפערט.

איינרינג באַשטייט פון צוויי לאַגערן. דאָ, ס׳הייסט אין פּערמאַנענטן לאַגער, זענען פאַראַן דריי הונדערט און דרייסיק נפשות. דער אַנדערער איז אַ טראַנזיט־לאַגער. יידן קומען אָן פון אַנדערע לענדער, שיקט מען זיי דערווייל, אויף אַ פּאָר טעג, אין אַ טראַנזיט־לאַגער. ביז מען געפינט פאַר

זיי פלאץ אין א פערמאנענטן. אין דעם „טראנזיט" זענען דא קינדער. אין ביידע לאגערן צוזאמען זענען דא ארום זעקס הונדערט מענטשן, פון פוילן און אויך פון אונגארן.

באלד נאך דער מלחמה האבן די יידן, וואס זענען באפרייט געווארן אין די מקומות, געוווינט אין באראקן. נאכדעם ווען אייזענהויער איז ארויס מיט זיין בארימטן אנקלאג, אז לגבי די יידן האט זיך גארנישט גע־ענדערט מיט דער באפרייאונג, זענען זיי אריבערגעפירט געווארן אהער. עס פילט זיך אבער אן אומרואיקייט. די דייטשן אין דעם געגנט ווערן אלץ פרעכער און דראענדיקער. די יידן פארגרעסערן די שמירה. אבער ווער ווייסט, וואס עס קען דא פארקומען. מען איז נישט אפטימיסטיש גע־שטימט.

און באלד האבן זיי זיך ווייטער גענומען צו זייערע איבערלעבענישן.

מיר זענען געווען די ע ר ש ט ע מענטשן, וואס זענען צו זיי גע־קומען פון דער אפענער וועלט. און זייער ווייטיק האט אין אונדזערע אויערן געפלאצט ווי א בלאטער.

:: :: ::

ס'איז געווארן שפעט. מיר גייען צו אונדזער אוונט. א יונגער ייד באגלייט מיך און רעדט מיט גאל.

— די ערד־שיינקייט דא — מיר קענען אויף איר נישט קוקן. זי איז באגאסן מיט אונדזער בלוט. אלע גזירות קעגן אונדז זענען דא אויס־געכאוועט געווארן. און וואס וויל מען פון אונדז נאך איצט? מען ארעס־טירט אונדז. מען האט אונדז פיינט.

מיר קומען אריין אין געוועזענעם היטלער־זאל. אויף דער בימה שטייט א פלאקאט מיט „יזכור", ווי אין אלע אנדערע לאגערן. נאר דא איז עס באריכות. נישט בלויז „יזכור" מיט גרויסע ברענענדיקע ציפערן 6.000.000, נאר אזוי ווי א טרויעריקע תחינה אין א כראניק פון מיטל־אלטער:

„יזכור עם ישראל את הנשמות הטהורות הקדושות של בניו ובנותיו.
עם ישראל אל ישקוט, אל ינחם ואל יפוג האבל.

עד בוא יום בו ישוב ישראל וגאל את אדמתו.
זכור את האנשים אשר מתו בנוער,
זכור את האחים ואת האבות אשר מתו בעד זה שלא יכלו להפרד מבניהם,
זכור את האנשים שנהרגו מידי הרוצחים.
זכור את האנשים שנפלו על שדה המלחמה,
זכור את הקרבנות שנפלו בארץ ישראל ובעד מולדתנו,
זכור אחים ואחיות וכל עם ישראל שנהרגו ושנפלו ושמתו,
זכור את כל הקרבנות שנתן עם ישראל,
זכור את ששת המיליונים יהודים שנפלו במכת הרג ואבדן."
געדענק, געדענק, געדענק!

נו, יאָ, אוודאי! און אַ ברירה האָבן זיי? צי אָן דעם „יזכור" וואָלטן זיי דען פאַרגעסן די נשמות, די קרבנות, די טאַטע־מאַמע און די קינדערלעך?

אָבער וואָס טוען זיי, וואָס וועלן זיי טאָן, מיט דעם געדענקען?

פאַרוואָס פּטרן מיר אָפּ אונדזער טרויער מיט אַ וואָרט, און צעטרענצלען אונדזער גאַנץ לעבן מיט אַ פּסוק?

פאַרוואָס פאַרשעלטן מיר נישט איין מאָל פאַר אַלע מאָל די מליצה, וואָס גיט אַ פאַרטיקן תיקון צו אַלע אונדזערע נויטן? פאַרוואָס פאַרשטערן מיר נישט אַזוי לאַנג, ביז דער תיקונלאָזער צער זאָל זיך אַרויסרייסן אין מעשים?

איז דען דאָס דער איינציקער וועג איצט פאַר אונדזער פאַרקלענערט און אָפּגעשוואַכט פאָלק?

אפשר זאָל איך נאָך אויפהייבן דעם שווערן פּלאַקאַט, מיט זיין טויזנט מאָל שווערערן טרויער, אַרויסלייגן אים אויף מיינע פּלייצעס און אוועקטראָגן אים צו מיינע פינף מיליאָן ברידער אין אַמעריקע?

זיי אַלע נייטיקן זיך דאָך באמת אין דעם „געדענק!"

גיין מיט דעם פּלאַקאַט דאָרטן אויף די יידישע גאַסן, אַריינגיין מיט אים אין יידישע הייזער אַריין, אין יידישע קראָמען, ווען מענער קויפן זיך איין אַנצוגן, און פרויען — צירונג, און אויך אין די רעסטאָראַנען,

און אין שולן בשעת קריאת התורה, שטיין אומעטום שטום־שטום, און ארויסגיין.

אפשר וואָלטן באמת פינף מיליאָן קולות זיך אויפגעהויבן און עס וואָלט געווען טאָט?

מיר גייען ארויף אויף דער בימה. דוכט זיך אַלע יידן פון איינרינג זענען דאָ אין זאַל.

ס'איז מערקווירדיק, וואָס מער איך רעד צו די לאַגער־יידן, אַלס ווייניקער ווערן מיינע קדושה־תביעות, אַלס שוואַכער ווערט מיין דרייסטקייט צו פאַרלאַנגען אַ גייסטיקע און מאָראַלישע דערהויבונג, ווי די איינציקע מעגלעכע רעכטפאַרטיקונג און פאַרגיטיקונג פאַר די יסורים.

און אַלץ שטאַרקער ווערט מיין באַגער צו געפינען אַ וואָרט פון טרייסט און שטאַרקונג.

וואָרום עס איז אַ קראַנק פאָלק, וועמעס גרויליקער נעכטן האַלט אים נאָך אַלץ אין אינערלעכער שטוינונג און פאַרטאַיעטקייט, און לאָזט אים נאָר איין ביסל טרפהנע צעשטרייאונג — דאָס קליינלעכע אָרעמע האַנדל, צו וועלכן זיי זענען געווען צוגעוווינט זייער גאַנץ לעבן, און פאַר וועלכן עס קומט איצט תפיסה.

ריזיקירט מען אַפילו מיט תפיסה, וואָרום קען עס דען ערגער זיין פון לאַגער? איז דען לאַגער נישט תפיסה?

קראַנק, צעבראָכן, צעווייטיקט, דערנידעריקט.

זוך איך אַ טרייסט־וואָרט.

אפשר גאָר די הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן וואָס די ענגליש אַמעריקאַנער קאָמיסיע האָט ערשט רעקאָמענדירט? עפּעס נעמט זיך נישט די צונג צו דער דאָזיקער ציפער. עפּעס האָט עס דעם אָנבליק פון אַ סוחרישער טראַנזאַקציע. אָפּגעוויגן אונדזער צער אויפן וואָגשאָל, אָפּגעמאָסטן אים מיט אַן אַרשין, איינגעבונדן און פאַרפּאַקט. פּרייז — הונדערט טויזנט סערטיפיקאַטן. און סילוק!

גאָט מיינער, זעקס מיליאָן!

און איך וועל אויך פּרובירן אָפּקייטלען זיי פון זייער יחידישן ווייטיק און אויפהייבן זיי אויף אַ רגע צום כלל, צום נצח ישראל.

ווארום זיי האבן דאך די זכיה מיט זייערע אינדיווידועלע גאולות דאס גאנצע פאלק צו דערלייזן, באמת צו פארנצחן ישראל.

און נאכן אוונט האבן זיך אנגעהויבן די פריוואטע שמועסן, ווי אין די אנדערע לאגערן, אין קרייזלעך.

מיר גייען צוריק צו דער קוואַרטיר.

א יונגע פרוי באגלייט מיך. זי רעדט אן ארץ ישראל העברעאיש. אויף מיין פראגע פון וואנעט זי קומט, דערציילט זי מיר:

זי איז געווען א לערערין אין ארץ ישראל, איז געקומען קיין פוילן אין 1934 און איז שוין דארטן פארבליבן, מיט איר קינד.

— זענט איר געווען אין די קאצעטן?

— ניין, אויף ארישע פאפירן.

איר שטימע האט זיך אזוי ווי אראפגעקייקלט א פאר טרעפלעך.

כ'האב געטראכט וועגן די אינערלעכע עינויים אירע, ווען זי איז גע־גאנגען ארום דעם געטא־פלויט, געהערט דאס קול פון די געפייניקטע, גע־זען די תליות און די פייערן, און געדריקט צו זיך אין שוים דעם גויאישן דאקומענט, וואס איז געווען איר שוץ און איר מויער.

היטלערס אנוסים, וואס פאר א ברענענדיקע שאנד און אנקלאג איר טראגט אין אייערע נשמות! און ווי איר וואלט וועלן לעשן די שאנד און דעם אנקלאג.

איך דאנק גאט פאר אלע, וואס האבן זיך געראטעוועט, אויך פאר די וואס האבן דעם רשע אפגענארט.

:: :: ::

12טער מאי.

זיי האבן ארויסגעוויזן אזויפיל ליבשאפט און זארגפעליקייט און דאנקבארקייט ביז דער לעצטער מינוט פון אונדזער זיין ביי זיי, ווען עט־לעכע קאמעראס האבן אונדז געהאלטן אין איין פאטאגראפירן. און איך האב זיך געפילט אזוי קטונתידיק.

ווארום וואס אזוינס האב איך זיי געגעבן? אט גיי איך אוועק, און

זיי בלייבן אליין מיט זייערע צעוויטיקטדיקע שרייענדיקע ווונדן, מיטן טויטן היטלער, וואָס שיכורט אין דער „ביר־שטובע" און האלט זיך ביי די זייטן פון געלעכטער.

גאָט פון ישראל, ברענג זיי באלד אל המנוחה ואל הנחלה.

און ס'איז געווען זונטיק. די ביירישע גויים האָבן געשפּאַצירט פון קלויסטער מיט קורצע הייזקעלעך, מיט נאַקעטע קני, און מיט גרינע היט מיט לאַנגע ווייסע פעדערן אָדער מיט פעדערן ווי זאמד־קאָלירטע בערשט־לעך. פּונקט ווי עס איז גאָרנישט געשען, אָדער פּונקט ווי עס וועט ווייטער גאָרנישט געשען...

קאַפּיטל אַכצן

פ ע ל ד א פ י נ ג

אין פעלדאפינג בין איך אריינגעפאלן אין א הונגעריקן פארטייאישן קעסל, ווו ס'האָט געקאָכט בלויז וואסער. און דאָס וואסער האָט שוין אויך כמעט אויסגעזאָטן. האָט געברענט און געטשאדעט דער קעסל.

איז דאָס אויך א שטריך אין דער שארית הפליטה, וואָס עס האָט זיך ביז איצט נישט געוויזן, און מען מוז זיך מיט דעם באקענען.

שטיל, אייניק, כמעט משפחהדיק, איז געווען דאָס ווייטיקדיקע בילד ביז איצט. האָט געמוזט דאָס קול פון אכציק בונדיסטן זיך אריינרייסן, ווי דער פלוצימדיקער קלאפ פון דעם עם־הארצישן, אָנגעדראָלטן בעל־גאווהניק, אז ער איז נישט מסכים צום „יעלה ויבוא".

שרעקט זיך נישט. מ'עט זאָגן, מ'עט אלע זאָגן, יעלה ויבוא. נאָר דאָס נאַכטיקע מערב־דאווענען האָט זיך אביסל צעשטראָלט מיט א שמייכל.

נאָר איך בין פון אָנהייב געשטאַנען אביסל צעטומלט.

:: :: ::

ווי פריער דערמאָנט, זענען מיר געווען אין פעלדאפינג שוין דעם פערטן מאי, אָבער ס'איז קיינער נישט געקומען אונדז אויפצונעמען.

ערשט נאָכדעם האָבן יידן אָנגעהויבן קומען צו אונדז קיין מינכען. זיי האָבן נישט געוווסט, האָבן זיי געטענהט. דער אונררא האָט זיי נישט מודיע געווען. ווען זיי זאָלן געווען ווינסן, וואָלטן זיי אפילו „טוביה דעם מילכיקן", וואָס מען האָט געשפּילט יענעם אָוונט, אַרונטערגעריסן, און אונדז געווען אויפגענומען. האָבן מיר זיי דעם היינטיקן דאַטום געגעבן.

:: :: ::

געפאָרן דוכט זיך, א שעה, מיטן מאַשין, און אָנגעקומען.

קינדער זענען אונדז מקבל פּנים מיט געזאַנג, און מאַכן פאַר אונדז אַן אַלעע פון פאָנען, דורך וועלכע מיר גייען איינציקווייז.

מען פירט אונדז אַריין אין א שטיינערנער קוואַדראַטיקער געביידע, אויף דעם צווייטן שטאָק, וווּ דער ראש־הקהל אַליין, ס'הייסט דער הויפּט פון דער פאַרוואַלטונג, א לינקער פּועלי ציון און א זייער סימפּאַטישער מענטש, גיט אונדז אָפּ זיין צימער פאַר א אכסניה.

מען עסט אָוונטברויט. דאָס עסן איז אָרים, כאָטש עס איז פון דאָס בעסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן, און די קליידונג איז אָרים.

דער הויפּט־פאַרוואַלטער, רוטקעוויטש הייסט ער, א רונד־ברוין געזיכט, מיט בלויע אויגן און עטלעכע גאָלדענע האָר אויפן קאָפּ, גיט מיר איבער אינטערעסאַנטע ציפערן וועגן דער יידישער באַפעלקערונג אין פעלדאַפינג, לויט דער עלטער:

ווייניקער פון 1 יאָר אַלט — — — — —	38 נפשות
פון 1 יאָר אַלט ביז 5 — — — — — —	16 נפשות
פון 6 ביז 9 — — — — — — — — —	18 נפשות
פון 10 ביז 17 — — — — — — — —	128 נפשות
העכער פון 17 — — — — — — —	3.348 נפשות
סך־הכל — — — — — — — — —	3.548 נפשות

איך בין נישט קיין סטאַטיסטיקער, אָבער די ציפערן שרייען מיט זייער אומנאָרמאַלער צעטיילונג. כ'זע מיט שווידער אין דעם קליינעם ציפער־שפּיגעלע ווי היטלער האָט אויסגעפליקט פון יידישן גאָרטן די סאַמע

צאַרטסטע ײנגסטע בײטן. װאָס ײנגער, אַלס װײניקער געבליבן. איך שטעל מיך אָבער אָפּ מיט אַ גנבהשער פרײד אויף די אַכט און דרײסיק נפשות־לעך — כן ירבו — ערשט דאָ אַרויסגעשפּראָצט.

איך גײ אַרום אַרומצוקוקן, װוּ מיר זענען אין דער װעלט. ס׳איז אײ־נער פון די שענסטע פּלעצער, בײם באַרימטן „שטאַרענבערגער זעע״ און דאָס הויז איז רײך געבויט, מיט אַלע אויסשטאַטונגען. אָבער די געדרענ־געניש אין די צימערן איז אין לשער. זיבן־אַכט חברים, אָדער עטלעכע משפּחות צוזאַמען, אין אײן חדר. אַן אויװן שטײט אין טונקעלן פאַרהויז אויף אונדזער צװײטן שטאָק, און יונגע פרויען קאָכן, שטיל אָן װערטער, אַזױ װי ברוגז אײנע אויף דער אַנדערער, אָדער אויף זיך אַלײן. אין די לאַטרינען שטײען קאַנען מיט עסן־אָפּפאַל, און גרויסע גרינע פליגן זשומען . אומרײן, אומהיגיעניש.

אָט אַזױ לעבן די ײדן אין די לאַגערן, פול מיט שנאה צו דער טריפה־נער, מיט זײער בלוט באַגאָסענער, שײנקײט, װײקנדיק זיך אײנער אין דעם אַנדערנס שװײס, און װאַרטנדיק פון טאָג צו טאָג אויף משיחן.

גאָט, װי לאַנג נאָך?

און װעלט, צי ביסטו בלינד, אָדער דער לעצטער פונק פון רחמנות האָט זיך שױן בײ דיר אויסגעלאָשן?

איך גײ אַרײן צוריק אין צימער, און מיר גײען אַלע צום אָװנט.
אַ גרויסע הילצערנע פּאַלאַטע, אויפגעשטעלט פון די ײדן אַלײן.
אַ געפּאַקטער עולם.
יוגנט, יוגנט, יוגנט.

און די פרײד פון זען אַזױ פיל יוגנט װערט דורכגעשטאָכן מיטן שפּי־זיקן װײטיק, אַז ס׳איז טאַקע מער נישטאָ אויסער דער יוגנט, אַז זי איז אַרומגעשװירן, אַרומגעשניטן, אַרומגעברענט.

מיר האָבן גערעדט און געלײענט אונדזערע לידער.

כ׳האָב מיך געפילט פאַרפליכטעט צו רעדן װעגן ארץ ישראל דװקא דאָ, װײל אַנדערש װאָלט עס געװען פּחדנות פון מײן זײט. און אפשר האָבן די מאַסן אויך מאָמענטן פון װאַקלעניש און דאַרפן שטאַרקונג?

כ׳האָב פּרובירט באַווייזן ווי אייראָפּע האָט געהאַלטן די יידן כמעט אין איין צוויי טויזנט יעריקן פּאָגראָם.

כ׳האָב גערעדט וועגן דעם צער פונעם יחיד און דעם צער פונעם כלל. און אַז דער יחיד מוז איצט אַריינרעכענען אין זיינע חשבונות אויך דעם חשבון פון פאָלק און שטרעבן צו אַזאַ מין אויסלייזונג, וועלכע וועט זיין אויך אַ פאָלקס־גאולה.

צעשפּרייט זיך, צעפּליט אין אַלע עקן וועלט און איר צעטרענצלט די פאָלקס־גאולה, אפשר אויף אייביק, און אויך זיך וועט איר נישט ראַטעווען. אומעטום וועט אייך דער גלות־צער נאָכיאָגן.

האַלט זיך צוזאַמען, אַ הונדערט טויזנט קעפּיקע, איינגעקשנטע מאַסע, אויפן וועג קיין ארץ ישראל, און איר וועט זיך, און אויך דאָס גאַנצע פאָלק, דערלייזן.

און נאָר איר אַליין קענט דאָס טאָן. ס׳זיינען קיין אַנדערע נישטאָ.

אַזוי פיל שוין געליטן, די פּיס מידע, די אַקסלען שלאַבעריקע — און נאָך אַ יאָך, דעם שווערן יאָך פון גאולת האומה?

יאָ, קיין אַנדער וועג איז נישטאָ. —

איך בין געגאַנגען צום צימער אונדזערן. און איינער האָט מיך באַגלייט:

— אייער רעדע איז זיי נישט געפעלן.

— ווער איז דער זיי?

— זיי, די בונדיסטן.

— פאַרוואָס נישט?

— זיי ווילן נישט קיין ארץ ישראל. זיי ווילן קיין אַמעריקע, קיין אורוגוואַי, אפילו קיין פּוילן.

— קיין פּוילן? „נתנה ראש ונשובה מצרימה"?

מיר זענען געגאַנגען שטיל אין די שאָטנס. די לבנה האָט זיך געפּלאָנטערט אין די ביימער. און איך האָב געשטוינט: מילא, אַמאָל, אין די גוטע צייטן פאַר דער מלחמה. בונד, גלותיזם. אָבער איצט, באַלד נאָך אַזאַ גרויסער שחיטה! און אין פּוילן הרגט מען דאָך יידן איצט אויך.

און ווי קומט עס, אַז אַן אידייע קען זיך אַזוי איינקלאַמערן אין אַ

מענטשן, אַז אפילו װען זי באַנקראָטירט לעיני כל העולם, און אפילו װען אַלע זעען, אַז זי איז סכנת נפשות, קען דער מענטש זיך נאָך אַלץ נישט אָפּטרײסלען פון איר, ביז ער װערט אַ טיראַן אױף זײן אײגן לײב און לעבן און אױך אױף זײנע מיט־מענטשן? װאָס פאַר אַן אַכזריותדיקע קראַפט עס ליגט אַמאָל אין אידעאָלאָגישע אינערציע!

מײן באַגלײטער האָט איבערגעבראָכן די שטילקײט.

— אַ פּאָר היציקע קעפּ האָבן געװאָלט, אַז די מאָרגנדיקע זיצונגען זאָלן צעשפּאָלטן װערן, און איר זאָלט גײן צו די ציוניסטן.

— אַזױ גאָר? און װאָס איז געװאָרן?

גאָרנישט.

— זאָל איך אפשר מאָרגן גאָרנישט רעדן? איך װיל נישט, אַז איבער מיר זאָל בײ אײך װערן אַ מחלוקת.

— חס ושלום! איר האָט אונדז אַלע מוט אַרײנגעגעבן. ס'װעט נישט זײן קײן מחלוקת. —

כ'האָב מיך אַרײנגעלײגט אין בעט. זי איז געװען האַרט און האַרבע־װאַטע אין מיטן. זי האָט מיר געשטאָכן אין רוקן.

אַ סימבאָליש בעטל.

כ'בין געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אױף דעם האַרבעװאַטן ײדישן גורל.

:: :: ::

14טער מאַי.

מיר גײען אַרום אין דער פרי זען די פעלדאַפינגער אינסטיטו־ציעס.

װאַרשטאַטן, קיבוצים, שולן — זײ זענען אַלע פון דער גרעסטער װיכטיקײט אין קהלשן לעבן.

זײ זענען קאָלעקטיװע יצירות, אין װעלכע יחידים האָבן כוחות אַרײנגעלײגט, און װעלכע צאָלט צוריק מיט שטראָמען פון כוחות. זײ זע־נען שאַפונגען און שעפער צוזאַמען. זײ זענען דאָס האַרץ פון אַ קהילה, װאָס נאָר װען עס הײבט אָן צו קלאַפּן, הײבט זי אָן צו לעבן.

ס'איז א וואָכעדיקער טאָג. יידן זענען ביי דער ארבעט. ס'הייסט, נישט אַלע, נאָר א פופצן הונדערט, כמעט פופציק פּראָצענט פון די, וואָס זענען בכוח צו ארבעטן.

זענען זיי טאַקע די מיוחסים, די לאַגער־אריסטאָקראַטן, און קריגן א צוגאָב שפּייז און קליידונג.

מיר הייבן אָן מיט דער שוסטעריי. שיך אָנגעוואָרפן אויפן דיל און אויף די פענצטער. די שוסטערס זיצן ביי נידעריקע טישלעך, אויף נידע־ריקע בענקעלעך, מיט לעדערנע פארטוכלעך, מיט מיילער פול צוועקעלעך, און דאָס העמערל קלאַפּט.

פונקט ווי אומעטום, ווי אין אַלע צייטן. דאָס שוסטערל בייט זיך קיינמאָל נישט.

מען פאַררעכט שיך, מען ווייקט שיך, מען מאַכט נייע שיך, מען לערנט יינגלעך, זיי זאָלן גוטע און פרומע שוסטערלעך זיין.

מיר גייען אריין אין דער שניידעריי. פיר און זיבעציק מענער און פרויען נייען און פאַררעכטן בגדים — אַלע פאַר חברים און חברות אין לאַגער, זיי זאָלן אויסזען ווי מענטשן, ווי דען? אָנטאָן די מלבושים, וואָס מען שיקט, אומשטיינס געזאָגט, פון אַמעריקע?

לאָזונגען אויף די ווענט:

„רעדן יידיש."

„געזעלשאַפטלעך אייגנטום איז הייליק."

שפּירט זיך דער פעלדאַפינגער גייסט: פּאָליטיש — לינקס, שפּראַב־לעך — יידיש.

אמת, די „אגודה" איז אויך דאָ אַקטיוו, און אויך די פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דער לינקער פליגל פירט דאָך דעם טאָן.

מיר גייען אריין אין דער טישלעריי.

דריי און צוואַנציק טישלער פאַבריצירן אַלע נויטיקע באַדערפעניש־ן פון לאַגער. זיי האָבן געבויט דעם גרויסן זאַל, וווּ מיר האָבן נעכטן גע־רעדט. און זיי מאַכן איצט בעטלעך פאַר איין און צוואַנציק קינדערלעך, וועמעס נשמהלעך האַלטן ביים אָנקומען, אין א גוטער שעה, פון הימל.

און וואָס נאָך טוען יידן?

מען מאכט היטלען, זאטלען, אייזן־אויסארבעטונגען, שערן האר, לער־נען זיך שאפעריי, פירן טראנספארטן, האקן האלץ אין וואלד, ארבעטן ביי דער ריין־קייט קאמאנדע, שטודירן א טעאטער ראלע מיט דער „עמך"־טרופע, לערנען א דף יומי אין שול.

א יידישע קהילה.

מיר גייען אין די קיבוצים.

אט איז „נגב", וואס — ווי שוין געשריבן אין א פריערדיקן קאפיטל — איז דער דריטער שיכט פון „נוחם", וועמעס מיטגלידער זענען פון אכצן ביז פינף און צוואנציק יאר אלט. דער קיבוץ דא איז א פארטיזאנען־קאלעקטיוו, מיט צוויי און זעכציק מיטגלידער. די אידעאלאגיע איז „נוחם", ס'הייסט א סאציאליסטישע ארץ ישראל, מיט העברעאיש אלס איינע פון אירע הויפט־עיקרים.

די חברים זענען ביי דער ארבעט. בלויז די צוויי־נארנדיקע בעטלעך מיט גרינע קאזארמע־קאלדרעס שטייען און ווארטן אויף זיי.

אט איז „מעפילים", וואס געהערט צום „השומר הצעיר". אויפשריפטן אויף די ווענט:

„עוד לא נותקה השלשלת."

„בעת כזאת כפלים עמול, כפלים יצור."

מיר ווערן פארגעשטעלט פאר א יונג בחורל פון לאדזש, יעקב זיל־בערבערג, זעכצן יאר אלט, וועלכער איז אויסגעוועזן אין זעקס קאצעטן, אריינרעכענענדיק דעם שרעקלעכן אשוויענטשים. איך נעם די נומער־טאטו־אירטע האנט זיינע, און איך פיל — ווי תמיד דא — אויך די האנט פון די קדושים פון אשוויענטשים. די יסורים פון פארן טויט און דעם טויט־פחד האבן זיי דאך אלע גלייך איבערגעלעבט.

און אט איז דער „עטרת צבי", אויפן נאמען פון צבי בראנדעס. עס איז א קיבוץ פון „מזרחי" מיט דעם פראגראם פון תורה ועבודה, מיט פופציק יונגע מיטגלידער. ס'זענען דא צוויי חדרים פאר בחורים, איין חדר פאר מיידלעך, צוויי חדרים פאר פאמיליעס, אן עס־צימער, א שול, און א קיך. די חברים קומען פון סלאוואקיע און פון אונגארן, און רעדן

אונגאריש און טשעכיש. איז מיט די מערסטע פון זיי שווער דורכצורעדן. יידן מיט יידן מוזן רעדן אויף שטום לשון!

דערציילט מיר דער יונגער פירער פון קיבוץ אין העברעאיש, אז דער לאגער לעבט איצט אין שרעק. די אונרא וויל זיי איבערזידלען. פאר־וואס? פארוועון? — ווייסט מען נישט. די „עם־פים" (מיליטערישע פאָ־ליציי) זענען שוין אמאל געקומען און מיט פּאָליצייאישע בולאוועס זיי ארייגעפּאַקט אין לאסט-וואגנס און אוועקגעשלעפּט זיי קיין לייפּהיים. האט זיך ארייגעמישט דער „מרכז ציוני" און געפּועלט, אז מען זאָל זיי צו־ריקברענגען. איצט וויל מען נאָכאמאָל זיי אוועקשלעפּן פון דאנעט, וווּ זיי האבן שוין ווי עס איז זיך איינגעלעבט.

„איבערזידלונג" — דאס וואָרט און די אקציע קומען פון היטלערס צייטן און די אמעריקאנער האבן די מצוה איבערגענומען. קומען זיי אמאָל אריין אין א לאגער און שלעפּן אוועק די קיבוצים און יחידים ווו עס גע־פעלט זיי.

— ייד, דו ביסט א ייד. און דו טאָרסט אפילו מיט דיין ביסל אומזיכערקייט, מיט דיין ברעקעלע רגע, אויך נישט זיין זיכער.

וואָרום אומזיכערקייט האט אויך מדרגות, און די יידן דא האלטן אין איין קייקלען זיך אין דער טיפעניש פון אומזיכערקייט.

ווייסט דאס די וועלט? קען זי זיך עס פארשטעלן?

און די גערדרענגעניש, די צוזאמענגעדריקטקייט, איז אין לשער. צוויי שטאקיקע בעטלעך ביי יעדער וואנט אזוי ווי אין א שיף דריטער קלאס.

יא, ווי א שיף, וואס איז שטעקן געבליבן אויף זאמד, און רירט זיך נישט פון פלאץ.

אין קיבוץ „מעפּילים" זענען דא זיבן און ניינציק חברים און וווינען אין צוויי צימערן. --

איצט גייען מיר אין די שולן. מיר שטעלן זיך אפּ אויף א ווײלע אין דער רעדאקציע, וואס גיט ארויס א וועכנטלעכע צייטונג „דאס פרייע וואָרט", אין לאטיינישע בוכשטאבן, און אויך א מאנאטלעכן אילוסטרירטן זשורנאל „דער פעלדאפינגער מאגאזין".

און אַט קומען מיר אריין אין דער שולע, ווו עס לערנען ארום הונ־דערט קינדער.

אויף דער מזרח־וואַנט לויפט אַן אויפשריפט:

„אנו מדברים לא פולנית ולא הונגרית, לא ליטאית ולא רומנית, אלא עברית ואידיש."

זייער שיין.

קוק איך זיך אָבער ארום און הער זיך צו צום לערנען, ווער איך אַנט־טוישט און נידערשלאָגן. עפּעס דוכט זיך מיר, אז איך בין ערגעץ־ווו ביי אונדז אויף אָרטשערד סטריט, און ערגעץ־ווו דרייסיק יאָר צוריק. מען לערנט עברית באידיש, אָבער ס'איז בכלל קיין שיטה נישט. אייניקע פון די תלמידים זיצן מיט שטיקלעך פּאַפּיר אויפן קאָפּ און אייניקע — בגילוי הראש. דער רבי פרעגט: מי קיבל תורה מסיני? און די קינדער ווייסן נעבעך נישט. ס'איז אַ מיש־מאַש, נישט קיין קלאַס. ס'איז נישטאָ קיין אָרגאַניזירטקייט, קיין קאָנצענטרירטקייט, קיין התלהבות.

און נאָכאַמאָל פרעג איך ביי ארץ ישראל און אַמעריקע:

— פאַרוואָס פאַרלאָזט מען זיי דאָ?

אַ גוטע העברעאישע דערציאונג איז דאָך דאָ אזוי וויכטיק, נישט נאָר פון אַ יידישן, נאָר פון אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. מען דאַרף דאָך זייערע קינדער־הערצער היילן, אָנצינדן אין זיי אַ גלויבן, אַ תוכן, אַן אידעאַל, אַ ניי ליכט אָנשטאָט דעם וואָס איז אויסגעלאָשן גע־וואָרן.

:: :: ::

מיר זענען ביי אַ פּלענאַרע זיצונג פון ארבעטער־קאָמיטעט. צוויי ציי־מערן פאַראייניקן זיך אין דער לענג דורך צעעפנטע טירן. אַ פּופציק מענ־טשן זענען אָנוועזנט אויף דער אסיפה.

אויף דער וואַנט אַנטקעגן אונדז הענגט דאָס בילד פון קאַרל מאַרקס, און ס'לויפן לאָזונגען:

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך."

„מיר טראָגן ליכט דאָרט, ווו עס איז פינצטער."

דער פּאַרזיצער און די אַנדערע רעדנער שטרייכן אונטער, אַז דאָס איז דער איינציקער לאַגער, וואָס האָט אַן אַרבעטער־קאָמיטעט, און אַז זיי ווילן זיך נישט אָפּרייסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט. ס'ווייזט אויס, אַז זיי זענען קעגנעריש געשטימט צום צענטראַל־קאָמיטעט אין מינכען, און אַז דער „בונד" און לינקע גרופּירונגען האָבן מאָטיווירט דעם אַרבעט־קאָמיטעט.

איך ווער אָבער מער אינטערעסירט אין זייערע באַמערקונגען וועגן דער אָנהויב־געשיכטע פון אַרבעט אין לאַגער. ס'שאַפט זיך אין מיר אַזאַ מין בילד פון יענעם ביטערן האָניק־מאָנאַט פון נאָך דער באַפרייאונג:

יידן זענען אַרויס פון קנעכטשאַפט, אָבער דער ערשטער שיכרות־טרונק האָט זיך אויסגעוועפּט, און דער קאָפּ איז פּוסט און טעמפּ. די מחשבות ליגן ערגעץ אין זייערע נאַרעס מיט בלייערנע פּיס און קענען זיך קיין ריר נישט טאָן. נאָר איין פראַגע צעגעניצט זיך אינעם גאַנצן חלל פון קאָפּ: איצט וואָס? וואָס וועט זיין מיט אונדז? וואָס זאָלן מיר טאָן אין דער גרויער צייט — וואָס ווער ווייס ווי לאַנג זי וועט זיך ציען — צווישן דער שרעקלעכער נאַכט און דעם ליכטיקן טאָג?

און אַנדערע פרעגן גאָרנישט. זיי זשלאָקען נאָך אַלץ דעם ווייַן פון נישט־מער־קנעכטשאַפט. זיי גיבן זיך איבער צו דער דעמאָראַליזאַציע פון בין־הזמנים. זיי לאָזן זיך אַוועק אין אַ וואַקכאַנאַלן טאַנץ, וואַנדערן איבער די באַנען און רויבן ביי די דייטשן — אמת, אפילו נישט קיין טריליאָנטל־חלק פון דעם, וואָס די דייטשן האָבן ביי זיי גערויבט — און אַ סך פון זיי ווערן טאַקע אַרעסטירט.

דער געפערלעכער חלל צווישן „עבדות" און „חירות" פילט זיך אָן מיט — הפקרות.

און ס'לאָזן זיך אַרויס צוויי־דריי קאַצעטלער, און גייען פון שטוב צו שטוב:

— לא זה הדרך. מען מוז זיך פּראָדוקטיוויזירן. מען מוז ווערן שאַפנדיק. מען מוז אָנהייבן אַרבעטן.

ניין. מען וויל נישט אַרבעטן. און מיר דוכט זיך, איך פאַרשטיי זיי גאַנץ גוט.

יידן זענען מיד. זיי האָבן גענוג געשקלאַפּט — נאָך ווי גענוג? — אַזש דער רוקן קען זיך נישט אויסגלייכן.

און ס'איז נישט נאָר מידקייט, פיזישע אָדער פּסיכישע. ס'זענען דאָ אויך אַנדערע אויסרעכענונגען.

פאַרוואָס זאָלן זיי אַרבעטן און שאַפן, און דער אכזריותדיקער שונא זאָל עס נאָכדעם איינשלינגען?

און פאַרוואָס זאָלן זיי זיך דאָ איינאַרבעטן און איינאָרדענען, אַז דאָ איז בלויז וועג, און מען טאָר נישט מסיח דעת זיין אַפילו אויף איין רגע פונעם ציל: אַרויסרייסן זיך פון דער דאָזיקער סצענע פון ליידן, וווּ ס'איז אויסגעפאַלן אויף זייער גורל צו שפּילן די אַגאָניע־ראָלע — אויסרייסן זיך, און זאָל דער פאָרהאַנג פאַלן הינטער זיי אויף אייביק!

אַט אַזוי מסתמא האָבן די יידן רעאַגירט בימים ההם, אין יענע טעג.

און ווירקלעך, ס'איז איינע פון די סתירות פונעם לעבן גופא.

ציל און וועג — זיי קענען איינער אָן דעם אַנדערן נישט אויסקומען און אויך נישט איינער מיט דעם אַנדערן דורכקומען. ס'גייט כסדר אָן צווישן זיי אַ שטילער ברוגז און אַן אומצוטרוי: דער ציל וויל דעם וועג אויפפרעסן, און דער וועג בעט זיך הכנעהדיק: ער וויל אויך לעבן און געניסן.

איז דער וועג אַוודאי גערעכט. איז די צרה אָבער, אַז ווען ער הייבט אָן אַביסעלע צו געניסן, שלאָפט ער באַלד איין. און דאַן הערט ער דאָך אויף צו זיין וועג. אַזוי גרויס איז די מענטשלעכע אינערציע. און אין איין שיינעם פרימאָרגן וועט די גורל־האַנט אונדז נאָכאַמאָל אָנכאַפּן: ייד, דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, דיין אַגאָניע־ראָלע וואַרט, שפּיל ווייטער!

אָבער אַרבעט זיגט דאָך און עס גרינדעט זיך ערשטנס אַ שוסטעריי, נאָכדעם אַ שניידעריי, און נאָכדעם — אַנדערע וואַרשטאַטן.

און דער ציל איז דאָך נישט פאַרגעסן געוואָרן. וואָס איז זייער ציל?

כ'הער אַ רעדנער דערקלערט פּראָגראַמאַטיש:

„אַריינוואַנדערונג אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער, ווי אויך אין

ארץ ישראל (דאָ רופט איינער אוים: פ ר י ע ר קיין ארץ ישראל).
„יעדער איינער האָט אַ רעכט צו באַשטימען זיין גורל. אַלע מעגלעכ־קייטן מוזן אויסגענוצט ווערן."
הייסט עס, אַז אַפילו דאָ, צווישן די לינקע, איז דער מחלוקת בנוגע צו ארץ ישראל בלויז צווישן די אויכיסטן און פריערימטן.
חבר לייוויק און איך האָבן זיי הארציק באַגריסט.
ווייט ווי איך בין פון זייערע גלותיסטישע אידייעס, בין איך דאָך געפאַנגען פונעם הייסן ריטם פון אַרבעט. און איך שטיי מיט באַוווּנדע־רונג און דרך ארץ, דאָ ווי אין די אַנדערע לאַגערן, פאַר אַלע צעווייטיק־דיקע און צעבראָכענע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אין זיך גענוג כוח צו שאַפן געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, אַפגעהיט דעם קיבוץ פון דעמאָראַלי־זאַציע און פונאַנדערפאַלונג.
עיקר שכחתי: די האַלטונג פון די בונדיסטן צו מיר, לכל הפחות פון אַ טייל פון זיי, איז גאַנץ קאָרעקט און אַפילו גאַסטפריינטלעך.

:: :: ::

און נאָכמאָל זענען מיר אין אַ שווינדזוכט־שפיטאָל.
ווו מיר פאָרן, כמעט אין אַלע לאַגערן, טרעפן מיר זיך אָן מיט די דאָזיקע חולאים, וואָס האָבן באַקומען פון היטלערן אַ נאַטיזנע.
זיצן עטלעכע הונדערט מענער און פרויען אין זאַל, מיט אָפּגעצערטע פּנימער, סטאַרטשענדיקע אויגן, און רויטע אָסיען־בלעטלעך אויף די באַקן.
דין און שוואַך איז דער פאָדים פון לעבן, און אַלע אידעאָלאָגיעס, וואָס ראַנגלען זיך פון יענער זייט וואַנט, שעמען זיך אַריינצוקומען אַהער.
רואיק־טרייסטנדיק רעדן מיר צו זיי, חבר לייוויק און איך.
ס'שלאָגט דער שטילער קוואַל פון רחמים אַם לויטערסטן אין די לאַ־גער־שפיטאָלן.
וואָרום אין אַ צוויי־פאַכיקער געפענגעניש זענען זיי דאָך דאָ, איין געפענגעניש אין דער אַנדערער, קראַנקהייט אַרומגערינגלט מיט לאַגער. און ווי וועט זיין, ווען איין מיסטעריעזער אויסלייזער וועט וועמען עס

איז פון בײדע תפיסות מיטאַמאָל באַפרײען...

אַ יונג מײדל, אײנע פון די חולאים, קומט אַריבער, רעדט אַ גוטן העברעאיש און בעט זיך, איך זאָל איר שענקען מײן בוך לידער.

— צײט איז דאָ גענוג, און לײענען איז נישטאָ װאָס.

זי װיל נאָך עפּעס מיט מיר רעדן, און איך װאָלט אױך װעלן זיך דאָ אָװעקזעצן מיט איר און מיט אַנדערע. נאָר איך פיל אַלץ מער און מער װי ס'װאָלט אַ צוג מיט אײזערנע רעדער מיך אימער אָװעקגעריסן.

ס'איז נישט װי כ'האָב לכתחילה גערעכנט. כ'האָב געװאָלט קומען צו יחידים, און ס'זאָל זײן װאָס װײניקער בימות און אָונטן און עפּנטלעכע רעדעס, און װאָס מער שטילע חדרים און אָפענע הערצער. דער אמתער װײטיק איז דאָך דעם יחידס. איז געװאָרן פון מײן רײזע אַ כלל־צוג, װאָס שלעפּט מיך אַרום.

⁘ ⁘ ⁘

פיר אַזײגער נאָך מיטאָג. ס'הײבט זיך אָן דער סעמינאַר, װאָס דאַרף אונדז געבן די מעגלעכקײט אַרײנצוקוקן אין דעם געמיט פון דער שארית הפליטה.

זײ גיבן כמעט אַלע זײערע נעמען צום פאָרזיצער. יעדער אײנער װיל אױסלאָדן זײן אינערלעכע משא.

און מער װי אין די פריערדיקע לאַגערן פילט זיך אין זײערע רײד אַ ביטערקײט, אַ שטעכיקײט, און אױך אַ קראַנקע עמפּפינדלעכקײט, װאָס בעט זיך רחמים: רירט זיך נישט צו, מיר װעלן אַלײן אײך אַלץ דער־צײלן, מיט אײנענע פינגער טוט נישט אַזױ װײ; װאָס צעשרײט זיך פון שרעק, װען אײנער קוקט אַרײן דורך אַ שפּאַרונקעלע, און אַלײן פאַר־געסט זי זיך און עפנט טיר און טויער; װאָס לײקנט שטײן און בײז און קאָרטשעט זיך דאָך פון װײטיק.

— מיר װילן נישט קײן רחמנות. מען דאַרף אונדז נישט באַזינגען. מיר װילן נישט קײן ספּעציעלן צוגאַנג צו אונדז. מען דאַרף פאַרשטײן, אַז מיר זענען אַ חלק פונעם אַלגעמײנעם ײדישן פּראָבלעם.

— הערט אױף צו זוכן בײ אונדז קדושים. זאָל אײער באַציאונג צו

אונדז זיין ווי צו אייערע אמעריקאנער יידן. ס׳איז איין קאמפלעקס, און ס׳איז דא איין און איינציקע לייזונג: ארץ ישראל.

— טובלט זיך נישט אין אונדזער צער. ס׳איז א פראגע פונעם גאנצן יידנטום. אפילו אין אמעריקע פילט זיך נישט קיין זיכערקייט. נאר ארץ ישראל שיקט אונדז א שטארק ווארט. דארט האבן זיי א באדן.

— מיר ווילן נישט קיין פאלקסליד: „גיט די טויטע אויף תכריכים און די לעבעדיקע — ברויט", נאר ביאליקס „על השחיטה":

ואם יש צדק יופיע מיד.

— מיר ווילן נישט קיין רחמנות. נאר א שטארק ווארט, א „נחמו", א גייסטיקע שווערד.

— מיר לעבן געשעגקטע יארן. מיר האבן זיך נישט איינגעשטעלט פאר אונדזערע עלטערן. מיר האבן זיך נישט מקריב געווען פאר אונדזערע קינדער. מיר טראגן אין זיך א חטא. דארפן מיר האבן מוט צום לעבן. גיט אונדז א שטארק ווארט. מיר ווילן א גייסטיק געווער.

— דערציילט, אז מיר האבן א גאלדענע יוגנט, נישט פאריאושט, נאר האפענונגספול. מיר ווילן בויען אונדזער הויז על הרי יהודה. דער־ציילט דעם אמעריקאנער יידנטום.

— דורכגעגאנגען דורך עינויים און דערנידערונג און אן א שום יידישע אדער מענטשלעכע דערציאונג, איז דאך אונדזער יוגנט ריין גע־בליבן, אן א שמץ פון פארברעכערישקייט. דערפאר וויל זי נישט בלייבן אין אייראפע. כוהנים טארן נישט זיין אויף א בית הקברות. די יוגנט האט שוין אן אידייע, וואס האט זיך אויסגעבריט און אויסגעווארעמט אין קא־צעטן און אין קרעמאטאריומס — ארץ ישראל.

— אזוי ווייניק יידישע קינדער געבליבן, פון מיטל־אזיע ביז מערב־אייראפע. אין ביאליסטאק זענען דא בלויז אכט קינדער. אין לאדזש איז קיין איין קינד נישט געבליבן. די קינדער, וואס מיר האבן, זענען גערא־טעוועטע פון קלויסטערס, אויסגעלייזט פון פויערישע הייזער, געבוירן אין געכאוועט אין וואלד ביי די פארטיזאנען. דארפן דאך די יידן פאראינ־טערעסירן זיך אין די קינדער. און דאך פארנעמט נישט די פראגע פון דערציאונג דעם ערשטן פלאץ אויף אונדזער סדר־היום.

— וואָס מיינט דאָס, וואָס איר זאָגט, אַז מען דאַרף שטאָלצירן מיט די יסורים? ניין, מען דאַרף שטאָלצירן מיט דער תורה און מיט יידישע מנהגים. די יידישע וועלטלעכע ליטעראַטור גיט נישט דעם שטאָלץ. און וואָס מיינט קדושה? זהירות, אָפּגעהיטקייט אין יידישע דינים, קומט פריער. די יוגנט קען נאָך אָוועקגיין פון אונדז, אויב מיר וועלן איר נישט געבן מער ווי פּאָעזיע און ליטעראַטור. מיר זוכן עפּעס אַנדערש. מיר זוכן אַ יידיש לעבן. מיר האָבן די גאַנצע וועלט. אַפילו די דעמאָקראַטיעס האָבן געשוויגן אין די צייטן פון אונדזערע ליידן, פון אונדזער שחיטה.

— די קצבה־באַדינגונגען זענען אומדערטרעגלעך און מאַכן אונדז קראַנק, און שולדיק זענען אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער. מיר ווילן גע־זונט מאַכן אונדזער גייסט. מיר האַסן די וועלט און מיר קענען זיך נישט געזונט מאַכן. דאָ אין דייטשלאַנד קענען מיר אונדזער האַס נישט היילן.

— פאַרוואָס זענען די אומות העולם אַזוי לייכט צוגעשטאַנען צום נאַציזם?

— ווו איז געווען די וועלט — די סאָציאַליסטישע, די דעמאָקראַ־טישע? איצט וועלן מיר קיינמאָל פון די יידן נישט אָוועקגיין. קיין שמד קען ביי אונדז נישט זיין.

— איר זענט געקומען אַהער אונדז פאָטאָגראַפירן. איר פאַרצייכנט אין האַרצן יעדעם וואָרט, וואָס מיר רעדן אַרויס. נו, גוט, מיר זענען גע־וואָרן סקעפּטיקער. מיר גלויבן נישט מער אין דער וועלט, נאָר אין זיך, אין אונדזערע אייגענע אָרעמע כוחות.

— מיר טאָרן נישט האַסן די וועלט, מיר טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן פון די גרויסע דעמאָקראַטישע אידעאַלן. אַ סך גויים האָבן אונדז גע־האָלפן. סאָציאַל־דעמאָקראַטן זענען צוערשט געווען אויף דער זייט פון היטלעריזם, אָבער נאָכדעם האָבן זיי דאָך חרטה געהאַט. מיר קענען אַליין גאָרנישט אויפטאָן. מיר מוזן אַרבעטן צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיווע עלע־מענטן פון דער מאָכמעדאַנישער און קריסטלעכער וועלט.

— ווען וועט איר ברענגען אונדזער צער צו דער וועלט? ווו איז די גרויסע אַקציע פון דער יידישער וועלט? זענען דען די אַלטע קליידער, דאָס ברויט און מאַרגאַרין, וואָס איר שיקט אונדז — אייער גאַנצע אַק־ציע, באַפרייט אונדז און גיט אונדז אַ מקום מנוחה.

— נאָר יונגע קינדער קענען נאָך טאַנצן. די עלטערע וועט איר שוין קיינמאָל נישט זען טאַנצן און זינגען. מיר זענען מענטשן אָן לעבן.

— מיר זענען שוין נישט די מענטשן, וואָס געווען. אַ טרויעריקער ספּעקטאַקל רופט ביי אונדז קיין טרער נישט אַרויס. אַמאָל האָבן מיר נאָך געקענט וויינען. היינט האָבן זיך אונדזערע אויגן אויסגעליידיקט. מיר פאָדערן אַ ברייטן טויער אַרויסצוגיין אויף דער פרייער וועלט. נישט טרייסטן. מיר וועלן זיך אַליין טרייסטן. אָבער מיר דאַרפן אַרויס פון די ד׳ אמות. דעמאָלט וועלן מיר אפשר זיין שענערע מענטשן, אין אַמעריקע אָדער אין ארץ ישראל.

— עס פעלט דאָ אונדז אוים ביכער. מיר האָבן אפילו נישט קיין צייטונגען.

— מיר קענען נישט פאַרלייקענען אונדזער פעסימיזם, אונדזער פאַר־לוירנקייט. מיר זענען נישט קיין דורכשניטלעכע מענטשן. מיר זענען ספּעציפיש. מיר זענען אויך קראַנק. אַ קראַנקער האָט נישט קיין מנוחה. וווּ מען לייגט, טוט אים וויי.

— איר ווילט אונדז אַרויספירן אויף נאָרמאַלע וועגן. אומזיסט! מיר זענען עגאָצענטריש. און ווער איז שולדיק? איר, אַמעריקאַנער יידן. וואָס פאָדערן מיר? בלויז אויסמעקן דעם קאַצעט. מיר ווילן שאַפן דעם טאַנץ פאַר דער יוגנט. אָבער בלויז אין ארץ ישראל. ווער עס איז נישט געווען אַ סאָציאַליסט אין דער יוגנט, איז אַ לײדאַק; ווער עס איז אַ סאָציאַליסט אויף דער עלטער, איז אַ נאַר.

דאָ איז דער פּאַרטייאישער קעסל אַרויפגעשוומען, אָנגעהויבן צו זידן און צו קאָכן, צו שיסן מיט הייסע בייזע שפּריצן אויף אַלע זייטן.

שטעך־ווערטלעך צווישן „ברודער ציוניסט" און „ברודער בונדיסט" האָבן זיך געוואָרפן ווי „בערעלעך" אום תשעה באב צו קינות.

ס'איז געוואָרן אַ געטומל, אַ גערויש.

און אין מיטן דערינען האָט איינער אַריינגערוימט מיר אין אויער, אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אַז דער שפּיל וועט זיך ענדיקן און ער וועט זיין פּסוק נישט האָבן אַריינגעזאָגט:

— מיך האָבן די ס. ס.-לייט קאַסטרירט.

וואָס האָט אים געצווונגען, אַז ער זאָל מיר דאָס דערציילן?

ס׳זענען דאָך דאָ לײדן, װאָס מוזן ברענען און דושען במסתרים, און מען טאָר קײנמאָל קײן קומען אויף זײ נישט ארויפשטעלן דעם רויך ארויסצולאָזן.

ס׳זענען דאָך דאָ לײדן, פאַר װעמען די דערלײזונג פון װאָרט איז נישט באַשאַפן געװאָרן, און דער מענטש מוז זײ טראָגן אין דער שטיל ביזן קבר.

פײן און שאַנד האָבן מיך ארומגערינגלט.

כ׳האָב זיך געפילט װי אין אַ לאַזאַרעט, װו אײטערדיקע װונדן קנוילן זיך אין שװײסיקער נאַקעטקײט.

כ׳האָב דערזען דעם קראַנקן גײסט, װאָס, װי געזאָגט, צעשרײט זיך מיט שרעק, װען אײנער קוקט אַרײן דורך אַ שפּאַלט און פאַרגעסט זיך און עפנט ברײט אויף טיר און טויער.

און װען איך האָב זיך אויפגעשטעלט רעדן און דער טומל האָט זיך אײנגעשטילט, האָב איך געגעבן אויסדרוק צו מײן פאַרדרוס איבער זײער צאַנקערײען און איבער אײניקע שײנע רעדעס, װאָס האָבן געקלונגען װי אײנגעחזרטע פאַרטײאישע פּלאַטפאָרמעס, אָבער אויך צו דעם געפיל, װאָס באַגלײט מיך דאָ די גאַנצע צײט — קטונתי, און איך האָב געקושט די זוימען פון זײער מאַרטירערטום־בגד.

:: :: ::

אין אָװנט האָט דער פעלדאַפינגער דראַמאַטישער קרײז „עמך" געגעבן לכבוד אונדז אַ ספּעציעלע אויפפירונג פון אַנסקים „דיבוק". איז דאָס געװען אַ שעה פון אויסלײטערונג און רו נאָך צער אין שטורעם. איך האָב זיך איבערגעגעבן מיט מײן גאַנצער מידקײט צו דער ליכטיקײט און קאָליר־רײכקײט פון דער בינע, צום חן פונעם שפּילן און צו דער מיסטעריע פון צװײ װעלטן.

פיזיש אַ קלײנע סצענע. בלויז אַ פאַמיליע, אַ כלה־מויד, אַ ישיבה־בחור, און דאָך װי ברײט און װײט אין פאַרנעם, מיט אַן אָנשפּאַר און אָנשלאָג הויך אין די הימלען און אויף די ברעגן פון טויט. מיר הײנט, מיט אַלע אונדזערע המצאות און גרויס־װעלטיקײט זענען אַזױ אײנגע־

שרומפּן, אַרומגעשוירן און פאַרקלענערט, אַז מיר וואַרגן זיך אין אונדזער קליינקייט און ענגקייט. נישטאָ יענע אָפענע טירן. נישטאָ קיין מיסטעריע.

זיי האָבן שוין געשפּילט. ערטערווייז — דאָרט ווו די סימבאָליק האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזערע אייגענע לײדן — האָט זייער אויג אַפילו אַ טרער געטאָן. אינטערעסאַנט איז געווען יענער. וואָס האָט געשפּילט דעם משולח — הויך, מיט גרויסע אויגן, מיט אַ לאַנגער, פאַרקינסטלטער באָרד, וואָס האָט זיך געשפּאַלטן אין מיטן אַזוי, אַז די געקרייזטע שפּיצן האָבן זיך פונאַנדערגענומען און זיך צוזאַמענגעהעפט אין ריטם מיט די ווערטער, וואָס זענען שאַרף אַרויסגעקומען פון זיינע בולטדיקע ליפּן. זיין אויסשפּראַך איז געווען אַ פאַרעלטערטע, אַן אויסגעצויגענע — „דער התן וועט קומען באַצייטנס”. ער האָט באמת געשאַפן אַן אילוזיע פון אי־בערערדישקייט.

און נאָך דער אויפפירונג, פאַר וועלכער מיר זענען געווען זייער דאַנקבאַר, זענען מיר געפאָרן צו אונדזער קוואַרטיר. די מאַשין האָט זיך געשלענגט באַרג־אַרויף, וואַרפנדיק אַ ליכט פון אירע פאָדערשטע לעמפּ־לעך אויף געדיכטע ביימער פון ביידע זייטן.

פּלוצים, ס'לויפן אָן יידן. די מאַשין שטעלט זיך אָפּ.

— וואָס איז?

— אַ דייטשער אַנפאַל.

דוטקעוויטש שטייגט אַרויס און ווערט פאַרשוווּנדן. מיר פאָרן ווייַ־טער. די מאַשין טרומייטערט. יידן לויפן. מיר קומען אַריין אין אונדזער צימער. מיר וואַרטן אומגעדולדיק.

ווי ווייט איז מיין קינדהייט? אַ גאַנצער דור! און מיין היים, אָסט־ראַה? זי איז דאָך שוין אויפן עולם האמת. און אין איין רגע ווערט אַלץ פאַרשוווּנדן — אַמעריקע, אַזוי פיל יאָרן פון מיין לעבן, אַן אַנדער שפּראַך, אַן אַנדער קולטור, אַ גרויס־שטאַטיקע ציוויליזאַציע — אַלץ פאַרשוווּנדן, אויסגעמעקט. איך אַליין אויך. איך בין אַ קליין קינד אין אָסטראַה. דורך די פענצטער זע איך לויפנדיקע, בהלהדיקע פּנימער. די לאָדנס ווערן פאַר־קלאַפּט און פאַרריגלט אין מיטן העלן טאָג: מיר פאַרשטעקן זיך אין קע־לער. פּאָגראָם־שרעק!

איז יענע רגע שוין לאַנג אוועק. דוכט זיך, קיינמאָל נישט געטראָכט

וועגן איר. אזוי זיכער בין איך געווען ביי זיך. פּלוצים איז זי ווידער ארויס: איך בין דאָ! און איר שרעק האָט מיך ארומגענומען.

גיין. ס'איז אינו דומה. יענע יידן זענען אנטלאָפן און זיך פארשטעקט, און ד י לויפן. זיי לויפן ארויס צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיטן שונא.

אָבער ווי לאַנג וועט מען נאָך האַלטן דאָ די יידן ארומגערינגלט מיט פיינט, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויף דער תורה, אז יידן זענען פליגן און מען דאַרף זיי פארניכטן? ווי לאַנג וועלן די נערוון דאָ אויסהאַלטן אונטער דער רייבונג און די דינע שערעלעך פון טאָג-טאָגיקער אנטפוי-שונג, פון נאַכט-נאָך-נאַכטיקער ביטערניש?

און זע. ס'איז שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס אונדזער באַזוך אין א לאַגער ענדיקט זיך מיט גוי־שרעק, מיט צוזאַמענשטויס. צי פאַרפאָלגט אונדז אויך א שטיקל גרויל, א שמץ פון דעם אַלטן גורל, וואָס פאַרפאָלגט אונדז אַלעמען?

ס'קומט אריין דוטקעוויטש און באַרואיקט אונדז. א דייטש האָט אטא-קירט אונדזער שומר און אנדערע דייטשן האָבן אָנגעהויבן ארויסקריכן פון זייערע נאָרעס אין דער פינצטער. אָבער דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן, און די דייטשן זענען אנטלאָפן.

אָבער ביי מיר האָבן די קני נאָך אַלץ געציטערט.

ס'זענען אריינגעקומען יידן.

פאַרוואָס האָב איך אויסגעמעקט דאָס וואָרט „יונגעלייט" און גע-שריבן „יידן"? ס'זענען געווען אייניקע, דוכט זיך, נאָך גאַנץ יונג. אָבער דאָס וואָרט „יונגעלייט" איז צו לייכטזיניק פאַר די יידן דאָ. עפּעס פילט זיך א שווערקייט אין יעדן איינעם פון זיי. שטעלט איינעם אוועק אויף א וואָג און ווער ווייס וויפל בערג מיט אייזן איר וועט דאַרפן אָנהענגען אויפן מעססטנדיקן שטאַנג. יעדער איינער פון זיי איז א ייד, אָנגעלאָדן און שווער מיטן יידישן שיקזאַל.

א קורץ דיקלעכע פרוי, באָרוועס, מיט צעלאָזענע האָר, ברענגט שטיל אריין טיי און גייט שטיל ארויס.

איינער מיט א לענגלעך, טונקל־סענסיטיוו געזיכט, וואָס איז געווען ניינצן טעג אין טרעבלינקער גיהנום, האָט אָנגעהויבן דערציילן:

„צוויי מיליאָן יידן האָט טרעבלינקע ארייַנגענומען אין זיך, און נאָר זיבן און צוואנציק זענען לעבן געבליבן. איך בין איינער פון זיי.

אזוי שנעל ווי א טראַנספּאָרט מיט יידן איז אָנגעקומען, האָט מען גלייך פונעם באַן אָנגעהויבן טרייבן א טייל פון זיי, מיט שיסערייען און חיהשע געשרייען, אויף א זייט אונטער אייזערנע שטאכעטן. דאָרט האָט מען זיי באַפוילן, זיי זאָלן זיך אַלע — מענער, פרויען און קינדער — אויסטאָן נאַקעט, דאַן האָט מען זיי בודק געווען, אויב זיי טראָגן נישט ערגעץ־ווו אין זיך גאָלד און בריליאַנטן, און אוועקגעפירט זיי אַהין, ווו אַן עמוד ענן איז געהאנגען איבערן דאך בייטאָג און אַן עמוד אש ביינאַכט.

די בערג מיט שיך און קליידער האָט מען באַדאַרפט סאָרטירן און אַפּשיקן פאַרן היימישן געברויך. ביי די דייטשן איז קיין זאך נישט גע־גאַנגען לאיבוד. ס'איז געווען געשעפט. א קאָלאָסאַלע הכנסה. זיי האָבן געמאָרדעט און גערירשנט.

מיך האָט מען אוועקגעשטעלט שניידן שטריקלעך. מיט יעדן שטריקל האָט מען א פּאָר שיך צוזאַמענגעבונדן און אוועקגעשיקט און פּינקטלעך גלייך האָבן אַלע שטריקלעך געמוזט זיין. פאַר א האָרעלע אומפּינקטלעכ־קייט איז געקומען טויט.

אָט אזוי האָב איך געאַרבעט ניינצן טעג, געמאָסטן און געשניטן שטריקלעך. ביז ס'איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד.

לאַנג־לאַנג זענען די הכנות געמאַכט געוואָרן.

ס'איז קיין האָפענונג נישט געווען צו קריגן געווער פון דרויסן, האָט מען דאָס געמוזט באַקומען פון אינעווייניק. האָט מען פריער געשיקט א פלינק צוועלף־יעריק יידיש יינגעלע — זאַלצבערג האָט ער געהייסן — ער זאָל אריינשיטן מעטאַל אינעם שלאָס פונעם געווער־סקלאַד און אים קאַליע מאַכן. איז אַלעס ווייטער געגאַנגען ווי פּלאַנירט. די דייטשן האָבן געשיקט רופן א יידישן שלאָסער, ער זאָל אים צורעכטמאַכן. פאַרענדיק זיך מיטן שלאָס, האָט ער פון אים אַן אָפּדרוק געמאַכט. און אזוי האָט מען דריי שליסלען געמאַכט.

און דעם צווייטן אויגוסט 1943, דריי אזייגער מיט 45 מינוט נאָכ־מיטאָג, איז דער ערשטער שאָס אָפּגעפייערט געוואָרן, און באַלד האָבן גראַנאַטן גענומען פליען פון יידישע הענט, טרעבלינקע האָט אָנגעהויבן

ברענען, און הונדערט און פופציק יידן זענען אין וואלד אנטלאָפן. אָבער בלויז זיבן און צוואנציק זענען לעבן געבליבן.״

און אויפן טיש האָט זיך געהויבן אַ באַרג מיט שיך: מענערישע, ווייבערישע, קינדערשע.

ס׳איז געוואָרן שפעט. מען איז אויפגעשטאַנען.

זאָגט איינער צו מיר:

„און איך בין געשטאַנען אין אַן אַזערע טיף ביזן האַלדז, און מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט האָב איך געהאַלטן מיין קינד צוויי טעג, הויך איבערן וואַסער. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב שפּעטער ביידע, מיין פרוי און מיין קינד, אין אַ סעלעקציע אָנגעווירן. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן.״

זיי האָבן געעפנט די טיר:

— אַ גוטע נאַכט!

און איך האָב זיך אין דער פינצטער אויף מיין האַרבאַטן בעטל געלייגט.

:: :: ::

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט אַ וואַרעמע מאַיאָווע זון געשיינט. מיר זענען געשטאַנען ביי דער מאַשין, געהאַלטן ביים אָפּפאָרן און דערווייל האָט מען אונדז מכבד געווען מיט בלומען־בוקעטן.

און איך האָב נישט געקענט אויסשרייען: נישט בלומען, נאָר דערנער, ווייל איך פאָר אָפּ פון אייך און לאָז אייך דאָ איבער אַליין. איר דאַרפט מיר געבן דערנער.

אַ מיידל פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „נוחם״ האָט מיר אַ בריוו אין גראַמען איבערגעגעבן, געחתמעט און געשטעמפּלט פון „קן נוחם, פעלדפינג, מזכירה לבינזון״. אַט לייענט. ס׳איז דאָס וואָרט פון דער שארית הפליטה צו אייך אַלעמען:

משורר אפרת, ביסט אונדז גוט באַקאַנט.
קומסט פון ברידער וואָס לעבן אין פרייהייטס־לאַנד.
זאָג זיי דאָרט, די הערן פון פרייהייט און רעכט!...
אַז אויך מיר ווילן נישט זיין מער קיין קנעכט.

ס'איז שוין גענוג!... גענוג געבעטלט ביי פרעמדע אן אָרט.
גיין! מיר ווילן נישט מער גלות! זאָגט זיי אונדזער וואָרט.
אן אייגן לאַנד, פאַר אונדזער בלוט און פיין,
זיי מוזן אונדז יעצט לאָזן אריין.
מיר וועלן ביי קיינעם קיין רו נישט געפינען,
גענוג שוין פרעמדע פעלקער באַדינען.
ארץ ישראל! ציון אונדז רופט.
דאָרט איז אונדזער לעבן, צו אָטעמען לופט.
ס'מוז פרייהייט געבן די וועלט אונדז אצינד,
ישראל סבאם קינד. כבר כלה הקץ,
אין תקוה ליונה בצפרני הנץ.

אָט האָט איר קלאָר זייער אָריענטאַציע, זייער מידקייט פון גלות און פון פעלקער-שכנות און זייער איינציקע האָפענונג, זייער איינציקער דראַנג. ווי אַזוי דערגרייכט מען אָבער מיט זייער קול צו דער וועיטער הארטער וועלט?

קאַפּיטל נײַנצן

י״ד אייר, דער נייער יום הזכרון

מיר האָבן די היסטאָרישע זכיה צו זיין אויף דער ערשטער פייערונג פון דעם טאָג — י״ד אייר — וואָס איז, ווי שוין פריער געשריבן, פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דער שארית הפליטה, דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַלס אַ נאַציאָנאַלער יום הזכרון.

דעם יום־טוב פורים האָבן אסתר און מרדכי פּראָקלאַמירט, און אַלע יידן האָבן אים מקיים און מקבל געווען אויף זיך און אויף זייערע קינדער. אין באַצוג צום י״ד אייר האָבן די יידן פון דער שארית הפליטה די פולע אויטאָריטעט דערגרייכט דורך זייערע גרויליקע עינויים אים אריינצושטעלן אין יידישן לוח, און עס איז די הייליקע פליכט פון אַלע יידן

איבער דער גאַנצער וועלט אים אָנצונעמען אויף זיך און אויף זייערע קינדער.

מ׳האָט זיך נישט געקענט באַשליסן אויף דער זיצונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, אויב ס׳זאָל זיין אַ יום־טוב אָדער אַ טרויער־טאָג, ס׳הייסט, צי מען זאָל אַקצענטירן דעם מאָטיוו פון באַפרייאונג און „שארית", אָדער דעם מאָטיוו פון אונדזערע גרויסע אבדות, פונעם דריטל פון אונדזער אומה, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן.ביידע מאָטיוון זענען דאָ, און מ׳טאָר קיין איינעם נישט פאַרלייקענען. די צייט וועט באַשטימען, ווער ס׳זאָל דאָמינירן. אויב ס׳וועט זיין יום־טובדיק אויפן הארצן, וועט י״ד אייר אַוודאי זיין אַ גרויסער יום־טוב. דערווייל איז עס מער תשעה באב ווי פורים, און די פרייד פון באַפרייאונג שטייט אַן אָרעמע ביי דער טיר און קיינער בעט זי נישט אפילו אריין.

בכלל האָבן ימים טובים וועקסלענדיקע קאַריערעס, און ס׳איז קיינ־מאָל נישט ווי מ׳האָט לכתחילה געוואָלט. דער ערנסטער פינף־שמונה־עשרדיקער יום כפור איז געוועזן אַמאָל גאָר אַ קאַרנאַוואַל. און חנוכה האָט אין אונדזער דור ממש אויפגעלעבט. „טעג" וואַקסן ווי קינדער. ווער קען פאָראויס באַשטימען זייער גורל.

זיצן מיר ביי אַ לאַנגן רעדנער־טיש אין אַ גרויסן זאַל אין מינכען, און אַ צוויי טויזנט יידן זענען אויסגעזעצט אינעם אודיטאָריום און רונד אַרום אויף די גאַלעריעס.

ס׳איז אַ פּרעכטיקער זאַל, מיט מאָזאַאישע ביזאַנטינישע אויסמאָ־לונגען און לאַטיינישע אויפשריפטן. ס׳האָט דער שד געגנבעט שיינקייטן און אמתן, און אויסגעצירט זיין טמאן גוף מיט זיי. אַליין האָט ער גאָר־נישט געשאַפן. פאַרוואָס זאָל ער שאַפן אייגנס, אַז ער וויל דאָך, אַז מ׳זאָל מיינען אַז ער איז שדי?

ס׳גיט זיך מיר אַ דוכט, אַז איך בין אין אַ געצנדינערישן טעמפּל. וואָס פאַר אַ טומאהדיקע רייד דער זאַל האָט זיך אויסגעהערט! וואָס פאַר חיהשע פאַראַדן מיט גרילצנדיקע געשרייען ס׳זענען דאָ אָנגעגאַנגען! זענען די רעדעס און די פאַראַדן פאַרשוווּנדן, אָבער די קרבנות פון זייע־רע שטורעמס זענען געבליבן. זע, ווי זיי זיצן מיט אויסגעטריקנטע אויגן און פאַרשטיינערטע הערצער. און זע, ווי פון דער בימה, פון צווישן צוויי

עלעקטרישע לאָמפּן, ס'קוקן טרויעריק די גרויסע שוואַרצע אויגן פון ד"ר הרצלס בילד!

ד"ר זלמן גרינבערג שטעלט זיך אויף און האַלט אַ קורצע דערעפֿ־נונגס־רעדע.

„די שארית הפליטה וויל איין טאָג פון יאָר אַלס אַ מצבה אויפֿ־שטעלן אין אַליערלעכן קאַלענדאַר. דער טאָג איז דער אַלגעמיינער יאָרצייט פֿאַר באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע קרבנות, און צו גלייכער צייט דער טאָג, אין וועלכן די רעשטלעך, על פּי נס געראַטעוועטע יידן, זאָלן זיך דער־מאָנען, און הייליק האַלטן אין זייער זכרון דעם אויסערגעוועלעכן נס פון זייער אינדיווידועלער באַפרייאונג."

ריכטיק פאָרמולירט: מצבה און נס.

יידן אָפּערירן נישט מיט בראָנז און מאַרמאָר, נאָר מיט צייט. און זיי לעבן זיך נישט אויס אין די דריי דימענסיעס פון שטח נאָר אין דער איינער דימענסיע, וואָס ציט זיך פון אייביק צו אייביק. זענען אַלע אונדזערע געשיכטלעכע מצבות קניפּלעך אין אונדזער צייט־דימענסיע.

און נס? אוודאי, נסים האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַלגעמיינער שלאַכט מיטן מעכטיקן שונא און אינעם יחידישן לעבנס־קאַמף אין די קאַצעטן.

דרך אגב, דאָס איז שוין די פּערטע טעאָריע וועגן דער פראַגע, פאַר־וואָס זענען ד י געבליבן לעבן און אַנדערע נישט:

א. גייסטיקער מוט.

ב. ביטערקייט.

ג. אַ נישט־גרייטקייט זיך צו מקריב זיין — אַ סך, אַ סך האָבן דאָס יאָ געטאָן — פאַר עלטערן און קינדער, אָדער צו גיין צוזאַמען מיט זיי „דעם לעצטן וועג", אַזוי אַז זיי פילן אין זיך אַ חטא, אַ קלעמעניש פון שולד.

ד. נס.

ערגעץ־ווו האָב איך געהערט פון אַ קאַצעטלער אַ פינפטע סיבה: פּחדנות. ער איז געבליבן לעבן, ווייל ער האָט אויסגעמיטן געפאַר. ער איז בעסער געזעסן אויף זיין פּריטשע, איידער זיך שטעלן אין ליניע פאַר אַן עקסטראַ שטיקל ברויט, וווּ דער קנוט האָט געקענט אַ קנאַק טאָן יעדע רגע.

אַלנפאַלס די פראַגע „במה זכיתי?״ באַשעפּטיקט זיי זייער פיל, און וואָסער ענטפער זי זאָל זיך נישט אויסקלייבן, פאַרלירט זי זיך סוף כל סוף ערגעץ אין אַ צעשוווּמענעם געפיל פון שולדיקייט.

דער חשובער פאַרזיצער ענדיקט:

„אין גייסט פון טיפן שמערץ און הייליקער באַערונג פון אונדזערע קדושים און צו גלייכער צייט אין גייסט פון קאַמף פאַר דער ליקווידאַציע פון גלות, דערקלער איך די היינטיקע געדענק־פאַרזאַמלונג פאַר געעפנט.״

און דער גאַנצער עולם אין אווידיטאָריום און אויף די גאַלעריעס שטעלט זיך אויף אין איין צוזאַמענגעגאָסענער מאַסע און זינגט „התקוה״.

כ׳האָב שוין געשריבן וועגן דעם גוואַלדיקן ערנסט, מיט וועלכן די יידן דאָ זינגען „התקוה״. זיי גיסן אַריין אין איר זייער גאַנצע פאַר־צווייפלטע, און אויף אַ האָר הענגענדיקע נשמה, אַזוי אַז דאָס קול ווערט שטאָל און אייזן; און אין זייער שטייפער שטייענדיקייט פילט זיך אַ מעכ־טיקע באַוועגונג, אַ מאַרשירונג איבער דער גאַנצער וועלט מיט אַ וואָר־נענדיקן אויפרוף:

— נעמט אכט. ס׳וועט אייך נישט געלינגען אונדז אומברענגען. על אפכם ועל חמתכם וועלן מיר לעבן!

די „התקוה״ האָט דאָ געקראָגן אַ נייעם תיקון.

און אַ חזן מאַכט „אל מלא רחמים״, און רייסט דאָך אַרויס פון די טרוקענע אויגן אַ לעצטע פאַרזשאַווערטע שרפהדיקע טרער.

און עס קומען אַנדערע רעדנער און כאַפּן אויס דאָס לעצטע וואָרט פונעם פאַרזיצער — „קאַמף פאַר דער ליקווידאַציע פון גלות״. זיי פאָ־דערן אַן אמתע פרייהייט, וואָרום „מיר זענען נאָך נישט פריי״.

און חבר לייוויק רעדט וועגן דעם קאַשמאַר, וואָס איז דייטשלאַנד, און וועגן דער באַפרייאונג, וואָס פאַר אונדז איז זי נאָך אַלץ נישטאָ. ער בעט זיך: נעמט אונדז אַריין אַלס שותפים אין אייערע ליידן.

און איך זיץ און טראַכט וועגן די צוויי גרויסע שטאַטסלייט, וואָס האָבן פון אין מיטן ים געגעבן דער וועלט פיר דיבּרות פון פרייהייט. צוויי פון די דיבּרות זענען פרייהייט פון מאַנגל און פרייהייט פון מורא. נו, פאָרן מיר איצט אַרום אין די לאַגערן, און מיר זענען עדות, אַז דאָס עסן האָט קיין טעם נישט, קיין פאַרשידנאַרטיקייט, קיין געזונט און לעבן, וואָ־

רום ס׳פּאַרמאָגט נישט געוויסע וויכטיקע שפּייזן, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, אַזוי אַז דער מאָגן ווערט אָנגעשטאָפּט און דער קערפּער הונגערט דאָך. ס׳איז אָבער נישט קיין פראַגע פון מער אָדער בעסער עסן. זיי וואָלטן מוחל געווען די בעסטע פּאַטראַוועס, אויב זיי וואָלטן נאָר געקענט אַליין, מיט זייער אייגענעם יגיע כפּים פון אַן אייגענער שטיקל ערד דאָס בי־סעלע חיונה ציען. פרייהייט פון מאַנגל? ס׳אַ ביטערער שפּאַס, ווען עס פעלט דער סאַמע יסוד פון אַ ווירדיק מענטשלעך לעבן. און פרייהייט פון מורא? מיר האָבן דאָך אַליין געזען ווי די יידן זענען אַרומגערינגלט מיט שונאים, וואָס זענען טרעניר־ט אין האַס און אכזריות, אַזוי אַז דאָס לעבן איז אַ שטענדיקער פּחד.

פאַר אונדז איז דער אַטלאַנטישער טשאַרטער שוין לאַנג אין ים אַריינגעפאַלן. פאַר אונדז איז ער אפשר פון לכתחילה שטיפעריש גע־שריבן געוואָרן אויף וואַסער.

מיר מוזן אָבער אַ טראַכט טאָן היינט, אויפן מצבה־טאָג, וועגן די זעקס מיליאָן קדושים און וועגן זייער שייכות מיט אונדז, אָדער אונדזער פאַרפליכטונג צו זיי.

ס׳הערשט אַ גרויסע קולטור־לאַזיקייט. די נעגאַטיווע „לאַזיקייט״ קען אויך זיין אַ הערשער. אונדזער אַלטע קולטור לערנט מען נישט, און אונד־זער נייע ווייסט מען נישט. כ׳האָב געפרעגט אין פאַרשידענע קיבוצים וועגן דעם אָדער יענעם העברעאישן שרייבער, האָט מען מיך אָנגעקוקט תמעוואַטע. וועגן ביאַליק געדענקט מען נאָך עפּעס, וועגן טשערניכאָווסקי שוין גאָרנישט. אַ פרעמדער נאָמען.

אָבער ס׳איז נישט קיין פראַגע בלויז פון וויסן. דאָס גאַנצע לעבן שפּילט זיך אויס מער אויפן ביאָלאָגישן שטח.

כ׳וויים די אומשטענדן. די לעצטע צוועלף יאָר פון אונדזער גייסטי־קער שאַפונג האָבן דאָך צו זיי נישט געקענט דערגרייכן. און פיל פון זיי זענען דאָך געווען נאָך אַזוי יונג, ווען דער פיינט איז געקומען און זיי אוועקגעשלעפּט. און איצט אויך, מ׳איז אויף אַ פרעמדער פור. וואַרט. אַט־אַט.

און דאָך אַן מעדיטאַציע, אָן פאַרטיפונג אין דעם וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט, ווער וועט פאַר דער שארית הפּליטה זייער ספר איוב שרייבן?

יאָ, גאולת הצער. מ'דאַרף דעם צער אויסלייזן. נאָך פאַר דער ענדע פונעם קריג האָב איך אין אַ ליד געפרעגט: מה לעשות בצער עת נגאל מצער? וואָס זאָלן מיר טאָן מיט די ליידן, ווען מיר וועלן פון זיי אויסגע־לייזט ווערן? און איך האָב פאַרגעשטעלט ווי די יידן פון קעירוואַן, ווען זיי זענען באַפרייט געוואָרן, האָבן געריסן פון זיך זייערע געלע לאַטעס און געטרעטן זיי מיט די פיס. אַ משוגענער איז אַרומגעגאַנגען און זיי צו־זאַמענגעקליבן. און שבת אין שול, ווען מ'האָט אויפגעעפנט דעם ארון קודש פאַרן לייענען, זענען די יידן געבליבן שטיין געפּלעפט: פון זייערע געלע לאַטעס זענען געוואָרן מענטעלעך אויף ספרי תורה. פאַרוואָס זשע טוען דאָס נישט די יידן דאָ? פאַרוואָס דערהייבן זיי נישט זייער צער.

און אפשר גאָר גאולת הקדושים, די אויסלייזונג פון אונדזערע טויטע?

צייטנווייז ביינאַכט, ווען איך זיץ ביים טיש און ביים לאָמפּ, און דאָס פענצטער איז אָפן צו דער זומערדיקער נאַכט, דוכט זיך מיר, אַז די זעקס מיליאָן קדושים גייען פאַרביי מיין אָפענעם פענצטער, אין אַ לאַנגער, ענדלאָזער שורה, פון מענער, פרויען און קינדער. און יעדער איינער וואַרפט אַריין צו מיר אין צימער אַ קוק מיט אַזוי פיל שטומען צער און געבעט: לעב דו אונדזער נישט אויסגעלעבט לעבן, אונדזערע נישט אויסגענוצטע יאָרן, צינד אָן ביי דיר אונדזער נישט אויסגעברענט ליכט.

אָט דאָס איז דאָך היינט אונדזער אויפגאַבע. יעדער איינער פון אונדז מוז אויסלעבן טויזנט פאַרשניטענע לעבנס. ס'מוז קומען יידישע אינטענ־סיוויטעט אויפן אויסגעליידיקטן פּלאַץ פון אונדזער רייכער צעשפּרייט־קייט, וואָרום אויב חלילה נישט, וועט דער סכום פון אונדזערע קרעפטן נישט זיין גענוג פאַר אונדזער לעבנס־קאַמף.

אָט וועגן די ענינים האָב איך גערעדט, ווען מיין צייט איז געקומען.

די זינגערין עמא שייוועך האָט פאַרענדיקט דאָס פּראָגראַם מיטן יום כפּורדיקן כל נדרי.

איך ווער פאַרשלונגען, כמעט פאַרלוירן אין דער גרויסער געדיכטער־כוואַלעדיקער מאַסע. און פלוצים רייסן זיך דורך צו מיר צוויי מיידלעך מיט אויפגערעגטע פּנימער און גליענדיקע אויגן, און גיבן מיר אַ זאָג:

מיר האָבן אייך געהערט... מיר ווילן, איר זאָלט זיין אונדזער פאָטער. ב'האָב אַ שמייכל געטאָן און אַליין געפילט ווי דער שמייכל פרירט

אויף מיין פנים. איך האָב באַלד דערשפּירט אַ צעעפנטן תהום פון מענטש־לעכע ליידן. כ׳האָב זיך באַהערשט און געפרעגט רויק:

— ווער זענט איר? ווי איז אייער נאָמען?

— דאָס איז נישט וויכטיק. איר וועט אונדז קיינמאָל מער נישט זען. מיר אייך אויך נישט. אָבער מיר בעטן אייך, איר זאָלט אונדז דערלויבן אייך צו רעכענען ווי אונדזער פאָטער.

— יאָ, אַוודאי. אָבער זאָגט מיר, זענט איר שוועסטער?

און נאָך איידער איך האָב געענדיקט, זענען זיי שוין נעלם געוואָרן. זיי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער שטופּנדיקער מאַסע.

כ׳האָב זיך דערשלאָגן צום פענצטער. כ׳האָב געוואָלט קלאָר מאַכן, וואָס האָט דאָ פּאַסירט.

אפשר נישט קיין שוועסטער. צוויי איינזאַמע מיידלעך. טאַטע־מאַמע און ברידער און שוועסטער — אין די אויוונס פאַרברענט. אין דעם זענט איר נישט די איינציקע. זיי זענען דאָך אַלע דאָ יתומים און יתומות. נאָר דאָס יתומקייט איז ביי אייך אַריין אין בלוט, אין האַרץ און אין מאַרך, אַזוי אַז די נשמה טרינקט זיך אין יתומקייט און וויל זיך ראַטעווען. און אויב קיין טאַטע איז נישטאָ, און ס׳וועט שוין נישט זיין, לאָמיר זיך מאַכן אַ טאַטן. ווערט ביי אייך אַ טאַטע אַן איין־רגעדיקער זכרון פון אַ מענטשן, וואָס איז ביי אייך נושא חן געווען. מיט אים וועט איר זיך דורכרעדן. אים דערציילן די ליידן, און ער וועט הערן, יאָ, הערן פון דער ווייטן, און אויך ענטפערן.

— יאָ, יתומדיקע טעכטער מיינע, נעמט מיט מיט אייך דעם זכרון פון מיר, און זאָל עס אייך אַ ליבער און געטרייער פאָטער זיין.

און פּלוצים — אַ צווייטע איבעראַשונג.

מיט וואָס האָב איך זוכה געווען? איך פּיל זיך אומווירדיק צו אַזוי פּיל צוטרוי — און פון פּשוטע, האַרציקע מענטשן. אפשר איז דאָס דער זכות פון העברעאישן קלאַנג, וואָס איז ביי זיי טייער, דער זכות פון אַ העברעאישן שרייבער, וואָס כאָטש זיי קענען אים נישט, איז ער דאָך ביי זיי חשוב.

ס׳קומט צו אַ יונגערמאַן און דערלאַנגט מיר עפּעס איינגעפּרעסט אין אַ גרויסן פּאַפּיר:

— איך וויל אייך געבן א מתנה. איך בעט אייך, אקצעפטירט עס.

כ׳עפן אויף דאס פאפיר, און זע אן ארויסגעריסענע יריעה פון א רייניקייט. דריי עמודים פון אנהויב פרשת יתרו.

— ווער זענט איר?

— מיין נאמען איז יעקב באנעט, פון לודוש, רומעניע. מיין פאטער איז געווען א רב, דער פארפאסער פון „ילקוט גרשוני״. אים האט מען גע־הרגעט. אויך מיין מאמען. נאך דעם קריג האט מען מיך געשיקט פון רו-מעניע קיין פוילן העלפן די באפרייטע רומענישע יידן צוריקצוקומען. כ׳בין געקומען קיין אשוויענטשים, קיין בירקענוי, און דארטן אויף א שמוץ־קאסטן האב איך דערזען די יריעה באדעקט איינגאנצן מיט בהמה־מיסט. בלויז א פאר ווערטער האבן דורכגעקוקט ווי א טרייסט און אן אנזאג: ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש.

כ׳האב מיט מיינע פינגער געגלעט דעם פארמעט. ס׳האט זיך שוין געפילט די שארסקעקייט פון שימל. דא און דארט איז די טינט שוין אפגעשפרונגען. בלויז ראמען פון אותיות געבליבן. און ס׳זענען געווען קנייטשן אין פארמעט, און א דיגינקער ריס אויך, ווי פון א מעסער אין אקסל.

— פארוואס גיט איר דאס מיר, אזא חשובע מתנה?

— אט אזוי. אבער אויף איין תנאי: איר זאלט דאס קיינעם נישט אוועקגעבן, אפילו נישט אין א ביבליאטעק. ס׳איז א מתנה צו אייך פון — אשוויענטשים.

איך׳ בין געבליבן אליין, מיט דער יריעה און מיט אן אויגן־צעעפנטן, פארוואונדערטן געדאנק.

דורך קויט און שמוץ, אונטער די פיס פון בהמות און זייער אומ־צוכט — ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש.

איז דאס דער ענטפער? איז דאס דער וועג?

ניין.

דאס איז געווען אונדזער וועג ביז איצט. ווייטער קען עס נישט זיין. מיר האבן אויף דעם שוין מער קיין כוח נישט. מיר זענען צו פארארעמט און פארבלוטיקט. אונדזער נשמה איז אויך א יורד. מיר האלטן ביי א פונאנדערפאל.

א לויב־געזאַנג צו אונדזערע אבות פאַר זייער פּיינען־וועג. איך גלויב, אַז ס׳האָט אַלץ געדאַרפט זיין אַזוי. און אין וועלט-אוצר זענען אונדזערע יסורים נישט געגאַנגען לאיבוד. מיר אָבער מוזן זיך פאַרנעמען אויף אַן אַנדער וועג — כהונה אין רו, קדושה אין גליק.

מיר מוזן פונאַנדערברעכן די אַלטע איינגעקלאַמערטקייט צווישן צער און קדושה, און ווייזן, אַז אַ רואיק פאָלק קען אויך שיין און הייליק זיין.

אָבער אייביק־טייער וועט מיר זיין די יריעה פון אַשוויענטשים.

ס׳האָט אַ ייד פון פּוילן, פון ליטע, צי פון ערגעץ אַנדערש מיטגע־טראָגן מיט זיך אַ רייניקייט צום טויטן־לאַגער, און איז אפשר טאַקע דער־פאַר פאַרברענט געוואָרן. האָבן די נאַצים געריסן שטיקער פון דער ספר תורה, און געמאַכט פון זיי שיך פאַר די פיס פון טמאים און טמאות. בלויז די איינע יריעה איז אויף אַ מיסט קאַסטן געבליבן.

וועל איך זי רייניקן פונעם שמוץ און פון שימל. כ׳וועל אירע קנייטשן אויסגלייכן, אירע אויסגעליידיקטע אותיות נאָכאַמאָל אָנפילן, איר מע־סער-שטאָך היילן.

זי איז דאָך אויך אַ נס און אַ מצבה.

אַ שארית הפליטה.

אָך, אין מיינע הענט — אַ שטיק צאַפּלענדיקע נשמה פון אַ יידן אַ קדוש, וואָס איז אַוועק אין פייער און אין רויך.

קאַפּיטל צוואַנציק

אונרראַ צעגזוירט אונדז

ס׳שלאָפט זיך נישט זייער גוט אויף די האַרטע בעטלעך פון די אונ־רראַ־באַראַקן.

ס׳איז פרי. אונדזער משוגענער וואַנט־זייגער האָט אויסגעקלאַפּט אַ משוגענע שעה, וואָס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ — פופצן.

איך גיי צו צום פענצטער. אויף יענער זייט גאַס וואַרט שוין דער

דער פערסאָנאל פון די פאָד־שולן אין לאַנדסבערג מיטן דירעקטאָר
אינזש. מישעלסקי און קולטור־לייטער אגראָנאָם אַלייסקי בראש

דער אזכרה־אקט י״ד אייר 1946 אין מינכען

אויטאָבוס, וואָס פירט אונדז פון לײם, ווו מיר שלאָפן, קײן פּאַסינג, ווו מיר עסן. דער קאָנדוקטאָר שטײט אויפן קוימען, וואָס דער אויטאָבוס שלעפּט מיט מיט זיך פון הינטן, און שטאָפּט אין אים דעם אָנבײסן — הילצערנע קלעצלעך פון א טיפן דראַטענעם קויש.

ס׳איז א קאַלטער טאָג. דער בעז, וואָס האָט נעכטן געבליט אויף אַלע גאַסן, איז שוין נישטאָ. די ווײס־רויטלעכע ווילדע קאַרשן־צווײַטן וויאַנען אויך. דײטשע קינדער גײען אין די שולן מיט ראַנצן אויף די רוקנס. ס׳איז וויסט און טרויעריק. דאָס האַרץ ווערט צעפּיקט.

איך בין אַוועק פון ניו־יאָרק ענדע שנײען. ווען איך וועל קומען צוריק, וועט זײן הײסער זומער. דאָס יאָר האָב איך קײן פרילינג נישט. ס׳איז א יאָר מיט א לאָך.

:: :: ::

נעכטן האָט מיר אײנער פון א לאַגער געגעבן א ליטעראַרישע זאַך זײנע, איך זאָל איבערלײענען, בין איך געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און געלײענט. ס׳האָט זיך נישט געלוינט.

און זײ האָבן דאָך אַזוי פיל איבערגעלעבט. דעריבער דאַרפן דאָך די גרעסטע ווערק פון זײ אַרויסקומען.

איז אָבער ליטעראַטור נישט אויסערלעכער אינהאַלט — דאָס איז גאַנץ יצירה — נאָר דער נשמהס איבערגוס, וואָס איז דעם מענטשנס יצירה. אינהאַלט איז בלויז אָנרעגונג און סטימול.

דאָס לעבן איז א קול, וואָס שלאָגט אָפּ אין אײדעלע רעזאָנאַנטע הער־צער א ווײט־ווײט, פאַרטראַכט און פאַרטײעט ווידערקול, און אָט דער ווי־דערקול, וואָס ענטפערט אַרויס פון די מענטשלעכע טיפענישן, איז דאָך דער גאַנצער תוך און תמצית פון ליטעראַטור.

זענען אַזעלכע ווידער־קלינגענדיקע הערצער ווײניק, זײער ווײניק דאָ.

און דאָס איז דאָך געווען אײראָפּע מיט אַזוי פיל ײדיש לעבן און אַזוי פיל סאָציאַלע און ליטעראַרישע פּערזענלעכקײטן.

ס׳איז נישט דערפאַר, וואָס מ׳איז אונטערוועגנס, וואָס ווײזט זיך

נישט קיין שעפערישקייט. דער אברבנאל האָט געשריבן זיינע ברייט-בלע־טערדיקע פירושים, ווען ער האָט ארומגעוואַנדערט און איז אויף קיין פּלאַץ נישט געווען זיכער. ער האָט זיך אפילו געוויצלט: חסורי מיחסרא — ס׳פעלט אַלץ אויס — והכי קתני — און מען לערנט דאָך. מען דערמאָנט זיך אויך אינעם רמב״ם, וואָס האָט געשריבן אייניקע פון זיינע וויכטיקע ווערק — אונטערוועגנס.

ס׳איז דערפאַר, וואָס היטלער האָט זיך ספּעציעל אויף אונדזערע גייסטיקע מענטשן פאַרמאָסטן און האָט זיי אינגאַנצן פאַרניכטעט, אָדער ער האָט פון זיי דעם גייסט ווי אַ צאָן אַרויסגעריסן.

אַ גאָטגעבענטשטער גאָרטן געווען, און ס׳איז אַ וויסט, וואָיענדיק פעלד געוואָרן. אַלע שיינע פּרוכטיקע ביימער אָוועקגעלייגט.

איז נאָכאַמאָל די פראַגע: ווער וועט דעם ספר איוב פון אונדזער צייט אָנשרייבן? ווער וועט דעם קול פון דעם שטורעם אַראָפּציען, וואָס זאָל אונדז געבן דעם באַשייד פון אונדזערע ליידן?

איז דאָס אפשר דער תכלית פון אונדזער נסיעה: וועקן, רופן צו מע־דיטאַציע און פאַרטראַכטונג, אָנרעגן שעפערישע קרעפטן?

:: :: ::

מיר גייען אַרויס און פאָרן אַוועק מיטן אויטאָבוס. מיר קומען אַריין אין געפּאַקטן עס-זאַל. ס׳קומט אַריבער צו מיר מיין בחורל פון אונרראַ, „מר. איז״, און זאָגט מיר, אַז ער דאַרף מיט מיר רעדן. עס ווערט מיר שווער אויפן הארצן. און איך רוגז זיך אָן אויף דעם דייטשישן מיידל, וואָס טראָגט הייסע קאַנען מיט קאַלטע קאַווע.

כ׳גיי אַרויף צו "מר איז". ער ווייזט מיר אָן אַ פּלאַץ אַנטקעגן אים ביי זיין שרייב-טיש, און ווענדט זיך צו מיר לאמור אזוי צו זאָגן:

— איך ווייס נישט, אויב איר זענט געגוי באַקאַנט מיט דער פילאַ־זאָפיע פון אונרראַ.

דאָס וואָרט „פילאָזאָפיע״ האָט זיך געגעבן אַ קריץ מיט גרויסע או־תיות, און איך בין צוריקגעפאַלן אָנמעכטיק צום הינטער-ווענטל פון מיין

שטול. כ'האָב געלערנט די געשיכטע פון פילאָזאָפיע, אין קורצע אַלגעמיין־ליניעדיקע איבערבליקן ווי אויך אין גרינטלעכע, שווער־בענדערדיקע אָפּהאַנדלונגען, און דער פילאָזאָף אונררא איז, דוכט זיך, אין ערגעץ נישט דערמאָנט געוואָרן. און בכלל איז דאָס אַ קעגנשטאַנד, אין וועלכן ס'איז מיר עד היום לייכטער צו עקזאַמינירן אַנדערע, איידער אַליין אָפּצוגעבן עקזאַמען.

— ניין. איך ווייס נישט. וואָס טאַקע איז די פילאָזאָפיע פון אונררא?

דער בחור האָט זיך פאַרלוירן, געשוויגן אויף אַ ווײַלע, מיט די אויגן אַראָפּ צום שרייב־טיש, און געפרעגט אַ מער פּשוטע פראַגע:

— וואָס אַזוינס רעדט איר ביי די אָוונטן?

כ'האָב אים געזאָגט, אַז מיר רעדן וועגן העברעאיש, יידיש, ליטעראַטור, וועגן די צוויי פעדים פון יידישער געשיכטע: ליידן און דענקען.

— נישט מער?

דאָ האָב איך זיך פאַרלוירן. דוכט זיך, אַז דאָס נעמט אַרום אַלע אינהאַלטן און געדאַנקען־ספערן פון אונדזערע אָוונטן. אין וואָס אַזוינס איז ער אונדז חושד? כ'האָב בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, כאָטש געפילט האָב איך, אַז ערגעץ־ווו איז עפּעס יאָ געבליבן צוגעדעקט, צוריקגעהאַלטן.

— דוכט זיך, נישט מער.

— קענט איר מיר געבן אַ געשריבענעם באַריכט פון אייערע טעמעס און טעזיסן?

— יאָ, אוודאי.

כ'האָב פאַרמאַכט די טיר פון זיין קאַבינעט און נאָכדעם — נאָך אַ טיר פון אַ גרעסערן צימער און געבליבן שטיין אין דעם ברייטן אויסגעקאַלכטן אַרומרינגלענדיקן קאָרידאָר.

וואָס אַזוינס איז „מער" פון די טעמעס, וועלכע איך האָב אויסגערעכנט און איז אים נישט צום הארצן? און פאַרוואָס האָט דער „טעאַטער", ס'הייסט די מיליטערישע מאַכט נאָך פון אָנהויב נישט געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַהער אַריינקומען? וואָס איז דאָ אין אונדז — אַ יידישער

און העברעאישער שרייבער — וואס איז געפערלעך פאר אמעריקע, צי פאר די יידן, צי פאר דער וועלט?

אז פאליטיק און עקאנאמישע טעאריעס קומען דאך קיינמאל נישט אריין אין אונדזערע רעדעס.

— ארץ ישראל?

— נו, יא. אבער זיי רייסן זיך דאך סיי ווי קיין ארץ ישראל, ווי אן אויסגעמאטערטער, אין מיטן ים שווימענדיקער מענטש צו אן אינדזל, צו א ברעג. מיר גיבן זיי בלויז מוט, זיי זאלן זייער לעבענס־קאמף נישט אפּלאזן און זאלן ווייטער שניידן די כוואליעס מיט שטארקע ארעמס, ביז זיי וועלן דערשווימען צום ברעג.

— איז אפשר טאקע דאס ווילן זיי נישט?

— אבער בן גוריון איז דאך דא געווען. הייסט דאס, אריינגעלאזט געווארן.

— איז אפשר זענען זיי פון דאן אן קליגער געווארן.

— דא איז דאך נישט ענגלאנד. איך פארשטיי, פארוואס מען לייגט אונדז שוועריקייטן אריינצוקומען אין דער בריטישער זאנע, קיין בערגען־בעלזן. אבער דא איז דאך אמעריקע.

— אבער אין שכנישן שלום מיט ענגלאנד.

— און אפשר גאר דאס, וואס מיר גיבן אויסדרוק צו דער ביטערניש פון דער שארית הפליטה, וואס מיר מישן מיטן ווארט־לעפעלע די גאל אין זייער כוס, עס זאל זיך נישט אפזעצן, וואס מיר וועקן די אומרו, כדי זי זאל זיי טרייבן צו אמתער רו, צו מנוחה און צו נחלה? און פאר אומרו שרעקט זיך אונררא. ס'קען נאך פירן צו נאך א לאנדסבערג. האבן זיי דאך אונדז חושד געווען, אז מיר האבן געהאט א האנט אין יענעם אויסברוך. כאטש גאט אליין ווייס, אז מיר זענען אומשולדיק, אז שולדיק איז די טיף־פארדארבענע וועלט, וואס האלט זיי אין אן אומברחמנותדיקער תפיסה און לאזט זיי נישט אפפארן צו זייער געגארטער היים.

איז עס דאס, וואס איז זיי נישט צום הארצן — נישט זיי און נישט זייער יידישן טשינאווניק?

כ'פאָר צוריק צו אונדזער קוואַרטיר און זאָג אָן חבר לייוויקן די בשורה:

— מזל טוב, לייוויק! אונרראַ לייגט ענדלעך אַרויף אויף אונדז אַ צענזור.

איך דערמאָן זיך, אַז נאָך פון אָנהויב, ווען ד"ר פעדערבוש האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל פאָרן צו די לאַגערן, האָב איך אים געפרעגט בזה הלשון:

— וועט מיין וואָרט זיין פריי?

— געוויס!

ניין. ס'איז נישט געווען אַזוי געוויס. כ'הויב אָן דערפילן די ענגקייט, דאָס וואַרגעניש, די טורמעדיקייט פון אַן אָקופּאַציע-לאַנד. כ'דערשפּיר דעם בייזן שטאָלענעם בליק פונעם סאָלדאַט מיט דער ביקס.

חבר לייוויק און איך אַרבעטן אויס אַ רשימה פון זייער כשרע טעמעס און טעזיסן, כאָטש מיר זענען ביידע געווען זייער אומזיכער ביי זיך, צי מיר וועלן זיך קענען האַלטן אין די קאַלטע צוואַנגען, צי מיר וועלן נישט פאַרכאַפּט ווערן פון דעם יידישן צער דאָ און נישט אָוועקרייסן זיך אויף אַנדערע ענינים, מיט אַנדערע, פון צוואַנג-צעבלוטיקטע, ווערטער.

און עס-זאָל ביי מיטאָג האָב איך דעם „מר. איז" איבערגעגעבן די רשימה. ער האָט עס געלייענט און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— גוט.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

אַ שבת אין לייפּהיים

17טער מאַי.

מיר זעצן זיך אַריין — ה. לייוויק און איך — אין אַ נאַקעט-אייזערנעם, אָפענעם „דזשיפּ" צו פאָרן קיין לייפּהיים, וואָס איז צוויי שעה רייזע צו מערב פון מינכען.

ס'איז קאַלט און ווינטיק. אונדזער שאָפער, אַ קורצער און ברייט-ביינינער בחור מיט אַ ברייט און פלאַטשיק פּנים, וואָס איז ווייסלעך-רויט

ווי רוי פלייש, עצהט אונדז, מיר זאָלן מיטנעמען די קאָלדרעס פון אונד־זערע געלעגערס און זיך איינוויקלען אין זיי. אליין טראָגט ער א שאָפן פעלצל.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער צעקא. ס׳קומט אַרויס זלמן גרינבערג מיט נאָך איינעם פון דער פאַרוואַלטונג. איך הער, ווי ער זאָגט צום אַנ־דערן, אַז מ׳דאַרף אונדז נישט לאָזן פאָרן אין דעם אָפענעם „דזשיפּ" אין אַזאַ קאַלטן טאָג.

— ניין. עס מאַכט נישט, חבר גרינבערג.

זיצן צוויי יידן איינגעקאָרטשעט אין קאָלדרעס אונטער דעם פאַר־כמאַרעטן הימל און פאָרן צו ברידער יידן.

און די פראַגע גריזשעט מיר נאָך אַלץ אין מאַרך: צוליב וואָס?

יאָ, אין אַלע מקומות, וווּ מיר קומען, זאָגט מען אונדז, אַז ביי זיי איז אונדזער קומען טייערער פון עסנוואַרג־פּאַקעטן.

איך אַליין שפּיר מיט מיין גאַנצער נשמה, אַז אונדזער וועג איז גוט און פון גרויס וויכטיקייט, אפשר דער בעסטער טאַט אין מיין גאַנץ לעבן. אָבער איך קען דאָס נישט גענוי זיך אַליין דערקלערן.

איז דאָס די מענטשלעכע חשיבות, וואָס מיר היטן אָפּ אין זיי דורך דעם, וואָס מיר ברענגען זיי גאָרנישט, אויסער זיך אַליין, אונדזער מיט־זיין, אונדזער באַהעפטיקונג?

איז דאָס די קולטור, די גייסטיקע אַטמאָספערע, וואָס מיר ברענגען אַריין און וואָס מאַכט, אַז זיי זאָלן זיך אויף אַ קורצע ווײַלע פאַרגעסן אין זייערע צרות און פירט זיי אַריין אין אַ וועלט, וווּ זיי זענען אויך מענטשן, נישט קיין פאַראומערטע און פאַריאָמערטע אויסגעוואָרצלטע? דאָס איז דאָך די בימער־זיסע ווירקונג, די טרערנדיקע פרייד פון ליטעראַטור, וואָס זי דערהייבט און רייניקט אפילו, ווען זי שפּיגלט אָפּ ליידן.

און אפשר פילן זיי זיך געשטאַרקט און דערמוטיקט מיט דעם, וואָס דאָס גרויס־אַמעריקאַניש פינף מיליאָניק יידנטום, וועמען מיר רעפּרעזענטירן אין זייערע אויגן, פאַרגעסט נישט אין זיי, און זיי האָפן, אַז מיט זיין גרויסן קוואַנטיטאַטיוון און קוואַליטאַטיוון כוח וועט עס זיי דאָך אַרויס־לאָזן פון זייער געפאַנגענשאַפט און ברענגען זיי אל המנוחה ואל הנחלה?

װאָרום װער דען, אויב נישט דאָס אַמעריקאַניש ײדנטום? דאָס איז דאָך זײער אײנציקער אָנשפּאַר און אָנלען.

און אפשר איז דאָס די אַלע פאַקטאָרן צוזאַמען, װאָס שפּילן אַ ראָלע אין דער חשיבות פון אונדזער נסיעה?

יאָ. אָבער מיר קומען און פאָרן אַװעק. מיר שטעלן זיך אָפּ פאַר אַ טאָג, צװײ, דרײ, און געזעגענען זיך. איז דאָס גענוג?

איך טראַכט װעגן אַ פּלאַן צו בלײַבן דאָ דעם זומער אויך. איך װעל אַרײַנפאָרן אין אַ לאַגער און זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע װאָכן, לערנען, לײענען, לעבן מיט די ײדן, מיט יחידים און מיט גרופּן, מער זיך אָנזאַפּן מיט זײ, און מער זײ געבן פון זיך. איך האָב דאָך אַ גאַנצן פרײַען זומער פאַר זיך.

איך װעל ענדיקן דעם מאַרשרוט, װי שוין אויסגעאַרבעט, און נאָכדעם אָנהײבן אויף דאָס נײַ, מער אינטענסיװ.

:: :: ::

מיר עסן אָװנטברויט אין אונרראַ, און קומען אַרײַן אין לאַגער פרײַ-טיק בין השמשות.

צװײ גאַסן װי אַ דלת, מיט לאַנגע הילצערנע באַראַקן און אָן אַ שיעור פענצטער. שקיעה-פלאַמען װאַרפן זיך אויבן אין הימל און דאָרטן, װו דער פוס פונעם דלת לאָזט זיך אויס. שבת-ליכט צינדן זיך אין די פענצטער. בחורים און מײדלעך שפּאַצירן. קלאַנגען פון פאַרשידענע לשו-נות. העברעאישע שילדן, װאָס טראָגן נעמען פון קיבוצים, װי קרוינען איבער די טירן.

איך לאָז זיך אַרײַן אינעם פרײַטיק-נאַכטיקן פּאַראַד און קוק מיט בענקעניש אַרײַן אין אַלע פענצטער צו די שבת-ליכט.

אַ יונגערמאַן און זײַן פרוי באַגלײטן מיך. איך קען זײַן שװאָגער אין ניו-יאָרק. דער שװאָגער װיל, ער זאָל קומען קײן אַמעריקע, אָבער ער בעט זיך בײַ מיר, איך זאָל אים פאַרשטײן:

— מיר זענען שוין מיד פון גלות.

איך דערמאָן זיך אין אַן ענלעכן פאַל. כ'האָב געהאַט אַ בריוו פון אַ ניו־יאָרקער פרוי צו איר פּלימעניצע אין אַ לאַגער, און ערשט היינט אין דער פרי איז די פּלימעניצע געקומען אָפּנעמען דעם בריוו. דאָס מיידל, נאָך גאָר יונג, האָט זיך אַ סך אָנגעליטן אין די קאַצעטן, און, ווי אַ סך אַנדע־רע, האָט זי געמוזט אַפּליגן נאָכן קריג אין אַ שווינדזוכט־שפּיטאָל. איצט, גלויבט זי, אַז זי איז אינגאַנצן אויסגעהיילט, און זי וועט שוין טאַקע די טעג אָפּפאָרן קיין ארץ ישראל.

— זאָגט מיין טאַנטע אין ניו־יאָרק, אַז איך האָב דערהאַלטן דעם „אַפּידייוויט", וואָס זי האָט מיר געשיקט. איך בין איר באמת דאַנקבאַר. איך וויל נישט, אַז זי זאָל זיין אויף מיר ברוגז, אָבער — דאָ האָט זי אַ בלישטשע געטאָן מיט די אויגן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איך וויל נישט פאָרן קיין ארץ ישראל דורך אַמעריקע.

זענען די ווערטער אירע, פון וועלכע איך האָב כמעט צוריקגעשפּרונ־גען ווי פון אַ שאַרפן בליץ, געווען ספּאָנטאַן, אָדער דורכגעטראַכט, דורכ־געווייטיקט, אפשר בשותפות מיט אירע חברים? ווי רייף און דערפאַ־רונג־קלוג איז די יוגנט דאָ אין איר אויפפאַסונג פונעם יידישן פּראָבלעם אין פאַרגלייך מיט אונדזערע אַמעריקאַנער יידן!

גלות־מידקייט און אַן אָפּגעשטאָרבענער גלויבן אין אַלע פעלקער אין זייערע באַציאונגען צו אונדז — דאָס איז די דאָמינירנדע שטימונג ביי דער שארית הפליטה. אַלע לענדער אָן אַ שום אויסנאַם זענען בלויז פּראָ־וויזאָרישע אָפּשטעלן אין אונדזער וועג פון אומקער. זיי זענען וויסעו־ויחנוס אין אונדזער גרויסן מדבר. איז מען שוין אָנגעזעטיקט מיט סטאַנ־ציעס. די אויסגעמאַטערטע פיס זוכן רו, ווילן אַ היים.

איך גיי אַריין אין אַ פרומען קיבוץ. יונגע בחורים מיט יאַרמולקעס און מיידלעך, אייניקע פון זיי מיט קאָלירטע פאַטשיילעס אויפן קאָפּ, זיצן שוין ביים טיש. ס'איז ליכטיק און נשמה־יתרהדיק. דאָס עסן איז אָרים, אוי ווי אָרים. איז מען משלים מיט זינגען. ווערט אַ „מנוחה ושמחה" אַ פאַרציע פיש, ווערט אַ „צור משלו" אַ טעלערל זופּ. ווערט אַ „יה רבון" אַ פליגעלע הון און אַ פרומער דבקותדיקער ניגון אַן ווערטער — אַ געשמאַ־קער קאָמפּאָט.

איך גיי אַרוים אין דרויסן. ניין, אַ דאַנק, מען דאַרף ניט באַגלייטן, איך וויל גיין אַליין.

דוכט זיך, אַז די גאַנצע שיינקייט פון פּריטיק אויף דער נאַכט ווערט נתגלה, נישט אַזוי אינעווייניק, אין דער ליכטיקייט, ווי אין דרויסן, אַריינ-קוקנדיק. שבת-שטערן ווינקען פון אויבן און שבת-ליכט פון די פענצטער. און די מענטשן אינעווייניק באַוועגן זיך מיט אַזאַ ווייטע ליכטיקע רואי-קייט, ווי אין אַן אַנדער עולם, טאַקע ווי ערגעץ צווישן שטערן.

ס׳איז אַ פרייד און אַ נאָגעניש צוזאַמען ביי מיר אין האַרצן.

איך בין צוריק אין מיין געבורט-שטאָט אַסטראַהאַ. איך עפן אויף די טיר פון קיך, איך גיי אַ פאַרשאָלדיקטער אַריין אין אַלקער. די זילבערנע לייכטער שטייען אויפן טיש מיט האַלב-אויסגעברענטע ליכט. דער טאַטע איז אַריינגעטאָן אין אַ ספר, די מאַמע, דוכט זיך, דרימלט צו.

— פאַרגיט מיר, וואָס איך בין געקומען אַזוי שפּעט. ס׳איז געווען אַ לאַנגער, שווערער וועג. אָבער איך בין דאָך געקומען צוריק.

איך שטיי און רעד, און ווייז צו מיר, זיי רירן זיך נישט, זיי הערן מיך נישט. דער טאַטע וועט שוין אייביק זיין אַזוי פאַרטאָן אינעם ספר, און די מאַמע וועט שוין אייביק אַזוי דרימלען.

איך זע איין, אַז איין פּסיכישער פאַקטאָר, וואָס האָט מיך געטריבן אַהער, איז אַ בענקעניש נאָכן שטעטל און נאָך קינדהייט און נאָכן לשון פון מיין קינדהייט. ס׳איז דאָך ריכטיק אויך לגבי אַלע זאַכן, וואָס אַ מענטש טוט, אויב ער טוט זיי נאָר מיט אַ טיפן באַגער. מיט אַ נשמה-ציטער — זענען זיי בענקענישן נאָך קינדהייט, נאָך מאַמע-שויס.

און אָט איבערן תהום פון אַזוי פיל יאָרן האָב איך צוריק מיין שטעטל דערזען. מיין קינדהייט געפונען, געפונען און פאַרלוירן און געפונען.

ס׳איז אַ פרייד און אַ נאָגעניש צוזאַמען ביי מיר אין האַרצן.

:: :: ::

ס׳איז שוין צען אַזייגער, און מען קומט זיך צוזאַמען. דער אָוונט קומט פאָר נישט אין גרויסן לאַגער-הויף, נאָר אין אַ גרויסן חדר. מען

זיצט אין א קאמפאקטער מאסע ארום לאנגע טישן און מען טרינקט טיי.
בין איך זייער צופרידן, וואס מיר וועלן קיין רעדעס נישט דארפן האלטן. ס'איז א זייער אינטימער און היימישער אוונט. מען באגריסט, מען דעקלאמירט, מען זינגט.
דעם הויפט־אינטערעס רופט ביי אונדז ארויס א מיידל א דיכטערין. זי לייענט אירע יידישע לידער, אין וועלכע זי דערציילט וועגן איר פאר־ברענטן ברודער, וועגן איר גאנצער פארניכטעטער פאמיליע. זי איז א טונקל מיידל מיט שווארצע יידיש־חנעוודיקע אויגן און מיט א סך גייס־טיקן פייער, און לייענט מיט גרויס פאטאס און שלינגט אירע טרערן.
איך טראכט וועגן א גויאישן ביבל־קריטיקער, וואס לייקנט אפ די טראדיציע, אז ירמיהו הנביא האט געשריבן די מגילת איכה אויפן גרונט, אז דער, וואס האט דורכגעלעבט דעם חורבן, דער אמתער אני הגבר, האט זיך נישט געקענט שפילן מיט אלפאבעטישע אקראסטיקעס און, ווי אין קאַ־פיטל דריי, נאך מיט א דרייפאכן אלף־בית. צופיל אויסערלעכע שיינקייט פאר אזא טראגישער איבערלעבונג.
וואס פאר א שוואכער פסיכאלאג יענער ביבל־קריטיקער איז געווען. אויפן יסוד פון אזא ארגומענט קען מען אויך אפלייקענען, אז די אלע דיכטער און דיכטערינס, וואס שרייבן מיט גראמען, זענען ווען געווען אין א קאצעט, אדער האבן פארלוירן א ברודער אין קרעמאטאריום.
וואס טיפער, וואס אמתדיקער דער צער — אלץ מער שענקט אים די נשמה, ווי צו דעם בעסטן ליבהאבער, אלע אירע קינסטלערישע כוחות, אלע אוצרות פון אירע שיינקייטן. און פון דער עכטקייט פונעם געפיל ווערט גארנישט געמינערט. פארקערט, דער פארלאנגזאמטער פראצעס פון א קינסטלערישן אויסדרוק מיינט א פארגרעסערטע זעלבסט־פייניקונג. די נשמה פענטעט אירע טריט מיט אלף־ביתן, מיט גראמען, מיט אלערליי קייטן, כדי צו גיין פאמעלעך אויפן וועג פון גליענדיקע קוילן.
שיינקייט פון אויסדרוק איז אמאל גאר א באפרידיקונג פון א דורשט נאך פיין; און קונסט, קען זיין, איז די איידלסטע פארעם פון מאזאכיזם.
אבער אין דער זעלבער צייט — אויך א פארגיטיקונג, א שעמעוו־

דיקע, הימלשע פרייד, וואָס שטעלט אוועק צוויי דימענטענע פינטעלעך נאָך יעדן ווייטיקדיקן פסוק פון איכה.

די יונגע דיכטערין הערט אויף. אנדערע קומען צום וואָרט, לייענען לידער, דעקלאַמירן, זינגען. ס׳ווילט זיך גאָרנישט פונאַנדערגיין. ס׳איז אינטים, משפּחהדיק. שוין אַזוי לאַנג זיך נישט געזען, געקומען ממרחקים, ווילן אַלע ווייזן וואָס זיי קענען און אויך אַ הסכּמה באַקומען.

ס׳איז שפּעט ביינאַכט. מיר גייען אַרויס אין גאַס. אַלע פענצטער זענען פינצטער. מיליאָנען שטערן גליען. אַלע שבת־ליכט זענען אויפן הימל אַרויף.

:: :: ::

שבת אין דער פרי. מיר גייען פון דער אונרוא־קוואַרטיר צום לאַ־גער. מיר שניידן דורך ברייטע פעלדער מיט הויכע גראָזן און זאַנגען, וואָס וויגן זיך אין אַ שטיל ווינטעלע. דער הימל איז צעעפנט מיט זוני־קייט. פליגלעך זשומען.

ווי ס׳ווילט זיך דאָ אוועקלייגן, אויסציען זיך אין די גראָזן און קוקן אויף די ווייסע וואָלקנדלעך און רוען, פאַרגעסן און רוען, פונקט ווי אַמאָל **אין אַסטראַהע, ביים בליאַך טייך.**

נאָר דעמאָלט איז געווען אַ וועלט מיט צייט — אָדער מען האָט גע־מיינט, אַז עס איז דאָ צייט — און דער אָטעם איז נאָך נישט געווען אַזוי קורץ און היים מיט גאולה־פיבער. היינט אָבער זענען מיר שוין ביי די לעצטע ראַנדן: אָדער אַריבערשפּרינגען צו אַן אַנדער צייט־ברעג, אָדער, חלילה, אַראָפּפאַלן.

מיר וויזיטירן אַ פּאָר קיבוצים. מיר גייען אַריין אינעם „המכבי הצעיר“, וואָס געהערט צו דער באַוועגונג „גורדוניה“, און אַזוי אַרום פאַראייניקט מיטן „נוחם“. ס׳איז אַן אונגאַרישער קיבוץ מיט צוויי הונ־דערט און זעכציק חברים, פון פינף ביז אַכצן יאָר אַלט. איז וואָס איז די פּעולה, אַז מיר קענען זיך נישט מיט זיי דורכרעדן, נישט אויף יידיש און נישט אויף העברעאיש. ס׳איז אַ ברענענדיקער ווייטיק. געקומען פון אַזוי

ווייט און — ווי פרעמדע. אט צו וואס דער גלות האט דערפירט: ברודער־שאפט אויף שטום-לשון.

די יינגערע חברים, פון פינף ביז פערצן יאר אלט, האבן זייער איי-געגעם עס-צימער, זענען צו אכט אין א חדר, און אין יעדן חדר איז דא א מדריך. פון ניין ביז איינס לערנען זיי, נאך מיטאג ביז פיר האבן זיי פארשידענע שפילערייען און ספארט, ביז 5.30 גרייטן זיי צו זייערע לעק־ציעס און נאך וועטשערע ארגאנזשירט מען פאר זיי שמועסן וועגן יידישע און אלגעמיינע ענינים.

איז דער סדר־היום אוודאי א פיינער, מיט גוטע לערער און גוטע מדריכים וואלט מען געקענט א סך אויפטאן.

אין יעדן צימער שטייען די צוויי-גארנדיקע בעטלעך ארום די ווענט. קיין ליילעכער און קישנס זענען נישטא.

דערציילט מיר א חבר אייניקע פרטים, ווי אזוי די קינדער זענען צוזאמענגעבראכט געווארן אהער. איז דאס אן אדיסעע פון דער קינדער־וואנדערונג. פון די געטאס און דעם רויטן-קרייץ, פון קירכן און פריוואטע גויאישע פאמיליעס זענען די קינדער צוזאמענגעקליבן געווארן. ארץ יש־ראל, די פארטיזאנער און דער שווייצארישער קאנסול האבן געהאלפן. און בנימין רוט איז געווען דער מנהיג. ער האט זיי געפירט — איין מאל און נאך אמאל — פון אונגארן קיין ווין אלס עסטרייכישע בירגער, און פון דארטן אהער — אלס דייטשע בירגער. ער האט געביטן די פאס־פארטן אויף די גרעניצן. אט אזוי האט ער אריבערגעבראכט דריי הונ־דערט און צען יונגע חברים פון קיבוץ אין אונגארן.

און פון דארט פארן זיי קיין ארץ ישראל אין עליה א׳ (לעגאל) ווי אויך אין עליה ב׳ (אומלעגאל).

זאלן זיין שטארק די הענט פון אלע, וואס לייזן אוים יידישע קינ-דער אויף אלע וועגן.

דרך אגב, אט אזעלכע וואס זענען נישט דא באפרייט געווארן, נאר וואס האבן זיך שפעטער אריינגעזייערט, רופן זיך נישט אויסגעווארצלטע נאר „אינפילטרים", אריינדרינגער. ביי יידן איז אבער נישטא קיין חילוק צווי־

שן זיי. זיי קומען אַלע פון איין פּלאַץ — פון יידישע צרות. און שטראָמען אַלע צו איין ברעג — אַ יידיש לאַנד.

מיר גייען אריין אין טעאַטער־זאַל, ווו די חברים פון קיבוץ טרויערן יעדן מוצאי־שבת, און נאָכדעם קלעטערן מיר ארויף אויפן בוידעם און מען ווייזט אונדז די בגדים, וואָס ליגן דאָרט אָנגעהויפט, געשיקט פון אמעריקע דורך אונרראַ.

ס׳איז נישט קיין בגדים — נאָר שמאַטעס און טראַנטעס.

ס׳האָט אַ באַלעבאָסטע געראַמט איר הויז ערב פּסח און האָט געפונען די טראַנטעס. קיין הקדש האָט זיי נישט געוואָלט נעמען. האָט זי זיי אוועקגעשיקט צו די „אָרימע יידישע אויסגעוואָרצלטע".

זענען די אַמעריקאַנער נישט אימשטאַנד צו שיקן אָנשטענדיקע בגדים?

ס׳איז באַליידיקנדיק און אַ שאַנד.

מיר קומען אריין אין אַן אַנדער קיבוץ, וואָס הייסט „בר כוכבא", און נאָכדעם וויזיטירן מיר אַ קלאַס פון קינדער. פון דער גאַנצער שול־סיסטעם — בלויז איין קלאַס. מסתמא ווייל היינט איז שבת. אָבער קיין נחת האָבן מיר נישט געהאַט — טאַקע ווי אין די אַנדערע לאַגערן, וועגן וועלכע איך האָב שוין געשריבן, און אפשר נאָך אַ האַרעלע ערגער.

ס׳איז נישטאָ קיין גוטע לערער אין די לאַגערן, פּונקט ווי ס׳איז נישטאָ קיין לערן־ביכער.

פינף און צוואַנציק קינדערלעך לערנען זיך אין גן־ילדים, וועלכן מיר האָבן נישט געזען, און צוויי הונדערט און זעכציק קינדער — פון זיבן ביז זיבעצן — לערנען זיך אין די שולן אונטער אַכט און צוואַנציק לערער.

די אונגאַרישע קינדער לערנען זיך באַזונדער, ווייל זיי קענען קיין יידיש נישט. די, וואָס שטאַמען פון פּוילן — באַזונדער, ווייל זיי קענען קיין אונגאַריש נישט. און די רעליגיעזע „בני עקיבא" — אויך באַזונדער.

מחיצות, מחיצות — נאָך פון קינדערווייז אָן, מיטצונעמען קיין ארץ ישראל. שבטים באַזונדערע, ווי די צוועלף שבטים פון די יוצאי מצרים, וואָס זענען געגאַנגען דורך צוועלף באַזונדערע שפּאַלטן אינעם ים סוף.

ווען-זשע וועט די צוזאמענשמעלצונג אין אן עם אחד פארקומען? אויף דעם ווארט דאך די דערלייזונג.

די קינדער קומען זיך צוזאמען און גיבן אונדז א קבלת פנים. זייער צוזאמענקום איז אן ארדענונג. זיי שטייען קאפ אויף קאפ דיאגאנאל, ביזן ווינקל, און דער לערער שרייט אויף זיי.

מער ווי אין אנדערע לאגערן מאכן דא די פנימער פון די קינדער א טיף דערשלאגנדיקן איינדרוק. ס'איז נישטא די פריידיקע ליכט אויף זייערע געזיכטער. די צעקרימטע אויגן פון איין הויך מיידעלע פארפאלגן מיך. כ'וואלט וועלן זי פרעגן:

— טייער מיידעלע, וואס פאר א שרעקן האבן דיינע אויגן געזען?

מיר רעדן צו די קינדער, אז ערגעץ-ווו איז נאך דא גוטסקייט אויף דער וועלט, אז אויפן באדן פון ארץ ישראל ווארטן אויף זיי ארעמס מיט ווארעמער הארציקייט און מאמע-ליבשאפט.

מיר גייען אין די ווארשטאטן, ווו עס ארבעטן צוויי הונדערט און פופציק יידן און הונדערט און אכציק תלמידים. אבער נישט היינט. היינט איז שבת. זענען די צימערן ליידיק און אויפגעראמט. דא און דארט איז א מאשין צוגעדעקט מיט א ווייסן ליילעך: רו, דו אויך.

מיט וואס פאר א שטאלץ רעדן די חברים וועגן די מאשינען, וואס זיי פארמאגן, אזוי ווי וועגן פיינע קינדערלעך, וואס זענען אנגעקומען מיט פיל חבלי לדה. דער „ארט" האט זיי זייער ווייניק געהאלפן. אינזש. אלייסקי, וועלכער פירט אן מיט דער פראדוקטיוויזאציע אין אלע לאגערן, וואס קען פונאנדערשנירן דעם בייטל פון „ארט", איז עפעס אויך נישט שטארק פאראינטערעסירט דא. און דאך האבן זיי זיך איינגעשאפט זייער וויכטיקע מאשינען. אט האבן זיי אריינגעקראגן דורך אונררא אן עלעקטרישן דרייבער צו שאפן פרעציזע אינסטרומענטן. און אט האבן זיי אויך ערגעץ-ווו געפונען און אריינגעטראגן — לאמיר דאס אנרופן „ארגאניזירט" אויף קאצעטלער לשון — א דיזל-מאטאר פאר צוזאמענשמעלצן מעטאלן, און אן עלעקטרישע שמיד-מאשין און א בעטאן-מאשין פאר בויען. און ווי זיי שטייען און גלעטן די נייע מאשינען זייערע, אזוי ווי מען גלעט לעבעדיקע ליבלעכע באשעפענישן.

וואָס פאַר אַ גוטער מענטשן־מאַטעריאַל, טראַכט איך, פאַר ארץ ישראל. הלוואַי וואָלטן זיי נאָר שנעל אַרײַנגעקומען אַהין.

— אָבער נאָר צוזאַמען מיט אונדזערע מאַשינען — זאָגט מיר איינער, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט מײַנע געדאַנקען.

— אַוודאי — זאָג איך — די גאַנצע משפּחה.

און אַנדער זאָגט מיר:

— דאָ אין לאַגער איז נישטאָ די מכה פון אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו אַרבעט.

— וויפל ייִדן זענען דאָ בײַ אײַך אין לאַגער — פרעג איך.

— צוויי טויזנט און דרײַ הונדערט.

ס'אַ טײַערער און שטילער לאַגער — לײַפּהײַם.

מיר גייען אַרויס אין דער וואַרעמער זוניקייט. מיר שפּאַצירן אַרויס פון לײַפּהײַם דורך דעם פּוס פּונעם „דאַלעד" און מיר זעען פאַר זיך אַ ברייטן וועג, געפּלאַסטערט מיט קליינינקע, דיק־געלעזערנע פענצטערלעך.

— וואָס איז דאָס? וווהין פירט דאָס?

ס'פירט אין ערגעץ נישט. די דײַטשן האָט עס געפירט אין דער שאול תחתיה. דאָ איז געווען די גרויסע פאַבריקאַציע פון די „מעסערשמיטס". זעט איר דאָרטן די צעקלאַפּטע פאַבריקן און האַנגאַרן? אויך דאָ אונטערן וועג זענען געווען „מעסערשמיט"־פאַבריקן. זעט דעם באַרג דאָרט מיט קנוילן פון צוזאַמענגעדרייטע, צוזאַמענגעפּלאָנטערטע, פאַרזשאַווערטע שטאָל און אײַזן! פון דאָרטן פלעגן כסדר נײַע „מעסערשמיטס" אַרויספאָרן, זיך פונאַנדערלאָזן דאָ אויף דעם וועג, און זיך אויפהייבן און האַלטן די גאַנצע וועלט אין טויט־שרעק. ביז די גוטע אַמעריקאַנער פייגל זענען געקומען און זיי אַראָפּגעפּיקט.

איצט זענען שטיל די פאַבריקן, די מעסערשמיטס פליען נישט מער, און דער טויט־שרעק איז געוואָרן אַ באַרג מיט פאַרזשאַווערט אײַזן.

איך ווער מיטגעריסן פון זייער שטיקל פריידיקער נקמה, און מיר שפּאַצירן שבתדיק איבערן ברייטן דײַטשן פלי־פּלאַץ.

:: :: ::

פיר אזייגער. עונג שבת. א גרויסער געפאקטער הויף. א טויזנט ייִדן, צווישן זיי טייערע בחורימלעך, מיט לאנגע פאות, איידעלע געזיכ־טער, שווארצע, פלאכע קאפעליושן מיט ברייטע ראנדן, אזוי ווי אמאל ער־גע צווישן די ייִדן אין אמסטערדאם.

ס'זענען געווען באגריסונגען. חבר לייוויק האט גערעדט.

איך האב דאס מאל נישט גערעדט וועגן די נאענטע פראגן פון אונד־ זער צייט. שבת היום מלזעוק. זאל דער צער אויך האלטן שבת. כ'האב אי־ בערגעלאזט דאס צייטלעכע און גערעדט וועגן די פאעטישע שיינקייטן פון דער העברעאישער שפראך. כ'האב אנגעוויזן אויף דער קאמפאקטקייט פון העברעאיש, וואס גיט איר שטארקייט אויף איר בילדערישקייט, אויף איר מוזיקאלישקייט נישט בלויז פון שטאנדפונקט פון קלאנג נאר אויך און הויפטזעכטלעך צוליב די עכאס, וואס זי וועקט אויף פון תנ"ך, פון תלמוד, פון דער גאנצער דריי טויזנט יעריקער ליטעראטור, אזוי אז דאס העברע־ איש ווארט שלאגט אן ווידער־קולות פון אלע זייטן אזוי ווי אין א גרוי־ סער קאטעדראלע. איך האב אויך גערעדט וועגן אייניקע ייִדישע מעטא־ פיזישע אנשויאונגען, וועלכע ליגן באהאלטן אין די פאלדן פון דער העב־ רעאישער שפראך. מען דארף נאר א צענעם טאן א פאלד דא און דארט, און מען דערזעט נישט נאר שפראך נאר אויך נשמה.

נאכדעם האט מיר א חברה פון דער ארץ ישראל דעלעגאציע שיין קאמפלימענטירט:

— אט אזוי פלעגט ביאליק רעדן אויף אן עונג שבת אין תל־אביב.

און איך האב געטראכט, אז אזא מין רעדע וואלט אויך מיין פריינט, „מר. איז", געפעלן.

∷ ∷ ∷

מיר האבן גענומען אפשייד. חברים האבן זיך געפעדערט ארויס־צו־ צוטראגן אונדזערע טשעמאדאנעס צו דער מאשין. זיי האבן אונדז גע־ ווונטשן, מיר זאלן זיך אין גיכן זען אין „ארץ".

די יונגע, ליבע דיכטערין האט געוואלט וויסן, צי זי האט פאעטישן טאלאנט.

מיר האבן זיך ארייננעזעצט אין א מאשין און געפארן קיין שטוט-גארט.

און ווי אן אבן־חן פון שטילער, שבתדיקער זוניקייט וועט לייפהיים שיינען אין מיין זכרון.

צוויי און צוואנציקסטער קאפיטל

שטוטגארט

18טער מאי.

מיר פארן אריין אין שטוטגארט, און אונדזער רויטער שאפער הייבט אן צו בלאנדזשען. מיר פארן הין און צוריק איבער די גאסן, און צו די יידן קומען מיר נישט.

מילא, מסתמא וועלן מיר „דערקומען". דערווייל באקוק איך די שטאט שטוטגארט, וואס זעט אויס נאך מער רואינירט פון מינכען.

בלאקן, גאנצע גאסן, ווי קאסטנס, ווי האלבע וואגאנעס — אלע גלייך אין דער טיף און אין דער לענג — מיט שטיינער. מען דארף בלויז איינשפאנען דעם לאקאמאטיוו און אוועקפירן זיי אויפן וועלט־מארק. וועט דא ווערן ריין און ליידיק.

און בלאקן, גאסן גאנצע, מיט הייזער פיר־שטאקיקע, אויסגעדריבלט און אויסגעדרילעוועט, אן אינעווייניקע ווענט, אן דעכער, אן אינערלעכע עטאזשן. בלויז דינע זיילן צווישן די פענצטער־לעכער, בלויז גיגאנטישע לאמטערנעס, וואס צינדן זיך אן אוודאי ביינאכט מיט לבנה־ליכטלעך אי־בער די טויטע גאסן.

און אפשר קומט צוגיין איינער ביינאכט און הייבט אויף איינע פון די לאמטערנעס — זיי זענען דאך אזוי לייכט — און גייט ארום און זוכט... וואס זוכט ער? דייטשלאנד זוכט ער.

ס'האט דאך מיר א דייטשער שאפער דערציילט, און געלאכט דערביי מיט יאשטשערקעס, אז היטלער האט זיך אמאל בארימט: „גיט מיר צען

יאָר און איר וועט דייטשלאַנד נישט דערקענען". האָט מען אים געגעבן צען יאָר, אוןווירקלעך... נישט צו דערקענען.

רואינען זענען ווי אַ ים — מיט טויזנט שטימונגען. רואינען האָבן נישט קיין סאָלידישקייט. זייער פּערזענלעכקייט איז אַ רעפלעקטירנדיקע, אַ פליסיקע, אָן אָפּשפּיגלענדיקע.

איצט אונטער דער זון שטראַלן זיי מיט פרייד, אַזוי ווי זיי וואָלטן הנאה געהאַט וואָס זיי זענען רואינען —

וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער רואינען זענען מיר.

אַ מצוה אויף זיי! איידער זיין אַ הויז, אַ געביידע ביי די דייטשן, איז בעסער צו זיין אַ חורבה.

אָט וועלן זיך די אויסגעדרילעוועטע הייזער אַ הייב טאָן און, מיט זייערע דינע אָפּגעקאָלופּעטע זײַלן, גיין אַ טאַנץ אויף זייער אייגענער רואינע. - -

מיר שטעלן זיך אָפּ ערגעץ ביי אַן אונררא־הויז. דער דירעקטאָר פאַר־בינדט אונדז טעלעפאָניש מיט די שטוטגאַרטער יידן. זיי זענען שוין באַ־אומרואיקט וועגן אונדז. וווּ זענען מיר ערגעץ? נו, געוויס, זיי קומען באַלד אונדז נעמען.

מיר גייען ארויס און וואַרטן אויף דער אַנדערער זייט פון דער טוי־טער גאַס, ווו אונדזער מאַשין שטייט ביי אַ חרוב הויז.

די לופט איז געדיכט מיט קליינינקע שטומע פליגעלעך. כאַטש האַק זיי און שנייד זיי מיט אַ מעסער. ווער ווייסט, אויב זיי קומען נישט פון די דייטשע פיגירות, וואָס ליגן דאָ אונטער די שטיינער. איך נעם אַרונטער מיין מונדירישע הוט און טרייב זיי, און פאַכע זיי, און ס'העלפט נישט. עיפּושדיקע נשמות פון טויטע רשעים גלעטן אין באַק, קריכן אין אויער. עס ווערט אומהיימלעך. עס כאַפּט מיך אָן אַ טיפער, פיזישער עקל.

איך דאַנק גאָט, ווען דער שליח פון די שטוטגאַרטער יידן קומט אָן.

:: :: ::

מיר פאָרן צו צו צוויי לאַנגע קאַזאַרמע־בלאָקן, וואָס קומען זיך פּער־פּענדיקולאַר צוזאַמען. אַ יידישער ווינקל. מען נעמט אונדז אַריין אין אַ צימער און מען לייגט אַוועק אונדזערע זאַכן.

איך עפן אויף די טיר און זע, אַז אַרום דעם צימער איז דאָ אַ גאַנצער לאַבירינט מיט צימערן, ווו מען קען כמעט פאַרבלאָנדזשען. איך זע אויך די ענגשאַפט. מען דאַרף זיך דורכשטופּן, כדי דורכצוגיין. אויף די ווענט און אויף די שאַפעס הענגען און ליגן בילדער און מעשענע און זילבערנע זאַכן.

מענטש און זאַכן אָנגעוואָרפן ווי נאָך אַ שׂרפה.

ס׳איז שוין שפּעט. דער עולם, זאָגט מען אונדז, איז אומגעדולדיק. מיר קומען אַריין אין אַ זאַל, וואָס איז ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל פון אַ קעלער, און וואָס האָט אַ בימהלע אין אַ ווינקל פון דעם ווינקל. אַלץ איז דאָ פאַרווינקלט. ס׳איז נישט די רחבות פון די לאַגערן. ס׳איז אָבער אַ קאָמפּאַקטער עולם. פון וואַנט צו וואַנט — איין צוזאַמענגעגאָסענע יוגנט־לעכע מאַסע. אַביסל מער שטאַטיש געקליידט, מיט אָנגעשטעלטע פּנימער און צעעפנטע אויגן וואַרטנדיק אויף אונדזער וואָרט.

ס׳קומען באַגריסונגען, דעקלאַמאַציעס. חבר לייוויק רעדט. און איך פרעג זיך, וואָס האָט די יידן געצויגן אַהער? פאַרוואָס וווינען נישט די יידן אין די יידישע בתוך־עמידיקע לאַגערן?

אמת, דורך אַלע פיין־יאָרן האָט זיך דאָס וואָרט „לאַגער" אָנגעפילט ווי אַ לאָגל מיט שרעק, און צווימען און געטאָ־טויערן האָבן געוועקט ווייטיקדיקע איבערלעבענישן. און זיי האָבן אויך געבענקט נאָך פּריוואַט־קייט, נאָך אַן אייגענעם טיש מיט אַ היימישן מאָלצייט — ווי אָרים עס זאָל נישט זיין — צוזאַמען מיט דער אייגענער פאַמיליע, און נישט עסן אינעם רעש און געטומל פון הונדערטער מענטשן. ווער ווייסט דען נישט דאָס בענקען, דער נשמהס אויסגעשריי נאָך שטילקייט און ביחידותדיקייט?

אָבער אַז אָך און אַז וויי צו אַזאַ פּריוואַטקייט און ביחידותדיקייט, וואָס זיי האָבן דאָ דערגרייכט.

און דאָרטן אין די לאַגערן איז דאָ אַ גאַנצע יידישע סביבה, מיט אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירטקייט, מיט יידישע וואַרשטאַטן און אַרבעט. אַפילו ווען מען גייט דאָרט אַרום אין גאַס, אָטעמט מען יידישע לופט, וואָרום די גאַסן טראָגן העברעאישע נעמען, און די דעבער וואָרפן העברעאישע לאָזונגען, און מען זעט זיך מיט אַ יידן. ס׳איז דאָרטן פאַראַן

א רמז פון זיכערקייט, א ביי־זיכערקייט. דאָ איז דאָס אַלץ נישטאָ. וואָס־זשע ווינען זיי דאָ ווי פיקסן צווישן די רואינען.

ס'איז נישט אַ פראַגע בלויז וועגן שטוטגאַרט, וואָרום אַזעלכע גע־מיינדעס זענען אויך דאָ אין ניי־פריימאַן ביי מינכען און אין פראַנקפורט און אין אַנדערע שטעט, ווו אומעטום שטעקט די געפאַר פון אַן אויסטערלי־שער אַסימילאַציע מיט — שונאים.

ס'איז געקומען מיין ריי צו רעדן. איך האָב זיי באַגריסט אין נאָמען פון די, וואָס האָבן אונדז געשיקט. איך האָב דערציילט ווי דאָס יידישע אַמעריקע האָט רעאַגירט — אפשר נישט גענוג — ווען זי האָט דערהערט וועגן די גרוילן, וואָס זענען דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן, וועגן דעם תכלית, וואָס מען האָט דאָ געמאַכט פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

כ'בין אַריבערגעגאַנגען צו דער וויכטיקייט פון שאַפן אַ גייסטיק לעבן אויך דאָ אונטערוועגנס. היטלער האָט פאַרניכטעט אַזוי פיל גייסטיקע כוחות, האָט געשטרעבט דורך פאַרשקלאַפונג אונדז צו אַנטמענטשן, אונדז צו גולמיזירן. מוזן מיר נייע גייסטיקע כוחות וועקן. און גייסט מיינט נישט נאָר ספרים, נאָר אויך אַרבעט און שאַפן. ווען מען נעמט האָלץ און מען מאַכט פון דעם אַ טיש, ברענגט מען אַריין גייסט און מענטש אינעם האָלץ, וואָרום נאַטור האָט נישט קיין טיש. די צען מענטשלעכע פינגער זענען די עשר ספירות, דורך וועלכע ס'פליסט מענטשלעכער גייסט אין דער נאַ־טור אַריין און לייזט זי אויס.

אַט דער געדאַנק וועגן אַרבעט האָט קענטיק אָנגערירט אַ סטרונע, און אייניקע האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז עפּעס, אַן אתחלתא, איז אויך דאָ געשאַפן געוואָרן.

מיר גייען אַרויס אין גאַס און פאַרקירעווען זיך אין אַן אַנדער גאַס, וואָס הייבט זיך אויך אָן יידיש, מיט יידישע הייזער. מיר גייען אַרויף אין אַ צימער אין בית ביאַליק, ווו ס'וואַרטן שוין געגרייטע טישן. יונגע, זייער אינטעליגענטע פרויען, וואָס רעדן מיט מיר העברעאיש, רעדן צווישן זיך פויליש.

איך פרעג זיי: פאַרוואָס?

ענטפערן זיי: פאַרוואָס נישט? פויליש האָט דאָך אַזאַ ווונדערבאַרע ליטעראַטור. האָט איר געלייענט טובים?

ס׳הייבט זיך נאָכאַמאָל אָן אַ פּראָגראַם. מען באַגריסט, מען דעקלאַ־מירט, מען שפּילט פידל, מען זינגט לידער פון געטאָס און קאַצעטן. איך ווער געריהרט פונעם ליד „עס ברענט".

עס ברענט, ברידערלעך, ס׳ברענט.

אוי אונדזער אָרים שטעטל נעבעך ברענט.

זאָגט מיר דער פּאָרזיצער:

דריי הונדערט זענען מיר געווען לעצטן אויגוסט, ווען מיר האָבן זיך דאָ באַזעצט, און איצט, נאָך ניין חדשים, זענען מיר פופצן הונדערט. מערסטנס פון ראַדאָם. די מערסטע פון אונדז געהערן צום „נוחם". אָבער ס׳איז אויך דאָ דער „השומר הצעיר" פון איין זייט, און „ביתר" פון דער אַנדערער, דער רעכטער זייט. אָבער מיר פאָרן אַלע קיין ארץ ישראל.

אַן אַנדערער חבר אינפאָרמירט מיך:

איר זעט דעם אונרראַ־דירעקטאָר, וואָס זיצט דאָרט ביים עק טיש? ער פּאַרלאָזט אונדז. מען איז אים משלח פון דאַנעט. ער איז געווען צו גוט. אין די אומרואיקע טעג, נאָכן פּרייטיק, דעם ניין און צוואַנציקסטן מאַרץ, ווען די דייטשע פּאָליציי איז אויף אונדז אָנגעפאַלן און דערהרגעט שמואל דאַנציגער, איז ער צופּיל אַרויסגעטראָטן פאַר אונדז. טויג ער נישט. האָבן מיר שוין מיט מזל אַ נייעם דירעקטאָר. ווי שטייט אין פּסוק? ויקם מלך חדש. מאַכט רש"י שנתחדשו גזירותיו, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן נייע גזירות. ער וויל, צום ביישפּיל, אַז מיר זאָלן אַלע צוזאַמען מאַרשירן ווי אַרעסטאַנטן צו אַן אַלגעמיינער קיך. אַזאַ קלעפּקע איז אים אַריין אין קאָפּ. אַז נישט דערלעבן זאָל ער עס. ער וויל פאַרניכטן — גאָט ווייסט פאַרוואָס — דעם וויכטיקסטן שטריך, דעם הויפּט-געווינס, פון אונדזער ישוב — אונדזער פאַמיליען-לעבן.

דער אוועקגייענדיקער דירעקטאָר שטעלט זיך אויף געזעגענען זיך מיט דער קהילה זיינער. אַ גאַנץ יונגער בחור נאָך, אַ שמאָל טונקל געזיכט מיט קליינע, שאַרף־שוואַרצע אויגן. ווען ער איז געקומען אהער, האָט ער אויך געמיינט, אַז מען דאַרף באַלעבאַטעווען. אָבער ער איז באַלד מיטגע־ריסן געוואָרן פון די ליידן און דער עלנטקייט פון זיינע ברידער, און זיי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און מיטפילן. געוואָרן איינער פון זיי. און זייער עלנטקייט איז דאָך אַזוי דאַנקבאַר צו יעדן איינעם, וואָס ווייזט אַרויס אַ

ביסעלע האַרץ און שטרעקט אויס אַ וואַרעמע האַנט — אַ דאַנקבאַרקייט, וואָס רירט און וועקט נאָך מער האַרץ און מער מיטגעפיל. און אַזוי וואַקסט די צוזאַמענשמעלצונג צווישן מענטשן.

אַט שטייט ער און רעדט. ניין, ער שטיקט זיך מיט טרערן.

ווער איז שולדיק אין זיין אוועקגיין? זיכער נישט די גאָר הויכע פענצטער. דאָרטן איז מען באַשעפטיקט מיט מער אַלגעמיינע ענינים, מיט ציען די הויפּט־פּאָליטישע ליניעס. ווו ליגט די שולד? ערגעץ אין די מי־טעלע אָדער נידעריקע פענצטערלעך, ווו יידישע טשינאָווניקלעך קוקן אַריין אין די פאַרשידענע לאַגערן, און אויב אַ דירעקטאָר איז צו גוט צו די יידן, טויג ער נישט. אַט די מיטעלע קאָמיסאַרלעך, די האַרצלאָזע, עם־הארצותדיקע, דעגענערירטע יידישע בחורימלעך דאַרף דאָס אַמעריקאַנער יידנטום אויסזוכן איינעם נאָכן אַנדערן און זיי אַלע אויסרוימען ווי מען רוימט אויס חמץ פאַר פּסח, וואָרום זיי זענען פאַרקויפטע, פאַרברודיקטע נשמות. זיי זענען אַן אומגליק פאַר די אומגליקלעכע יידן אין די לאַגערן.

שאַט, ער כליפּעט אַרויס אַ פריילעכע איבעררעאַשונג. ער און דאָס מיידל, וואָס זיצט נעבן אים, זענען היינט חתן־כלה געוואָרן. מיר אַלע ווינטשן אים גליק. ער האָט עס פאַרדינט.

:: :: ::

אויף מאָרגן אין דער פרי באַזוכן מיר די אַנשטאַלטן.

מיר זעען אַ גאַנץ פיינע ביבליאָטעק מיט אַ לייען־זאַל. דער ביבליאָ־טעקאַר עפנט אויף אַ קאַסטן מיט העברעאישע און יידישע ביכער. איך מאַך שהחיינו אויף די ביכער, וואָס זענען אָנגעקומען. אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד פון ביאַליקן, וואָס אַ היגער מאַלער, אפרים קרייצבערג, האָט געמאָלט.

מיר גייען אַריין אין דער שטוטגאַרטער שול, און מיר זעען אין ארון קודש אויסגעלייזטע ספרי תורות, וואָס די פיינט האָבן אוועקגעראַבעוועט.

אַזוי ווי ס'איז ל"ג בעומר און מען גרייט זיך צו אַ פייערונג, זענען קיין קלאַסן נישטאָ. כ'זע אָבער די פריילעכע קינדערלעך פונעם גן ילדים און אויך די פרויען־לערערינס. אַט די לערערינס רעדן אַ נאַטירלעכן פלי־

סיקן העברעאיש, א פראדוקט פון די תרבות־שולן אין פוילן, און זיי טראגן איבער דעם גייסט אויך אהער, אזוי אז אפילו מאטעמאטיק לערנט מען דא אין העברעאיש.

ס'ווייזט אויס, אז די העברעאישע דערציאונג דא שטייט אויף א פיל העכערער מדרגה ווי אין די אנדערע לאגערן, ווו איך בין געווען. אויף דעם מעג מען אוודאי די שטוטגארטער יידן קאנגראטולירן.

אט שטעלט מען פאר אונדז פאר די פרוי און די צוויי חנעווודיקע קינדער, א מיידעלע און א קליין זונעלע, פון דעם קדוש שמואל דאנציגער, הי"ד, וועלכער איז דערהרגעט געווארן פרייטיק, כ"ו אדר שני, דעם ניין און צוואנציקסטן מארץ. אט יענעם פרייטיק אין דער פרי האט די באוואפנטע דייטשע פאליציי אטאקירט, פאגראמירט און געראבעוועט די אומבאוואפנטע יידן אין שטוטגארט. דאנציגער האט אן געווער געוואלט באשיצן יידישע לעבנס. האט אים די דייטשע קויל געטראפן. עטלעכע אמע-ריקאנישע וועכטער זענען געשטאנען דערביי און גארנישט געטאן.

און די אמעריקאנישע ארמיי האט נישט דערלויבט קיין יידישע דע־מאנסטראציע, קיין אויסדרוק פון פראטעסט און ווייטיק, אין קיין יידישן לאגער. זי האט בלויז צוגעזאגט, אז אזא אויסברוך מצד די דייטשן וועט מער נישט פארקומען.

מיידעלע און יינגעלע דאנציגער, געדענקט דעם מארד פון אייער טאטן! און דאך — ווי איך וואלט וועלן, אז איר זאלט וואקסן פריי און גליקלעך און קענען פארגעסן!

מען פאטאגראפירט אונדז פיל מאל מיט די קינדערלעך, און אויך מיט די פירער פון דער קהילה.

און אט איז א פריילעך, זוניק בחורל, פינף יאר אלט, דוד אייזענ־בערג פון לובלין, וועלכן מען האט געפונען אין שנייי.

א פוילישע פרוי האט אים געהאלטן ביי זיך אין געהיים און געקראגן באצאלט. און ווען דער טאטע איז פארשלעפט געווארן אין מאידאנעק און ס'איז נישט געווען קיינער, וואס זאל פארן קינד באצאלן, האט די פוילישע פרוי גענומען דאס קינד און אים ארויסגעווארפן אויפן שניי. עמיצער האט אים אויפגעהויבן און אים אין א בית יתומים אריינגעגעבן. און נאכן

קריג איז די מאמע ארומגעגאנגען און געזוכט אים א לאנגע צייט פון הויז צו הויז ביז זי האט אים געפונען.

ס'זענען דא א סך אזעלכע קינדער, אין שניי און אין בלאטע געפּור־נענע. זיי זענען אלע אונדזער אויג אין קאפּ.

לכבוד ל"ג בעומר שלאגט מען אונדז פאר, אז מיר זאלן ארויספארן אויף די בערג, איידער מיר פארן צוריק קיין מינכען.

וועלכע בערג?

שטוטגארט! די שטאט איז כולו בערג.

זעצן מיר זיך אריין אין א קארעטקע מיט עטלעכע יידן, און א רא־דאמער בעל־עגלה רעדט יידיש מיט זיינע סוסים. אייניקע יידן אנטשול־דיקן זיך, וואס זיי קענען מיט אונדז נישט ארויספארן, ווארום זיי זענען איינגעלאדן צו חתונות.

— חתונות?

— יא. זעקס און דרייסיק חתונות קומען היינט פאר אין שטוטגארט.

יידן האבן חתונה. פרויען קינדלען זיך. אט אזוי, זוכט אביסעלע ליב־טיקייט אין אייער לעבן, און זייט ממלא אונדזער חסרון.

מיר פארן בארג־ארויף און ס'עפנט זיך אונטער אונדז שטוטגארט — א גרויסער רונדער לאך, אויסגעפלאסטערט פון אלע זייטן מיט ווייס־ווענ־טיקע, רויט־דעכערדיקע הייזער, וואס זענען פארשלייערט מיט זוניקע וואלן. מיר פארן אראפּ אין די רואינירטע גאסן אריין. אבער די פּאנאָ־ראמישע שיינקייט רייצט מיך אויף, און די רואינען האב איך שוין נעכטן געזען.

איך טראכט וועגן די ליבלעכע קינדער דאנציגער, און פון זייער טאטן, וועמען די דייטשע באוואפנטע פאליציאנטן האבן דערהרגעט.

און שטוטגארט איז דאך נישט דער איינציקער עקזעמפּליאר פון דער שנאה צו יידן, וואס קאכט נאך אין דער דייטשער יוכע. וואס־זשע וועט זיין דער תכלית מיט די יידן דא?

אט זענען אייניקע פאקטן, מיט וועלכע איך האב זיך דא אנגעהערט.

אין מינכען האבן די דייטשע פאליציי־לייט אן א פארוואס און בפני כל עם ועדה בלוטיק צעשלאגן און צעטראטן אן אלטן יידן און א יידיש יינגל.

אין רעגענסבורג האבן די דייטשן דערשטאכן דעם פערצן־יעריקן דוב גאלדפייער, און אויף זיין נאמען איז אנגערופן געווארן א ניי־געגרינדעטער גן-ילדים אין רעגענסבורג.

און א זאלצבורגער צייטונג האט זיך דערלויבט דעם צוואנציקסטן אפריל, ווען עס פאלט אוים היטלערס געבורטסטאג, פארעפנטלעכן זיין בילד. די מיליטערישע רעגירונג האט די צייטונג געשלאסן, אבער עס באוויזט נאכאמאל, אז דער פירער לעבט אין די שקלאפערישע הערצער פון זיינע פארפירטע. זאל נאר קומען דער רוף, און די נארישע וועלט וועט ווייטער דערהערן דעם געגנדזענעם טראט.

און נישט נאר דייטשן.

פינף און צוואנציק טויזנט פוילישע פאגראמשטשיקעס זענען מאביליזירט געווארן אין דער אמעריקאנער ארמיי אין דער אמעריקאנער זאנע און פירן אן מיט פאגראם־אגיטאציע

און דער יידישער פאמיליען־לאגער אין ניי־פריימאן ביי מינכען ווערט טעראריזירט דורכן פוילישן לאגער. די פאליאקן שיסן אויף יידן און שרייען: אזוי פיל יידן לעבן נאך?

און נישט נאר פאליאקן.

אט האט אן אמעריקאנער סאלדאט אין לאנדסבערג ארויסגעיאגט א יידן פון טראטואר, ווייל א ייד, לויט היטלערס גזירות, דארף גיין נאר אין מיטן גאס. דייטשן זענען געשטאנען דערביי און זיך געפרעגלט אין נחת.

פארוואס זאל מען נישט די יידישע פאליציי באוואפענען, כדי זיך און די יידן באשיצן, פונקט ווי די דייטשע פאליציי איז באוואפנט? פארוואס דעם פיינט — יא, און דעם פריינט, דעם קרבן, דעם אומשולדיקן — נישט? פארוואס איז דאס יידישע לעבן נאך אלץ הפקר? פארוואס און פאר וועמען האט מען מורא דאס יידישע לעבן נישט הפקר צו מאכן?

:: :: ::

מיר זענען שוין צוריקביים הויז פון אונדזער קווארטיר. מען הייבט אונדז אן ווידער צו פאטאגראפירן.

אונדזער שאפער מיטן רויטן, רוי-פליישיקן פנים ווארט שוין אויפן אייזן־נאקעטן, אפענעם „דזשיפ“.

ישׂראל אפרת

דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

היטלערס פּוטש-קעלער, קאַפּאָס און שעפּעלעך

20סטער מאַי.

שוין אַ זעקס וואָכן זינט מיר זענען אַרויסגעפלויגן פון ניו-יאָרק. זינט דאַן האָבן זיך אַ סך איינדרוקן אָנגעקליבן ביי מיר אין אַ קליין טאַשן-ביכעלע, פאַרצייכנט אין קורצע פראַזן, אין ווערטער נישט געבונדענע, און אַמאָל אויך אין ראשי-תיבות. וואָרום ווער האָט דאָס כוח צו שרייבן גאַנצע זאַצן, ווען דאָס לעבן לויפט סינעמאַטיש און יעדער רגע בריט און גליט?

האָב איך אָנגעהויבן קלערן, ווער ווייסט, טאָמער וועט דער שר של שכחה באַקומען שליטה איבער מיר און איך וועל מיין אייגענע רמזים-שפּראַך נישט קענען דעשיפרירן.

איז פּלוצים געקומען ד"ר זלמן גרינבערג צו הילף.

נעכטן אָוונט האָט ער אונדז פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אָוועקפאָרן ערגעץ אין אַ שטיל פּלאַץ, קיין גאַרמיש אָדער קיין בערכטעסגאַדען, כדי זיך אָפּרוען אויף אַ פּאָר טעג:

— אַזוי פיל אַרומגעפאָרן, אַזוי פיל גערעדט, אויסגעמאַטערט זיך מיט כלערליי „דזשיפּס", דאַרפט איר זיך אָפּרוען.

אָט אַזוי האָט ער אונדז געזאָגט, דער טייערער גאַסטפריינדלעכער ד"ר גרינבערג.

מילא, זאָל זיין אָפּרו, דער עיקר איז, אַז מען וועט קענען אַביסעלע אַרבעטן. די נאָטיצן סאָרטירן, אפשר טאָקע, אָנהייבן שרייבן.

גיי איך היינט אַרויף צו „מר. איז", אים מודיע זיין וועגן דעם, כדי ער זאָל בייטן די דאַטעס פון אונדזערע ווייטערע רייזעס. ערשט ער שטעלט אָן אַ פּאָר אויגן אויף מיר:

— אָפּרו? איר דאַרפט דאָך אַרבעטן.

— יאָ, זאָג איך, מיר וועלן טאַקע אַרבעטן, סאָרטירן אונדזערע נאָ-טיצן, אפשר טאַקע שרייבן.

— שרייבן? איר טאָרט פון דאַנעט קיין אַרטיקלען נישט שיקן צו די אַמעריקאַנער צייטונגען.

— וועלן מיר פון דאַנעט נישט שיקן.

— אָבער איר דאַרפט אַרבעטן, אַרומפאָרן. איר זענט דאָך אויף דעם אַנגאַזשירט פון אונררא.

— דער אונררא האָט אונדז נישט אַנגאַזשירט. מיר קריגן פון קיי-נעם נישט קיין געהאַלט פאַר אונדזער טרחה.

— דער אונררא גיט אייך עסן.

— כ׳האָב זיך געפילט באַליידיקט. הייסט עס, אַז דער בחורל איז אונדזער שפּייזער, אַז ער האַלט דעם פאָדים פון אונדזער עסן און ער קען אים איבעררייסן. כ׳האָב געטראַכט וועגן די אונרראַניקעס, וואָס זיצן דאָ שוין גאַנצע חדשים און מען האָט נאָך פאַר זיי קיין אַרבעט נישט געפונען.

— טאָרן מיר נישט אָננעמען די איינלאַדונג פון צ. ק.?

ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט פּרעטענדירט אויף מער כוח ווי ער האָט ווירקלעך געהאַט, און האָט אונדזער אָננעמען נישט פאַרווערט. אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער שרעקט זיך פאַר אונדזער שרייבן. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ סודות מיר וועלן דער וועלט דערציילן? דאַרף מען דאָס שרייבן פאַרבאָטן.

קליינע רבנים זענען גרויסע מחמירים.

:: :: ::

מיר זענען אַריין אין דעם „ביר-ברוי-קעלער“, ווו היטלער און זיינע חברים האָבן דעם באַרימטן אומגעלונגענעם „פּוטש“ געמאַכט.

אָט דאָ, אויף דער פּלאַטפאָרמע, אין 1923, האָט זיך עס אָפּגעשפּילט. קאָר, דער בייערישער דיקטאַטאָר, איז געשטאַנען און האָט גערייצט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג צו אויפשטאַנד קעגן דער שלאַבעריקער רעגירונג און פאַר אַ נייע דינאַסטישע מאָנאַרכיע, ווען פּלוצים איז היטלער מיט זיינע לייב-וועכטער דערשינען און מיט אַ רעוואָלווער געצוואונגען קאָרן, ער זאָל פּראָקלאַמירן אַ נייע נאַצישע רעגירונג.

לײדיק און טונקל איז דאָ איצט. די נאַצים זענען שוין נישטאָ.
ס'ווילט זיך מיר אויסשרײַען און אַרויסרופן פון די ווענט און סטע־ליע עפּעס אַן עכאָ, קאָנטאַקטירן די רשעים, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזעלכע נישט געהאַט.
עפּעס אַ וואָרט פון נקמה אין זײַערע טויטע אויערן אַרײַנשרײַען, אַזוי אַז זײַערע בײנער זאָלן זיך צוזאַמענקאָרטשען אין זײַערע וויסטע קברים, אָדער אַז אַ שטויבעלע אַש פון זײַערע פאַרברענטע גופים זאָל טאָן אַ ציטער אין וועלט-חלל.
נקמה? ווו איז נקמה?
איין טויטער קען דאָך אין דעם אַנדערן קיין נקמה נישט האָבן.
און דאָס וואָס איז איבערגעבליבן, דאָס רעשטל, ווייקט זיך אין שווײַ־גיקער ענגשאַפט נאָך אַלץ דאָ אין די לאַגערן, פּונקט ווי אַמאָל, אָדער לויפט אַרום איבער די גרעניצן נאָכגעיאָגט פון מערדער, און די וועלט קוקט צו.
ס'איז געשטאָרבן דער מענטשלעכער יושר פון דער גאָרער וועלט.
און אין דרויסן פון דעם זאַל איז אַ רעסטאָראַן, און אַמעריקאַנער אָפיצירן זיצן זיך צווישן די ביימער, און עסן זיך געמיטלעך זײער וואַר־מעס. וואָס קענען זײ וויסן פון דעם געפיל, וואָס באַהערשט אַ ייִדן אויף די קברים פון נאַצישער גלאָריע?

:: :: ::

מיר שפּאַצירן צוזאַמען מיט לואי שאַליטאַן, דער רעדאַקטאָר פון „אונדזער וועג", אויפן „קעניגספּלאַץ", וועלכן דער קעניג לודוויג דער ער־שטער האָט באַשײנט מיט קונסט-געבײדעס.
מיר שטעלן זיך אָפּ בײם „ברוינעם הויז". ס'הייבן זיך פינף קאָלאָנאַ־דעס איבער די קברים פון די ערשטע נאַצים פון 1928. אַ דײַטשער פּאָלי־ציאַנט שטײט בײַ דער זײַט מיט אַ ביקס אין האַנט און קוקט אויף אונדז ווי מיט מעסערס.
דאָ איז געווען אַ גרויסער פּאַראַדנער פּלאַץ, ווו מען האָט די נאַצי־יוגנט מושטירט אָדער זי געררײצט מיט פאַרשרפהטע, כאָרכלענדיקע קולות צו מאָרד און רויב. איצט איז זוניק און שטיל.

פוןביידע זייטן פון די קאלאנאדעס שטייען מוזעאומס פון קונסט אין גריכישן סטיל.

אין קונסט האט זיך קיין זאך ביי די דייטשן נישט אנגעהויבן. אפילו דאס פארברענען פון יידן אין די קאלך-אויוונס איז געווען באגלייט מיט מוזיק פון בעטהאווענס דריטער סימפאניע.

און גיי צי א ליניע צווישן עסטעטיק און בארבאריע.

מיר גייען פארביי דעם גריכישארטיקן גליפטאטעק — א געביידע פאר סקולפטור — און קומען צו דער פראפיליע — אן ארכיטעקטורישער טויער מיט קאלאנעס, א פינקטלעכע קאפיע פון דער פראפיליע אויפן אקראפאלים אין אטענס.

דער קעניג לודוויג האט געוואלט זיין נישט דער פאליטישער, נאר אויך דער גייסטיקער יורש פון גריכנלאנד. און אזוי ווי ס'איז קיין אייגנס נישט געווען, האט מען קאפירט, געגנבעט.

דא האבן די באמבעס אלץ רואינירט. די פיגורן זענען אפגעריסן. די קאלאנעס — אפגעשיילט. אלץ איז שטויב און שטיינער. און דורכן דאך גיסט א זון.

מיר גייען ארויס און זעצן זיך צו אויף א שטיינערנער באנק, און מיר רעדן וועגן אונדזערע צרות און וועגן קאפאס.

די קאפאס זענען געווען אנגעשטעלט פון די נאצים, אז זיי זאלן פירן די יידן פון די בלאקן צו און פון דער ארבעט, און משגיח זיין אויף זייער ארבעט.

און היות ווי די נאצים האבן געוואלט אויסלעשן דעם לעצטן פונק מענטשלעכקייט ביי די יידן, האבן זיי סאדיסטיש באשטימט אויך יידן פאר קאפאס: גייט, פייניקט, שלאגט אייערע אייגענע ברידער.

זענען געווען גוטע יידישע קאפאס, ווי די שוטרים אמאל אין מצרים, וואס האבן זיך גיכער געלאזט שלאגן פון די עגיפטישע נוגשים, איידער פייניקן א יידן, און ס'זענען געווען שלעכטע, וואס האבן געשלאגן און גע-ממתים, און וואס האבן געגעבן דעם ווארט קאפא זייער א מיאוסן נאכ-קלאנג.

ווי אזוי האט א ייד געקענט הייבן א האנט אויפן אויסגעפייניקטן

קערפער פון א ברודער? פרעגט נישט. הלוואי זאָל מען צו אזא פּראָבע נישט געשטעלט ווערן. מענטשן רעאגירן פאַרשידנאַרטיק אויפן שוועל פון טויט. א סך ווערן לויטער, און א סך דעגענערירן.

און אַלע יידן זענען דאָך געווען „מתים אויף אורלויב". האָט איין מת — ס׳גרוילט אפילו שרייבנדיק די ווערטער — געשלאָגן דעם אַנדערן, כדי אַביסל צו פאַרלענגערן זיין וואקאציע.

ערשט עטלעכע טעג צוריק איז אזא מין פּאַרשוין אָנגעקומען אין לאַנדסבערג. האָט אים איינער דערקענט און זיך צעשריען: קאַפּאָ! איז מען דעם מענטשן באַפאַלן און אים צעניזקט.

עס זענען אָבער אויך דאָ אַזעלכע, וואָס זענען חוזר בתשובה. אַט די מענטשן לעבן דורך אַן אינערלעכן גיהנום.

דערציילט לוי שאַליטאַן, אַז איינער פון זיי האָט אַריינגעשיקט אין דער רעדאַקציע א בריוו, אין וועלכן ער שרייבט, אַז ער וועט זיך מאבד לדעת זיין. נאָר איידער ער באַגייט זעלבסטמאָרד, וואָלט ער וועלן וויסן, וואָס פאַר א תשובה זאָל ער נעמען אויף זיך, כדי ער זאָל אָנקומען אין דעם מיסטעריעזן „אהין" ריין.

ליידנדיקע נפשות! זיי זענען אויך היטלער־קרבנות.

אַט אזוי פּייניקט נאָך אַלץ אין פאַרשידענע דרכים די טויטע האַנט פון גרויזאַמען רשע. איינעם מיט א טשעכאָטקע, און אַן אַנדערן מיט א געוויסן.

איך ווייס נישט, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט געענטפערט. נאָר דער אמתער פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלישער ענטפער איז געגעבן געוואָרן שוין לאַנג צוריק: נישט חלילה זעלבסטמאָרד, נאָר במקום שבעלי תשובה עומדים — מען דאַרף כמעט בענטשן די זינד, וואָס פירט צו נשמה־לייטערונג.

∷ ∷ ∷

דער טאָג פאַרגייט. חבר לייוויק און איך גייען פון דער וועטשערע אין פּאַסינג קיין ליים, ווו די באַראַקן זענען.

מאָרגן פאָרן מיר קיין בערכטעסגאַדען. זונטיק קומט פאַר אונדזער

אָפּשייד-אָוונט. און נאָכדעם וועלן מיר אָוועקפאָרן פון דאַנעט צו די עט־לעכע לאַגערן אין דעם פראַנקפורטער ראַיאָן.

נעמען מיר נישט דעם אויטאָבוס מיטן קומען קיין לײַם. מיר גייען צופוס, כדי אַביסל מער זיך באַקענען מיט דער סביבה.

בלוטיקע ערד, יידישע צרות-פּולע ערד, און דאָך איז דאָ אַ בענקלע־לעכער ציטער אינעם אוועקגיין.

איז פון צער אויך שווער זיך צו שיידן?

ניין, ס'איז נישט די ערד. ס'איז די ברידער אונדזערע, וועלכע איך לאָז דאָ איבער. כ'האָב דאָך אַפילו קיין איין יידן פון דאַנעט נישט ארויס־גענומען.

איז וואָס אַזוינס האָב איך אויפגעטאָן מיט מײַן קומען, מיט מײַן ארומפאָרן, מיט מײַן רעדן?

אפשר וועלן די געשריבענע שורות מײַנע ערגעץ־ווו אויפרייסן, און געוויסע אינסטאַנצן וועלן זיך אַ נעם טאָן צו עפּעס אַן אַקציע פאַר דער רעטונג פון דער שארית הפליטה, און דאָס וועט זײַן דער אויפטו פון מײַן קומען?

אפשר וועט עס ערגעץ ביי אַ פּשוטן יידן אין הארצן אָנרירן און אויפ־לייזן אַ טרער, און דאָס וועט אויך זײַן אַן אויפטו?

דאָס און נישט מער?

זענען ליטעראַטור-מענטשן פאַרמשפּט אייביק צו באַוועגן זיך אין קרייז פון הערצער און געפילן און טרערן און קיינמאָל נישט פונאַנדער־ברעכן דעם פאַרכישופטן צירקל און אַרײַנדרינגען אין דער וועלט פון טאַט? —

מיר גייען פאַרביי אַ ברייט, גרין פעלד, און זעען פון דער ווייטנס ווי אַ סטאַדע שעפּעלעך ווערט אין מיטן פעלד מושטירט, כדי אײַנגע־זאַמלט צו ווערן אין שטאַל אַרײַן.

די זון זעט זיך נישט. דער הימל פלאַמט נישט. אפשר האָט זיך שוין אַלץ איבערגעפלאַמט. עת האסף הצאן. צייט צו אײַנזאַמלען די שעפּעלעך.

ס'איז אַ בילד פון תנ"ך. ס'איז אַ שטילע, ווייכע שעה. די לופט איז אָנגעגאָסן מיט חסד. און דער גאַנצער הימל בייגט זיך איבער דעם פעלד,

אזוי אַז מיר שטייען אין עק הימל, פאַרקוקט און פאַרבענקט.

לויפט אַ פלינק שוואַרץ הינטל פון איין זייט פון דער סטאַדע און טרייבט די צעזייטע שעפעלעך אין דער ליניע אַריין. די שעפעלעך הייבן אָן צו לויפן אַזוי ווי ברווינע כוואַליעלעך. און דאָס הינטל שטעלט זיך אַוועק שטייף מיטן עקל אַרויף פאַר די צוויי פאַסטוכער פון הינטער דער ליניע:

— גוט געטאָן? וואָס איז ווייטער אייער באַפעל?

און אַט לאָזט ער זיך אַוועק פון דער אַנדערער זייט, און די שעפעלעך הייבן אָן אויך דאָרטן צו כוואַליען און צו אויסגלייכן זיך. און נאָכאַמאָל שטעלט זיך דאָס הינטעלע אַוועק פאַר די פאַסטוכער, און דרייט מיטן עקל און וואַרט אויפן ווייטערדיקן באַפעל.

און פּלוצים גיט דאָס הינטעלע אַ לויף און די גאַנצע סטאַדע איבער דער לענג פון דעם גאַנצן פעלד כוואַליעט זיך און ציט זיך אין אַ לאַנגער שמאָלער ליניע אין דער זיכערער נאַכט־היים אַריין.

גליקלעך הינטעלע, ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען איך וואָלט אַזוי געקענט אַרויסהעלפן אין דער איינזאַמלונג פון אונדזער סטאַדע און זיך אַוועקשטעלן פאַר מיין געהיימען פאַסטוך:

— גוט געטאָן? וואָס איז ווייטער דיין באַפעל?

פיר און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

בערכטעסגאַדען

21סטער מאַי.

מיר פאָרן קיין היטלערס בערכטעסגאַדען, ווו ד״ר זלמן גרינבערג און דער צענטראַל־קאָמיטעט האָבן פאַר אונדז זייער גיטיק און זאָרגפעלטיק איינגעאָרדנט אַ פּלאַץ, און ווו מיר וועלן עטלעכע טעג רוען און שרייבן.

ס'איז אַ נסיעה פון פינף שעה פון מינכען. אונדזער מאַשין הייבט זיך קרעכצנדיק העכער און העכער אין די אַלפּן־בערג.

ס'איז אַ װאַרעמער זוניקער נאָכמיטאָג. דאַך װיקלען זיך װאָלקנס אַרום די בערג װי ברײטע װײסע גאַרטלען.

טױזנט פּנימער האָבן בערג. אױף יעדן שפּאַן אַן אַנדער פּנים.

אָט שטעלט זיך אױף אַ באַרג װי אַ בײערישער גױ מיט אַ גרינעם הוט און אַ לאַנגער װײסער פעדער ביזן הימל אַרײן.

און װײט לינקס שטײט אַ באַרג אין שאָטן, און זײנע שטיקלעך שנײ שײנען װי פענצטערלעך פון אַ פּאַלאַץ אין דער לבנה.

מיר קומען אַרײן אין האָטעל שטיפּטסקעלער. אַ הױכער קרעפּטיקער בײערער, מיט אַ קורץ גרין רעקל און קורצע הײזלעך און נאַקעטע קני, בײגט זיך פאַר אונדז אין דרײען און נעמט הכנעהדיק אװעק אונדזערע טשעמאָדאַנעס, און פירט אונדז אַרײן אין אונדזערע ברײטע צימערן מיט עטלעכע פענצטער אין גאַס אַרױס, מיט דרײ בעטן און צװײ פּאָר קראַנען און שפּיגלען אין יעדן צימער.

װײזט אױס אַז דער האָטעל האָט אַמאָל געזען בעסערע צײטן. ס'איז אײנער פון די שענסטע אין בערכטעסגאַדען. אַ סך נאַצישע פירער האָבן דאָ מיט זײערע ליבער די בעטן געהיצט. איצט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אָפּגעדונגען אַ צאָל צימערן, און שיקט צו שפּײז פאַר יעדן אײנעם, װאָס ער שיקט אַהער. די װאָס האָבן געאַרבעט פאַר די קאָמיטעטן שױן אַכט־נײן חדשים, קריגן דאָ װאַקאַציע אױף צװײ װאָכן.

אװעקגעלײגט מײנע זאַכן, אַרומגעװאַשן זיך מיט די װאַסערן פון די הײסע און קאַלטע קראַנען, גײ איך אַרױס זיך אַרומצוקוקן.

אַ טיר פון דריטן שטאָק פירט אַרױס אױף אַן אָפענער װעראַנדע, און פון דאָרטן גלײך אױפן פלאַך פונעם באַרג, אין װעלכן דער האָטעל שטײט פון אײן זײט אַרײנגעהאַקט. ציט זיך דאָרט אַ סטעזשקע אין אַ פּאַרק מיט בענק, װוּ מען קען זיצן און קוקן שטיל אױפן שטעטל פון אונטן און אױף די נאַקעטע, שװאַרץ־שטײנערדיקע בערג אַנטקעגן.

איך גײ אַרונטער אױפן ערשטן שטאָק. פון אײן זײט — אַ טיר צום עס־זאַל מיט געגרײטע טישן און גרױסע טױערן־פענצטער, און פון דער אַנדערער זײט — אַ טיר צו אַ צימער, װאָס איז אַמאָל געװען דער טרינק־זאַל.

לײדיק איז דער טרינק־זאַל. אַראָפּגעלאָזט זענען די גרינע פאָרהאַנגען. ס'שפּירט זיך אַ ריח פון שימל און פון געפּגרטע פליגן. די ווענט אָבער זע־נען עדות, אַז אַמאָל זענען אַהער געקומען פּרעכטיקע ערן־לײט און גרויס־אַרטיקע שיכורים.

אויף איין וואַנט זענען אויסגעמאָלן די הערבן פון אַלע מדינות דײַטשלאַנדס. אויף אַן אַנדערער — פאַרשידענע גענעראַלן, וועלכע האָבן אין זײער צײַט מרעיש עולמות געווען, און אויך הײליקע, וואָס טראָגן ליכטיקע צירקלען אויף זײערע קאַנאַניזירטע קעפּ. אַט הענגט און קוקט אַרונטער אַ גאָלדענער יוזל פאַרטאָן אין זײַנע גאָלדענע וווּנדן. און דאָרטן, אין גאָטיש־שפּיציקע אותיות, צוויי פערזן:

ליעז מײַן רײמכען,
און טרינק מײַן ווײַנכען.

הײליקײט און שיכרות. דאָס שיכרות ווערט נישט דערהויבן, אָבער די הײליקײט ווערט אויסגעלאַכט. ציניק און שפּאָט. אומווירדיקע, שווי־מענדיקע ליפּן.

איך גײ אַרויס אויף די שטיגן. אַ שמאָל בערגיק געסל פירט אַרונ־טער צו די בריקן איבער אַ שנעל לויפנדיקן טײַך און צום וואָקזאַל, און פון דער אַנדערער זײַט אַרויף צו די געשלענגלטע געסלעך פון שטעטל.

די נאַכט זעצט זיך, און איך מוז מודה זײַן, אַז איך האָב אַביסעלע פּחד אַלײן אַרומצוגײן צווישן די דײַטשן.

פאַרשאָלטן זאָלן ווערן יענע, וואָס זענען גורם, אַז איין מענטש זאָל זיך שרעקן פאַר אַן אַנדערן, אַז פרעמדקײט זאָל מײנען מורא אַנשטאָט דעם ברײטן, פרײען, מענטש־ליבנדיקן גײַסט, וואָס האָט אינספּירירט וואַלט וויטמאַן, ווען ער האָט געשריבן:

„פרעמדער, ווען דו טרעפסט מיך אָן, פאַרוואָס גריסטו מיך נישט?״

איך גײ אַרײַן עסן אָוונט־ברויט מיט די ייִדישע קאָמיטעטן־אַרבע־טער.

:: :: ::

איך זיץ בײַם פענצטער און שרײַב.

נישט קײן לידער, נאָר פּשוטע פּראָזע, כדי איך זאָל אַלעס אַרויס־זאָגן, עס זאָל קײן כי הוא זה זיך נישט פאַרהאַטשעקן פון יענער זײַט פון

פּאָטישן ריטם. און אויך כדי עס זאָלן אַלע יידן מיך קענען לייענען.
איך בין געוואָרן דורשטיק נאָך לייענער, פּונקט ווי אַ קוואַל וואָלט געדורשט נאָך די ליפּן פונעם טרינקער.
שורות און זייטלעך גאַנצע פליען אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין אָנגעגרייט ביי מיר משׁשׁת ימי בראשית, אָנגעגרייט און אויך אָנגעטאָן אין זייער גאַנצן ווערטער-לבוש.
מיר דוכט זיך, אַז אַלץ וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן, קען איך אויסנווייניק, און אויך אַלץ וואָס איך דאַרף נאָך שרייבן.
מיר דוכט זיך, אַז פון אַלע מסכתות, וואָס איך האָב געלערנט, קען איך די מסכתא „לאַגער" אַמבעסטן.
אָט דאָס איז דער כוח פון צער. אַז ער שרייבט זיך אריין אין אַ האַרץ, שרייבט ער זיך טיף און אוממעקבאַר.
דורך די פענצטער זע איך ווייט אין די בערג אַ שפּיץ דעכל פון היטלערס פּאַלאַץ, וואָס רופט זיך דאָ „דעם אָדלערס נעסט".
אין דאָ דער פּאַסיקסטער פּלאַץ צו שרייבן די כראָניק פון אונדזערע איצטיקע ליידן. איך שרייב וועגן זיי, און טענה זיך אויס דורכן פענצטער מיט דעם „אָדלער", דעם רויב-פויגל דאָרטן:
זע, רשע, זע. אַזאַ ים פון יסורים האָט פונעם תהום פון דיין פינצטערן גייסט אויסגעבראָכן. אייביק פאַרמיאוסט און פאַרשפּיגן זאָל דיין נאָמען זיין.
נאָר עפּעס אַ לעגענדע וועבט זיך ביי מיר אין האַרצן, העט ווייט און הויך, אין דער רעכטער זייט, ליגט אַ באַרג אַזוי ווי אַ מענטשלעכער קאָפּ. ס'איז אַ גאַנצן טאָג געווען וואָלקנדיק, און יענער קאָפּ האָט זיך נישט אָנגעזען. אַלע בערג האָבן אויסגעזען נידעריק. איצט זעט ער זיך מיט זיין נאָך אַלץ בייזן פּנים, אָבער אויך מיט גיהנומדיקע עינויים פאַרקראַמפּט. זיינע טויטע ווייסע אויגן זענען האַלב-פאַרמאַכט, און דורכן ווינקל פון זיינע גראָבע ליפּן גיסט זיך אַרונטער אַ שמאָל ווייס ריטשקעלע. און אַ וואָלקנדל דעקט אים צו און דעקט אים אויף.
אָט דאָס איז ער, דער רשע, אויפן העכסטן באַרג, כדי די גאַנצע וועלט זאָל אים זען און געדענקען.

ס'איז היינט א גויאישע חתונה אין בערכטעסגאַדען. גאַנץ פרי האָט א פּלייט זיסע ניגונים געשפּילט און איינגעלאַדן דעם עולם צו דער „כאַס־לירע".

און דעם גאַנצן טאָג האַלטן די מחותנים אין איין פאָרן אין אָפענע קאַרעטעס מיט איינגעשפּאַנטע פערד. די מענער אָנגעטאָן אין שוואַרצע אַנצוגן, און די פרויען — מיט שנירלעך פּערל.

ס'איז קיין זאַך ביי זיי נישט געמינערט געוואָרן.

און אַז עס איז דאָ אַן אַמעריקאַנער אַרמיי ערגעץ־ווו אויף זייער לאַנד, איז וואָס? ס'וועט נישט נעמען לאַנג און די אַרמיי וועט זיך צו־ריקציען.

אָט אַזוי לעבט זיך דער איינגענומענער פיינט. מיט פּרעכטיקע אַנ־צוגן און מיט שנירלעך פּערל.

נאָך דער פיינט פונעם פיינט, און דער פריינט פון די איינגענעמער ליגט נאָך אַלץ אַ באַראַבעוועטער, א פאַראָרימטער, א פאַרווייטיקדיקער אין תפיסה־לאַגערן.

נישט אַזוי האָבן זיך די יידן פאַרגעשטעלט אין דעם ערשטן האָניק־חודש נאָך דער באַפרייאונג.

דערציילט מיר דאָ א ייד, אַז דעמאָלט האָבן רוסישע סאָלדאַטן אָנ־געטראָפן באַפרייטע און נאַקעטע יידן.

— הענט אַרויף, האָבן זיי געגעבן א באַפעל.

— מיר זענען יידן.

— פאַרוואָס־זשע אָן בגדים?

א פור איז אָנגעפאָרן געפּאַקט מיט געפאַנגענע נאַציס. די רוסן האָבן באַפוילן, אַז מען זאָל זיי אַראָפּוואַרפן פיר שטיק, וועלכע זיי האָבן באַלד איינעם נאָכן אַנדערן דערשאָסן.

— נאָט אייך בגדים.

אָט אַזוי האָט מען דעמאָלט זיך באַצויגן צו די יידישע קרבנות. פאַר־וואָס איז אַזוי שנעל דער רחמנות־שטראָם איינגעטריקנט געוואָרן?

:: :: ::

איך האָב אַן צו רעדן מיט אַן אַנדערן יונגנמאַן, און זיין ברוין, אינטעליגענט און, דוכט זיך, געזונט פּנים ווערט באַלד באַגאָסן מיט גרויסע טראָפּן שווייס.

שפּעטער טרעף איך אים אויף די טרעפּ. אויף יעדן טריט האַלט ער זיך אָן ביי דער פּאַרענטש.

איך געפין אויס, אַז היטלער האָט אים געגעבן אַ נאַדיזונג: טובער־קולאָזיס. האָט מען איין לונג זיינע געלאָזט צוזאַמענפאַלן. אָבער דאָס האַרץ איז געוואָרן געריירט.

— אַ שברי־כלי, שמייכלט ער זוויערלעך.

:: :: ::

ביי טאָג גיי איך אַמאָל דאָ אַרום מיט חבר ליוויקן. די געסלעך לויפן סקאָס און קיילעכדיק. די צוויי-שטאָקיקע הייזלעך זענען געפאַרבט מיט פאַרשידענע פּאַסטעל-קאָלירן, רויט, גרין, קרעם. וווּ ס'איז דאָ אַ קלייט אָדער אַ וואַרשטאַט, איז אויף דער פאָדערשטער וואַנט אויסגעמאָלן די סחורה אָדער די אַרבעט. דאָ איז אויסגעמאָלן ווי מע זעצט ברויט, דאָ ווי מען מאַכט מאַטראַצן, און דאָ ווי מען שפּאַלירט אַ צימער.

ס'איז אַ קאָליר־רייך שטעטל.

ס'זענען דאָ ווייניק אָפענע קלייטן. אין אונדזער גאַס ביים טייך איז דאָ אַ קלייט, וואָס אין דעם פענצטער ליגן כל המינים זאַכן: פּיל־פעדער, זייגערס, פידלען, פליייטן. ווי אין אַ פענצטער פון אַ לאָמבאַרד. און אָנגע־קלעפּט איז אַ צעטל פון זאַכן, וואָס די קלייט וויל באַקומען און וואָס פאַר אַ זאַכן זי וואָלט געגעבן פאַר זיי.

ס'איז דער פרימיטיווער אויסטויש, וואָרום געלט האָט דאָ אַ קנאַפּן ווערט.

די זאַכן, וואָס די קלייט וויל „קויפן", איז מייסטנס בגדים.

:: :: ::

ס'איז שבת-פאַרנאַכט. די צען-פופצן מיידלעך און בחורים זיצן ביים טיש און עסן, אָנגעטאָן אין זייער שענסטער שבתדיקער אָרימקייט.

ס'איז מערקווירדיק. איך בין געקומען אָהער מיט אַזוי פיל תביעות.

איין בחור עסט נאָך נישט. אַ מיידל קומט אַרונטער אין אַ ווייס סיצן קליידל. שטעלט ער זיך אויף מעשה־קאַוואַליר, און זיי הייבן אָן צו עסן.

דוכט זיך, ס'וועט זיין אַ שידוך.

אַלע איינזאַמע, אַלע פאַריתומטע, זוכן זיי איינער ביים אַנדערן וואַרעמקייט.

אַ מיידל גייט צו צו דער פּיאַנאָ און הייבט אָן צו שפּילן „ביי מיר ביסטו שיין".

איך האָב געזוכט די קדושה פון צער, און זיך געערגערט, ווען איך האָב זי אויסערלעך נישט באַמערקט.

איצט האָב איך שוין נישט מער קיין תביעות. איך האָב זיך אַריינגעלעבט דאָ און זיך געריייניקט פון זיי.

זינגט און שפּילט, טייערע, לעבט אויס די יאָרן, וואָס איר האָט נישט געלעבט, וואָס דער שונא האָט אייך נישט געלאָזט לעבן.

איך גיי צום פענצטער. אונטערן טונקעלן הימל זעט זיך ווייטער דער טויטער קאָפּ פונעם רשע מיט זיינע האַלב־פאַרמאַכטע ווייסע אויגן.

פינף און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דעם אָדלערס נעסט

פינף און צוואַנציקסטער מאַי

מיר האָבן געוואָלט באַזוכן דעם „נעסט" גלייך ווי מיר זענען אָנגעקומען קיין בערכטעסגאַדען, געוואָלט באַלד זען היטלערס רואינע. אָבער דער וועג איז געווען פאַרזייט מיט טשוועקעס אַזעלכע, אַז אונדזערע גומענע רייפן האָבן גענומען פּלאַצן איין מאָל נאָכן אַנדערן. דער שאָפער האָט געגלויבט, אַז דאָס האָבן די דייטשן בכיוון געטאָן, כדי מען זאָל נישט קומען זיך פרייען אויף זייער בייז ווונדער. איצט זאָגט מען אונדז, אַז דער וועג איז פריי.

פאָרן מיר אַרויס פון אונדזער האָטעל שטיפטסקעלער אין אַן אויטאָ,

וואָס הייבט זיך אויף אַ שטאַרק משופּעדיקן באַרג אויף אַ וועג ספּעציעל אויסגעפּלאַסטערט פאַר היטלערן און פאַר זיינע געסט.

דער וועג דרייט זיך העכער און העכער, און די פּאַנאָראַמע פון גרין־באַוואַלדערטע בערג און נאַקעטע שניי־באַדעקטע שפּיצן ווערט אַלץ ברייטער און הערלעכער.

אַט הייבן מיר אָן צו זען הייזער, רואינירטע, באָמבאַרדירטע, אין וועלכע די דינער און וועכטער האָבן געוווינט.

אַט שלאָגט אַרויס אַ קוואַל ביים זייט וועג פון אונטער די שטיינער און איך טונק מיינע הענט אין די אייז-קאַלטע טיף־ערדישע וואַסערן.

אַט איז שוין דער רואינירטער טויער, דורך וועלכן מיר גייען אַריין פראַנק און פריי אין היטלערס קדשי קדשים, ס'הייסט טומאה שבטומאה, דורך וועלכן מלכים ושרים פלעגן אַריינפאָרן, כדי צו בוקן זיך און געפינען ליטזעליקייט אין די אויגן פון דעם אַפּגאָט פון דער וועלט.

אונדזער אויטאָ גיט נאָך איין דריי, און מיר שטייען שוין אויף דער הויכער הויף.

די סאָלדאַטן רופן דאָס אָן „דעם אָדלערס נעסט". לאָמיר דאָס אָנרופן פשוט היטלערס קבר.

די שטיינערנע ווענט שטייען נאָך, אָבער די גאַנצע, ברייטע, פיר־שטאָקיקע געביידע איז אַ חורבה.

דער אונטערשטער שטאָק האָט געהאַט אַ געוועלבטן סופיט אָנגע־שפּאַרט אויף ברוין מאַרמאָרנע קאָלאָנען, אָבער די מערסטע פון די קאָלאָנען זענען איינגעפאַלן, און פונעם סופיט איז דער גאַנצער פּלאַסטער אָפּגעשיילט.

פאַררויכערט און פאַרשרפהט איז אַלעס.

ווען די נאַצים האָבן געזען, אַז די באָמבעס פאַלן און די אַמעריקאַנער זענען שוין אין בערכטעסגאַדען אַריין, האָבן זיי פון אינעווייניק דעם פּאַלאַץ אויפגעריסן און פאַרברענט.

אַט אַזוי האָבן די טעווטאָנישע געטער זיך און זייערע טעמפּלען אין אַ וואַלהאַלישן פייער־קרבן געאָפּפערט.

מיר קלעטערן ארויף מיט סכנות נפשות אויפן צווייטן שטאק און מיר שטייען אין „זאל פון דיפלאמאטן".

דא איז אוודאי געווען דער גרויסער טיש, ווו דער מלמדישער „מענטש מיטן רעגנשירם" איז געזעסן און געוואָרפן לענדער און מדינות אין דעם אָפענעם פיסק אריין פון דער פון אויבן זיצנדיקער חיה רעה, נאָר בתנאי, אז זי זאָל ענגלאנד נישט טשעפען, און ער איז אוועקגעפלויגן פון דאנעט מיט א פאפירל: שלום פאר אונדזער דור!

איך גיי צו דער פאָדערשטער, איינגאנצן אָפענער וואנט, און שטיי פאר דער גאנצער ווילדער שיינקייט פון די טיראָלן־בערג. וואָס פאר אן אָטעם־פארכאפנדיק בילד! און ווי לאנג עס וועט זיך נאך דארפן רייניקן אין שטורעמס פון דער טומאה פון דער חיה־רעהם קוק.

ווארום די שענסטע שיינקייט ווערט קלעפיק־אומריין אונטער די אויגן פון א שד.

דערפאר אפשר ציט זיך דער שד דווקא צו שיינקייט.

אָדער אפשר וויל ער זיך אויך רייניקן, מענטש זיין, און קען נישט, און ווארפט זיך נאך מיט מער צאָרן, מיט מער ציין־קריצעניש, און בייסט און רייסט, און קען נישט אנדערש?

מיר גייען ארונטער אין היטלערס „בונקער", וואָס ער האט אויסגע־בויט אין 1942, עס זאָל זיין א באהעלטעניש, ווען דער שלאקס־רעגן וועט זיך אָנהייבן.

א יונגער דייטש פירט אונדז ארונטער אויף פינצטערע שטיגן מיט א לאמטערנע.

דער „בונקער" איז אביסל גרעסער פון דעם, אין וועלכן די יידן זע־נען געשלאָפן אין די קאצעטן. ער איז פינף און צוואנציק קילאָמעטער לאנג. און אויך גאנץ טיף אין דער אדמה, צוויי און צוואנציק מעטער טיף.

דאָס איז געווען א גאנצער רעגירונגס־אפאראט, מיט א סך צימערן און קאנצעלאריעס. מען האט זיך אהער נישט אראָפגעלאָזט בלויז אויף א קורצע ווײַלע. מען האט דא געטאָגט און גענעכטיקט, ווייל די אטאקעס און די מורא פאר אטאקעס האָבן נישט אָפגעלאָזט. האָבן זיי דאָ ווי די פרעהיסטאָרישע טראָגלאָדיטן געוווינט — טאקע פרעהיסטאָריש אין זייער

מאראלישער סטאדיע, און מאדערן אין דער חכמת הפארניכטונג.

אלע לעבנס-באקוועמלעכקײטן זענען דא אײנגעאָרדנט געװען, מיט כל המינים עלעקטרישע דראָטן.

אפילו היטלערס פּילגש, עװא בראַון, האָט דאָ אויך געהאַט אַ צימער. נאָר בעת אַנדערע טירן זענען פון מאַהאָגאָני, איז איר טיר ליתר בטחון פון שטאָל און אײַזן.

מיר גײען צוריק אַרויף אויף די פינצטערע שטיגן. אַ ליכט הײבט אָן אַרײַנצוזײַען זיך פון עם הויכן אַרײַנגאַנג. אויף די װענט װײַזן זיך נעמען פון טוריסטן. ס'דערוואַכט דער טוריסטישער יצר־הרע אויך בײַ חבר לײַ־וויקן, און ער נעמט און קריצט אויס — מײַן נאָמען.

ס'פרעגט אײנער בײַם יונגן דײַטש: צי איז היטלער דאָ אונטן פאַר־ברענט געוואָרן. נײן, ענטפערט ער, ער האָט זיך דאָ קײנמאָל נישט אָראָפּ־געלאָזט, קענטיק, ער װיל פאַרטײדיקן דעם כבוד פון זײַן פירער.

מיר גיבן אים עטלעכע סיגאַרעטן, פאַר װעלכע ער װערט פול מיט דאַנקבאַרקײט. ער װײַזט אונדז אָן אויף באַרמאַנס פּאַלאַץ און אויך גע־רינגס. צי װילן מיר אויך אַהין גײן? נײן, נישט װיכטיק מער.

קומט לאָמיר קלעטערן נאָכאַמאָל אַרויף צום רואינירטן זאַל. איך שפּאַר זיך אָן אויף אַ װאַנט און דערשפּיר אָן אָנגעצויגנקײט, אַ ציטער אין דער לופט. מיר דוכט זיך, אַז עס זיצן נאָך אַלץ הויכע דיפּלאָמאַטן און װאַרפן זיך מיט לענדער, כאָטש אַרום און אַרום איז אַזאַ גרויסע רואינע, און דער גאַנצער דיל האַלט בײַם אַרונטערפאַלן.

איך גײ אַרויס. די זון פאַרפלײצט מיט ליכט דעם גאַנצן שפּיץ באַרג מיט זײַן רײַטנדיקן, חרובדיקן נעסט. איך גראָב זיך אײַן מיט מײַנע אויגן. איך װיל מיטנעמען דאָס בילד פון היטלערס חורבה און טראָגן עס אין זיך מיט פרײד און טרויער מײַן גאַנץ לעבן.

זעקס און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די קינדער קאָלאָניע אין אשאַאו

26סטער מאַי, אינדערפרי.

מיר זעצן זיך אַריין אין אויטאָמאָביל און פאָרן צוריק קיין מינכען, ווו ס'וועט היינט אויף דער נאַכט אונדז געגעבן ווערן אַ צאתכם לשלום פונעם מינכענער ראַיאָן.

דער הויפּט-טייל פון אונדזער אַרבעט איז שוין אָפּגעטאָן. מיר האָבן באַזוכט די וויכטיקסטע יידישע לאַגערן, וואָס ליגן גורלדיק אַרום דער שטאָט מינכען, פון וואַנעט די נאַציישע טומאה האָט זיך שוואַרץ צעגאָסן איבער גאַנץ אייראָפּע.

ווען מיר מאָרגן פאַרלאָזן דעם ראַיאָן. מיר רעכענען פאָרן קיין נירנ־בערג, כדי אָנצוקוקן די טייוולאָנישע פּנימער פון די געפאַנגענע נאַציישע חיות, ווי זיי שטייען דאָרטן פאַרן וועלט-משפּט (אַך, ווי ס'קלינגט טראַ־גי־קאָמיש, טעמפּ און וצדקתכדיק צוזאַמען: אַ משפּט איבער חיות!), נאָכדעם צו דעם קינדער-לאַגער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויפן פאַרם פונעם המן־שטרייכער, און דאַן צום לאַגער ציילסהיים און קיין בערלין. און אפשר וועלן מיר אויך קריגן אַ דערלויבעניש פון דער ענגלישער רעגי־רונג צו באַזוכן דעם גרויסן לאַגער בערגען-בעלזען, פון וואַנעט עס קומען אָן איינלאַדונגען דורך בריוו און שליחים.

דער וועג צוריק קיין מינכען איז לאַנג. אָבער מיר שטעלן זיך אָפּ אויף אַ פּאָר ליכטיקע יום-טובדיקע שעה אין דער קינדער-קאָלאָניע אשאַאו.

קינדער אין די לאַגערן! זיי דערשיטערן מיך און אויך דערוואַרעמען מיך מיט פרייד. זיי רופן אַרויס אין מיר דעם טיפסטן ציטער. צו זיי האָבן זיך דאָך היטלערס פייער־צונגען מיט העלישן אימפּעט געריסן. לכבוד זייערע קערפּערלעך האָבן דאָך די קאַלך־אויוונס יומם ולילה געברענט. און בלויז אַ קליינע צאָל געבליבן. אַ יתומל דאָ, און אַ יתומהלע דאָרט. און מיט זיי גייען מיר ווייטער צו אונדזער היסטאָרישן טיש. מיט זיי הייבן

מיר ווייטער אין דעם בראשית ברא פון אונדזער חרוב וועלט. וואס־זשע פאר א וואונדער, אז אומעטום, ווו איך באגעגן זיך מיט זיי, קוועלט מיין נשמה און ס'טרערן מיינע אויגן.

מיר זענען אנגעקומען עטלעכע שעה נאכדעם ווי מ'האט זיך געריכט אויף אונדז. זענען די קינדער מיד געווארן שטייענדיק אין פאראד און זיך פונאנדערגעגאנגען. דארף מען ביי די קינדער דעם יום־טובדיקן פארגע־ניגן נישט אוועקרויבן. שטייען מיר און ווארטן א ווײַלע אין דרויסן, ביז דער פאראד ווערט נאכאמאל אויפגעשטעלט. איך כאפ א קוק ארום זיך. ס'איז וויסט פעלד מיט עטלעכע צעוואקסענע קאשטאנען־ביימער, מיט עט־לעכע שטיבלעך, ארימע, מיט דעכער פון רויטע ציגל. איז דאס די קאָ־לאָניע, ווו מען דארף די שטורעם־דערשלאגענע הערצלעך אויפריכטן און אנווארעמען? ס'ווערט מיר קאלט. כ'ווער אומרואיק. אבער באלד הייבן מיר אן גיין דורך אן אלעע פון פאנען און געזאנג און פון ערנסט־פריידיקע פנימלעך, וואס יעדעס פנימל פון זיי וואלט איך וועלן אנרירן מיט מיינע טרוקענע דורשטיקע פינגער. מיר קומען אריין אין א קליינעם שטילן חדר, ווו מיר באקענען זיך מיט אייניקע פרויען־פירער פונעם לאגער, און מען שטעלט אונדז אנבייסן.

רבקה האראוויץ, א יונגע אויפזעערין, גיט מיר אין העברעאיש אבי־כעלע אינפארמאציע וועגן אשאאו.

ס'איז אממערסטן אן אונגארישער און רעליגיעזער לאגער. די קינ־דער זענען ארגאניזירט אין קיבוצים לויט זייער עלטער און אויך לויט זייער פארטיי. יעדער קיבוץ האט זיינע אייגענע מדריכים און געניסט פון זעלבסטפארוואלטונג. די קיבוצים פון די אונגארישע קינדער, אנהויבנ־דיק מיט די יינגסטע, זענען „מעון הילדים", „עבודה", „שאיפה", „תקווה", „אף על פי כן", „הפועל הדתי" און „העובד". „עבודה" און „העובד" גע־הערן צום אלגעמיינעם „הנוער הציוני". אלע אנדערע — צום מזרחי. די קינדער פון פוילן זענען איינגעטיילט אין „עתיד" (וועלכער געהערט צום „דרור") און אין „נוחם".

אויסער העברעאיש, יידישע געשיכטע און די ארץ ישראל געאגרא־

פיע, לערנט מען זיי אלגעמיינע לימודים, און אויך פאכן ווי שלאָסעריי, שניידעריי, ראַדיאָ־טעכניק, און אַגריקולטור.

פונעם קיבוץ „תקווה" איז ערשט נישט לאַנג אָפּגעפאָרן א גרופּע בחורים און מיידלעך קיין ארץ ישראל.

מען ווייזט אונדז דעם גרויסן עס־צימער, און די ווענט שרייען אויס דעם איינציקן באַגער פון לאַגער:

אנו דורשים את פתיחת הארץ.
כל עוד דופק בעולם לב ישראל, את ארץ ישראל.
די שפכנו דם על אדמת נכר.

מיר גייען צום קבלת פנים אונדזערן. כ'באַקען זיך מיט דער ענערגי־שער פרוי, ד"ר לעפעל, וועלכע האָט צוזאַמען מיט ד"ר פרידמאַן געבראַכט די קינדער אַהער פון בערלין. זי דערציילט מיר וועגן פיר קינדער, א ברו־דער און דריי שוועסטערלעך, וועלכע האָבן דורך די אַלע שרעקלעכע יאָרן זיך אויסבאַהאַלטן אין א פּוילישן וואַלד.

וואָס פאַר א וואַלד־טונקל און וואַלד־ווילדקייט, וואָס פאַר א פחדים און וועלף־וואָיעניש מען וועט נאָך דאַרפן אַרויסציען פון די יונגע הער־צער! און דאָך ווי געזונט און שטאַרק מוז זיין דער יידישער גייסט, וואָס אַפילו אין די ייִנגסטע קינדער איז ער נישט פאַרטונקלט געוואָרן און האָט נישט אָנגעוווירן דאָס מענטשלעכע לשון און די פרייד־פעאיקייט. וואָס נאָך פאַר א באַווייז דאַרף מען אויף דער גרויסער וויטאַליטעט. וואָס דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט!

מיר קומען אַריין אינעם גרויסן ליכטיקן פאַרזאַמלונגס־זאַל, וועל־כער איז געפּאַקט מיט קינדער און מיט יוגנט. דער אימפּראָוויזירטער פּראָ־גראַם הייבט זיך אָן. קינדער קומען אַרויף אויף דער בימה און זינגען „תחזקנה" און געטאָ־לידער. איין מיידעלע דעקלאַמירט דאָס העברעאישע ליד „ואף על פי כן", מיט א סך געפיל און מיט שטאַרקן פּראָטעסט קעגן דער האַרטער וועלט. א גוטער קינדער־כאָר זינגט. א יונגער בחור מיט א לענגלעכן, מאָגערן פּנים, מיט א קאַשקעטל אויפן גאַנץ־געשוירענעם קאָפּ, און מיט לאַנגע, דיקע פּיאות, זינגט א ליד געמישט פון יידיש און העב־רעאיש, און אויך עפּעס א הומאָריסטיש, אונגאַריש לידל, וועלכעס ער

אַקאָמפּאַנירט מיט טעאַטראַלישער מימיק, און קינדער לאַכן און פרייען זיך.

הייליק איז יעדער קינדיש הערצל, פול מיט אומשולד און גוטסקייט. נאָך הייליקער איז דאָס ייִדיש קינד אין די לאַגערן, ווייל דער אומשולד איז איינגעטונקען אין ליידן. אָבער הייליקער פון אַלץ, קודש הקדשים, איז דער מאָמענט, ווען דאָס פּנים פון עם ייִדישן קינד אין די לאַגערן צעשטראַלט זיך מיט אַ שמייכל, ווען דער קנויט פון אומשולד, געטונקען אין צער, צינדט זיך אָן מיט אַ פרייד. מיר דוכט זיך, אַז אונדזער פאַרדאָרבענע וועלט האָט עס אסור די ווערט.

און אָט הייבן זיך אָן די רעדעס, די באַגריסונגען און די קינדערלעך ווערן ערנסט. ס'ציען זיך אויס די פּנימלעך, און די אייגעלעך ווערן טיפע ברונעמער מיט נאַכט. ס'איז פיינלעך צו קוקן ווי קינדערלעך קענען זיצן אַזוי לאַנג פאַרגליווערט און ערנסט.

כ'רעד אויף דריי לשונות. אויף העברעאיש, ייִדיש, און, דאָס מאָל, אויך אויף ענגליש, ווייל ס'זענען דאָ אויך נישט־ייִדישע באַאַמטע פון אונררא און כ'האָב זיי געוואָלט באַגריסן, באַדאַנקען, און אויך דערמאָנען, וואָס פאַר אַ טייערן פּיקדון אונדזערן זיי האָבן אין זייערע הענט.

און נאָכדעם זענען באַלד נעלם געוואָרן די לאַנגע בענק, און די יוגנט האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ מעכטיקן, זינגענדיקן טאַנץ. גרויסע רינגען האָבן זיך געדרייט, איין רינג אינעם אַנדערן, איבערן גאַנצן זאַל, און דאָס יונגע געזאַנג האָט אַרויסגעקלונגען דורך די פענצטער איבער די וויסטע פעלדער.

מיר זענען אַרויסגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל. קינדערלעך פון עם נייקלאָס האָבן אונדז פּרעזענטירט מיט בלוי־ווייסע דעקאָרירטע זעקעלעך, געמאַכט פון גינגאַן־צייג. מיין זעקעלע טראָגט דעם נאָמען אין ראשי־תיבות: מ"ש. אַנדערע קינדער פּרעזענטירן אונדז מיט בלומען־בוקעטן. מיר גייען צו צום מאַשין. ער איז אויסגעפּלאַסטערט און אַרומגענומען מיט קאָלירדרייכע בלומען. מיר זעצן זיך אַריין. מען הייסט דעם שאָפער, ער זאָל טרייבן לאַנגזאַם, און מיר פאָרן אַ לאַנגע שטרעקע צווישן צוויי שורות קינדער — געראַטעוועטע קעפּלעך, גאָלדענע, שוואַרצע, ברוינינקע.

און איינעלעך — מכל המינים. און די פאָנען פלאַטערן, און די קולעכלעך זינגען טרויעריק, זיס־בענקענדיק:

להתראות בארצנו,
להתראות בארצנו.
אבל תיכף ומיד,
ומהר ומיד,
לשלום, לשלום, לשלום.

און מיין נשמה טונקט זיך אין פרייד, און מיינע אויגן טרערן. אין אויב אונדזער גאַנצע ארבעט איז ווערט עפּעס אַ שכר, איז אַשאַ‏או מיין שכר, אויב נישט נאָך מער — אַ זכיה גדולה.

זיבן און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אַ פ ש י י ד

26סטער מאַי, אויף דער נאַכט.

אַ שיינער רעסטאָראַן אין מינכען. אַ ווייך־גאָלדן ליכט וועבט זיך ווי אַ טול פון די קרישטאָלענע לאָמפּן, וואָס הענגען צווישן די קאָלאָנען. ווייס־געדעקטע טישן מיט בלומען־בוקעטן און בלאַסקענדיק געשיר שטייען אין ווארטן — איין לאַנגער טיש פאַר די רעדנער, און די אַנדערע, רונדע, פאַר די געסט. ס׳קומען אָן מענער און פרויען, דוכט זיך גאַנץ עלעגאַנט גע־קליידט, פון דער מינכענער פאַרוואַלטונג און אויך פון די פאַרשידענע לאַגערן, וואָס מיר האָבן באַזוכט.

ס׳האָט אויסגעזען כמעט ווי ביי אונדז אין וואָלדאָרף־אַסטאָריאַ, און מיינע קדושה־תביעות, וועלכע האָבן מיך אַזוי געפּייניקט, ווען איך בין אָנגעקומען אַהער, האָבן נאָכאַמאָל אַ שפּרונג געטאָן: זעסט, ס׳פאַרגעסט זיך פאַרט. אָבער זיי האָבן זיך פאַרשעמט און זענען צוריק אין זייער נאָ־רע אריין. עפּעס האָב איך דאָך דאָ געלערנט. כ׳האָב געלערנט, אַז אַפילו צאַרטע, נעגל־געפאַרבטע פרויען־פינגער קענען וויינען פון עלנט. און ווען

דאָס עסן האָט זיך געענדיקט, און די באַגריסונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, און דאָ און דאָרט האָט זיך אַ סיפּור המעשה פון יענע יאָרן דורכגעוואָרפן, האָט אַ טרער טיפער געריררט דווקא צוליב דער עלעגאַנטישער הלבשה.

מיר זעצן זיך ביי די טישן. מאָרגן דאַרפן מיר שוין אָפּפאָרן פון דאַנעט, און ס׳איז שווער אויפן האַרצן: מאָדנע, מענטשן בעטן דאָך, מען זאָל פון קיין צער נישט וויסן. דאָך בין איך אומגעדולדיק געפלויגן אַהער, און פון דאַנעט פליט זיך נישט צוריק. האָט צער עפּעס אַ מעטאַפיזישן כּח המשיכה? אָדער איז דאָס די מענטשן? איך האָב זיך אין זיי אין משך פון קורצע עטלעכע וואָכן אַריינגעלעבט און אַריינגעפלאָכטן, און איך קען זיך פון זיי נישט אָפּרייסן. לייד און מיטלייד, ווייזט אויס, וועבן שטאַרקע פעדעם און בינדן צוזאַמען אין איין שעה מער ווי אַנדערע געפילן אין טעג און אין וואָכן. און אפשר איז בכלל נישטאָ קיין אַנדער געפיל נאָר לייד, און קיין אַנדער בונד אויסער מיטלייד, און מיטפרייד זויגט בעצם פון אַ טיפערן מיטלייד. וואָרום ווו איז דער מענטש, ביי וועמען ס׳איז נישטאָ אויף וואָס רחמים צו האָבן?

ס׳גייט אַ סעריע באַגריסונגען, ביי אונזער לאַנגן טיש און אויך ביי די רונדע טישן. איך זוך אַרום פּנימ׳ער, וואָס האָבן מיך פון אָנהויב אָן אינטערעסירט און וואָס מאָרגן וועל איך זיי שוין מער נישט זען.

אָט איז ד״ר זלמן גרינבערג מיט זיין דינעם שמייכל, וואָס ווערט נעלם נאָך איידער מען באַמערקט עס. אָט איז דער הויכער, שלאַנקער, שוואַרץ־האָריקער, האַלב היסטערישער לוי שאַליטאַן. אָט איז דער ברייט־ביינעדיקער דוד טרעגער, וואָס יעדעס וואָרט זיינס איז ווי געהאַקט און געקאָוועט. אָט איז די אייזן־שטאַרקע פיגור פון יעקב אַליסקי. אָט איז דאָס לענגלעכע, ווייסע, איינגעשלאָסענע געזיכט פונעם פּאַרטיזאַן ד״ר בלומאָוויץ, וואָס רעדט זעלטן און זיינע אויגן קוקן אַרויס ווי דורך פּעס־מונג־לעכער.

וואָס־זשע זאָל איך זיי זאָגן, ווען ס׳וועט קומען מיין ריי. לאָמיך דאָס מאָל — דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך וועל שטיין פאַר זיי — אָנרירן דעם אינערלעכן פּראָבלעם פונעם שארית הפליטה: דאָס פּראָבלעם פון וועג און ציל, פון היינט און מאָרגן — צוויי באַגריפן וואָס קאָנקורירן אייגנטלעך

איינער מיטן אנדערן, און בייסן זיך איינער אין דעם אנדערן אין ביין אריין, און דאך מוז מען מאכן שלום צווישן זיי, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך איינער דעם אנדערן ארויסהעלפן.

וועג — וואָס איז דאָס פּראָבלעם פון וועג?

נאָך פון אָנהויב, אין אונדזער וואָגלעניש אין די מחנות דאָ, האָב איך באַמערקט אַ טיפ, וואָס איז איינגאַנצן אָריענטירט אויפן מאָרגן, אויף ארץ ישראל. אַז מיר וועלן אין לאַנד אַריינקומען, וועלן מיר אַרבעטן, אָר־גאַניזירן זיך, דאגהנען פאַר אונדזערע קולטורעלע נויטן. דערווייל זענען מיר אונטערוועגנס, און ניִשט מיר קענען און ניִשט מיר טאָרן אָנהייבן שוין דאָ אַ נייַ קאָנסטרוקטיוו לעבן. מיר קענען נאָך אַזוי זיך פאַראַרבעטן, אַז מיר וועלן חלילה פאַרגעסן דעם ציל. כי תבאו אל הארץ ונטעתם, אַז מירן קומען אין לאַנד אַריין, וועלן מיר פלאַנצן.

אָט דער שטאַנדפּונקט פירט צו אַ סאָציאַלער דעמאָראַליזאַציע, וואָס אָדער זי וועט זיך אַריינקייקלען אויך אין ארץ ישראל, אָדער זי וועט בכלל ניִשט וועלן מער ארץ ישראל. די גרויסע ברענענדיקע תשוקה פאַרן מאָרגן איז אַמאָל עלול צו פאַרברענען דעם הייַנט מיטן מאָרגן צוזאַמען.

מען מוז אויסנוצן די מאָנאָטאָנע טורמע־טעג פון די לאַגערן פאַר אַרבעט, פאַר לערנען, פאַר פאַרגייסטערונג, פאַר השלמה. דער קרעפּטנדי־קער יידישער גייסט מוז לעבן אומעטום און אונטער אַלע אומשטענדן.

און ציל — וואָס איז דאָס פּראָבלעם פון ציל?

כ'מיין, אַז אין דער זעלבער צייט טאָר מען קיינמאָל ניִשט מסיח־דעת זיין פונעם מאָרגן. דער וועג טאָר ניִשט ווערן קיין אויסגעצויגענע שלאַנג, וואָס זאָל דעם ציל איינשלינגען. איר זענט איצט אַרום אַכציק טויזנט מאַן. יידן האַלטן אין איין קומען פון פוילן און אַנדערע מדינות. איר וועט ווערן גרעסער, שטאַרקער. איר קענט ווערן אַזאַ גרויסע קאָמ־פּאַקטע מאַסע, אַז קיין אויסערלעכע מאַכט, נאָר אייער אייגענער רצון זאָל דיקטירן אייער באַוועגונג. און איר קענט זיך צעברעקלען, צעלויפן אין פאַרשידענע ריכטונגען, און צעטרענצלען די גרויסע אויפריכטונג, וואָס מיט אייער עקשנותדיקער צוזאַמענהאַלטונג און סוף־כל־סופיקן אַריינקום וואָלט איר געקענט ברענגען אייער גאַנץ פאָלק.

ס'וועלן קומען מאָמענטן, ווען אייער גדולד וועט ווערן שוואַך און

דין, און צו אײערע אויערן װעלן דערגרײכן פאַרפירערישע געזאַנגען װעגן אַנדערע טעריטאָריעס! און ס'װעלן זיך שוין געפינען אומות העולם, װאָס װעלן צושאָקלען דעם קאָפּ צו די געזאַנגען. און אפשר װעט זיך דאָ און דאָרט אַ שפּאַרינקעלע עפענען. װאָרום די אומות העולם װילן, זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט, איר זאָלט זיך צעברעקלען און צעזײען, כדי צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון אונדזער אונטערגײן, און איר װעט זיך פילן אַזױ שװאַך און אויסגעמאַטערט: װיפל איז דער שיעור װאַרטן אויף ארץ ישראל? מיר קענען שוין נישט מער. לאָמיר גײן, װוּ עס לאָזט זיך.

אָט קענען די סירענישע געזאַנגען, אָט קענען די פידעלעך פונעם שטן מוזן מיר די אויערן שטאָפּן און זיך שטײף האַלטן. אַ גרויסע, כ'װאָלט זאָגן משיחישע ראָל האָט אונדזער גורל אײך צוגעװאָרפן. זײט ראוי, זײט שטאַרק.

אַזױפיל זיך אַנגעליטן, און נאָכאַמאָל אַ יאָגד? װאַרטן, לײדן, צוליב פאָלקס־דערלײזונג? יאָ. ס'איז קײן אַנדער װעג נישטאָ, און קײן אַנדער מענטשן־מאַטעריאַל אויך נישטאָ. נאָר די הײמלאָזע קענען בויען אַ פאָלקס־הײם. נאָר די צער־געזאַלבטע קענען אונדזער פאָלק פון װײטערדיקן צער באַפרײען.

ס'איז משיחישע מיסטעריע, ס'איז גורל. ס'איז דערװײלונג. זײט ראוי, זײט שטאַרק.

כ'האָב אָנגעהויבן מײן װאָגלעניש מיטן געדאַנק פון קדושת הצער, אַריבער צום געדאַנק, אַז מען מוז דעם צער אַלײן אויסלײזן אין גײסטיקע, נשמהדיקע װערטן, און זיך דערשלאָגן צו אַ געפיל, אַז צער איז משיחישע זאַלבונג, דערװײלונג צו אחריות און פאָלקס־יאָך.

און אין דעם זין האָב איך גערעדט. כ'האָב אַלײן נישט געװוּסט, אַז דאָס װעט זײן באמת מײן לעצט װאָרט צו דער שארית הפליטה, אַז באַלד װעט צוגעקלאַפּט װערן צו מײנע ליפּן אַ שלאָס.

און דער רעסטאָראַן האָט זיך גענומען אויסלײדיקן. דאָס גאָלדענע ליכט פון די קרישטאָלענע לאָמפּן האָט זיך אומעטיק געזײעט אויף צע־װאָרפענע טיש און בענק. ס'האָט זיך עפּעס אַ שװערע משא געלײגט אויפן האַרצן.

אַכט און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אונרראַ הייסט אונדז גיין

27סטער מאַי.

אַ כמאַרנער טאָג אין מינכען. ס'טריפט אַ דראָבנער רעגן.

מינכען, מיר זיצן אין שיינעם עס־זאַל פון דער אונרראַ־געביידע אין פּאַסינג, מינכען, צו פרישטיק. די קאַפע איז קאַלט. וואָס פאַר אַ טעם האָט עס? מיר בעטן זיך רחמים ביי די „פּרוויליינס":

— הייסע קאַפע.

— יאַ, יאַ.

און זיי קומען מיט אַנדערע קאַנען. אַלץ קאַלט.

איך באַטראַכט די פּנימער אַרום מיר. שוין דאָ נישט געווען כמעט אַ וואָך. זענען דאָ אַ סך פּנים חדשות מיט פאַרשידענע הערבן און כל המינים קאָלירנדיקע ראשי תבות אויף די אַקסלען. די אונרראַ איז קענטיק גוטמוטיק און נעמט אַריין חדשים לבקרים פאַרשטייער פון אַלע נייע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס קומען און ברענגען לינדערונג.

צו אַלעמען, נאָר נישט צו יידישע פּען־מענטשן.

קומט צו דאָס יידיש בחורל פון באַלטימאָר, וואָס קען קיינעם גלייך אין פּנים נישט קוקן און וואָס האָט די השגחה איבער אונדזער אַרבעט, און זאָגט מיר, אַז עס איז זייער וויכטיק, איך זאָל אַרויפקומען צו אים אין זיין ביוראָ. צי קען איך דאָס טאָן אין אַ האַלבע שעה?

גוט. ס'הייסט נישט גוט. ס'האַרץ שרעקט זיך עפּעס. וואָס אַזוינס שרעקט זיך דאָס האַרץ?

אונדזער פּראָגראַם איז: פירט, דער פּראָצעס אין נירנבערג, המן שטרייכערס פאָרם — וואָס אַ בראַוו יונג יידיש מיידל, חנה ליפּא, האָט פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנגער פאַר יידישע יתומים און מען האָט זי דערפאַר דערוויטערט פון איר פּאָסטן אין מינכען — ציילסהיים, און בערלין. סך־הכל — אַ פּאָר טעג אַרבעט. און דאַן — אַרויס פון דער מיליטערישער אָקופּאַציע, קיין פּאַריז.

איז אפשר וועט ער מיר זאָגן, אַז לײדער האָט ער פאַר אונדז נישט קיין טראַנספּאָרטאַציע אויסער אַ האַרטן אָפּענעם „דזשיפּ“ ווי אויף אונ־זער וועג קיין לייפּהיים? וואָלט דאָס געווען אַ קנאַפּע דאגה. מיר זענען גרייט געווען אויף שוועריקייטן און אומאַנגענעמלעכקייטן, ווען דער וועג איז נאָך געווען לאַנג, אַ פּשיטא איצט ווען מיר האַלטן שוין ביים סוף.

און אפשר — ווער ווייס?

זײַ איך שוין ביי אים אין ביוראָ, און —

— מיר טוט זייער לייד, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו באַ־גייען אייער טערמין, וועלכער איז שוין אויסגעגאַנגען און איר מוזט באַלד אָפּפאָרן קיין פראַנקרייך.

— ערשט פאַריקע וואָך האָט איר געזאָגט, אַז איר וועט דעם זמן פאַרלענגערן און אַז איר וועט מודיע זיין די פּלעצער ווען אונדזער קומען.

— אַזוי האָבן מיר באַשלאָסן.

— פאַרוואָס?

— מיר האָבן שפּיאָנען אומעטום, ווו איר אַדרעסירט. מיר זענען גע־נוי באַקאַנט מיט די געדאַנקען, וואָס איר דריקט אויס און מיר זענען נישט צופרידן.

— פאַרוואָס?

— איר אידענטיפיצירט זיך צופיל מיט די אויסגעוואָרצלטע. איר ווייזט זיי אַרויס מיטלייד.

— איז וואָס?

— די אונרראַ איז לכתחילה געווען קעגן אייער קומען. נאָר ד״ר ווייז אין וואַשינגטאָן האָט זיך אַריינגעמישט. איצט ווילן מיר, אַז איר זאָלט דאָ מער קיין לעקציעס נישט האַלטן.

— איז פאַרוואָס איז שלעכט, אַז מען ווייזט אַרויס מיטגעפיל צו ליידנדיקע מענטשן?

ער האָט זיך גענומען רויטלען און פּלאָנטערן. עמאַ שייוועער און חבר לייוויק קומען אַריין זען, פאַרוואָס איך זאַם זיך אַזוי לאַנג. ער חזרט פאַר זיי איבער דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט. מיר שטעלן זיך אויף אַרויס־צוגיין. איך אַפּעליר צו אים פאַר זיין אייגענער טובה ווענן, אַז ער זאָל

זיך נאָכאַמאָל מיישב זיין. ער לאָזט אַרונטער דאָס פּנים און גיט נאָך. ער וועט מיר געבן אַ תשובה צוועלף מיטאָג. מיר גייען אַרויס דערשלאָגן און צעמישט. און ווערטער הייבן זיך אָן צו דרייען אין מיין קאָפּ און צו טאַנצן אַ קאַראַהאָד:

שפּיאָנען,

מיטלייד,

נישט צופרידן.

און פּלוצים צעעפענען זיך די קליינע גרויע אייגעלעך פון דעם טשי־נאָווניקל פון לאַנדסבערג, און זיינע דינע ליפּעלעך צערעדן זיך:

קיין מיטלייד. מע דאַרף ביי זיי פאָדערן, זיי זאָלן זיך צופּאַסן.

ער? און דער אַנדערער, דער גאָט־דער־נשמה־שולדיקער תם, וועלכער איז אונדז נאָכגעגאַנגען, ווו מיר האָבן גערעדט?

און די ווערטער, וועלכע ד"ר שוואַרץ פון „דזשוינט" האָט אונדז גע־זאָגט, ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אין מינכען, האָבן רייצנדיק אויפגע־קלונגען:

— היט זיך. מען וועט אייך נאָכגיין ווי שאָטנס, מען וועט אייך שפּיאָנירן, מען וועט סטענאָגראַפישע ראַפּאָרטן מאַכן פון אייערע רעדעס. מען וועט אייערע טעלעפאָנען־דראָטן צאַפּן. היט זיך.

אָבער פאַרוואָס און פאַרוועמען?

צי דען שפּיאָנירט מען יעדן איינעם, וואָס קומט אַהער, לאָמיר זאָגן, מיט פּעקלעך־שפּייז פון אַמעריקע? וואָס אַזוינע פּעקלעך טראָגן מיר, וואָס זענען געפערלעך פאַר די צילן פון אונררא און פאַר דער מיליטערישער אָקופּאַציע?

און יאָ, פאַרוואָס האָט מען אונדז אין דעם לאַנדסבערגער פּראָצעס געוואָלט אַריינשלעפּן, נאָכפרעגנדיק זיך: וואָס טוען די דיכטער אין לאַנדסבערג? —

12 אַזייגער מיטאָג. איך קום אַרויף אין ביוראָ. די תשובה איז: דער באַשלוס איז ענדגילטיק.

:: :: ::

אײנגנטלעך פאַרלירן מיר כמעט גאָרנישט. נעכטן אָוונט האָבן מיר אונדזער אָפּשײד געגומען, און אונדזער אַרבעט איז געענדיקט.

מיר האָבן דורכט זיך זיבעצן פּונקטן באַזוכט און צו צוואַנציק טויזנט ײדן געראָדט.

די צװײ-דרײ פּלעצער, װעלכע פאַלן איצט אַרויס, װאָלטן געװען בלויז אַן איבערחזרונג און װאָלטן נישט מאָדיפיצירט דאָס אַלגעמײנע בילד, װאָס האָט זיך ביסלעכװײז אויסגעקריצט אויף אונדזער האַרץ אין אונדזער װאָגלעניש פון לאַגער צו לאַגער.

טרויעריק איז דערפאַר נישט דאָס, װאָס די אונרראַ אַנטזאָגט זיך צו פאַרלענגערן אויף אַ פּאָר טעג אונדזער טערמין, נאָר איר באַציאונג צו די ײדישע קרבנות, װעלכע װערט דאָ אַזוי בולט-קלאָר.

װאָלטן מיר די קדושת-המונדיר אָפּגעהיט, די מיליטערישע שיכטע, צו װעלכע מיר זענען דאָ צוגעטשעפּעט, געהײליקט, װאָלטן מיר געקומען, געראָדט און אַװעק צו די גוטע שלאָף-צימערן פון דער אונרראַ און צו אירע שפּעדיקע עס-זאַלן — דאַן װאָלט אַלעס גוט געװען.

װאָלטן מיר די ײדן געשטראָפט פאַר דעם „זכור 6.000.000", װאָס זײ האַלטן אין דעם מזרח פון זײערע זאַלן: װאָס הײסט געדענקען? פאַרגעסן דאַרף מען דאָס, װאָס איז געװען, און צופּאַסן זיך צו די אומשטענדן — דאַן װאָלט אונדז װױל געװען.

װאָלטן מיר אַלעס פאַרשלעפּערט: זײער געװיזענעם צער, זײערע הײנטיקע לײדן, און זײער אײנציקן ארץ ישראל חלום — דאַן װאָלט מען אונדז אַן אַטעסטאַט געגעבן און אונדזער ברוסט מיט מעדאַלן באַהאַנגען.

אָבער װאָס זײ האָבן געפּאַרכט איז געשען. מיר האָבן דאָס אַלץ נישט געטאָן.

מיר זענען נישט געקומען, װי פרעמדע מענטשן, צו די ײדן, נאָר װי אײגענע בלוט און פלײש, יאָ, װי מיטלײדנדיקע, געקומען צו זײ.

מיר האָבן זײער אָרים ברױט געגעסן, אויף זײערע שטרויענע בעטן זיך געלײגט, מיט זײערע שמאָלע קאָלדרעס זיך צוגעדעקט.

מיר זענען געזעסן מיט זײ שפּעטע שעהן אין די נעכט, זײערע לײדן

געהערט, און מיט זיי א טרער געוויינט.

מיר האָבן אונדזערע אויגן אריינגעגראָבן אין זייער טיפן ברונעם, אזוי אַז עס האָט אַמאָל אַ שוידער געטאָן: ווער ווייסט, אויב מיר וועלן ווען עס איז פון דאָרט דעם קאָפּ אַרויסנעמען.

מיר זענען געשטאַנען אויף דער בימה און געקניעט פאר זייערע יסורים.

אָ, דאָס איז אַ חטא געווען. מע טאָר זיי פאר צער־יחסנים נישט מאַכן. און דעם „זכור 6.000.000" האָבן מיר נישט געהייסן אויסלעשן. גע־דענקען? אוודאי! ווייל עס איז נישט געווען אַן איינמאָליקער אויסברוך און מען דאַרף דאָס גרינטלעך פאַרשטיין, מסקנות ציען, און איין מאָל פאר אַלע מאָל די גלות־קייט צעברעכן. און לויט די מסקנות, לויט יענע צילן, זיך שוין איצט גרייטן, שוין איצט זיך אַקטיוויזירן. קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איצטיקע יידיש זיין אויף דער בלוטיקער דייטשער ערד טאָר נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַשטענדיקן מצב, אַז עס מוז בלויז וועג זיין. אָבער אפילו אונטערוועגנס דאַרף אַ ייד לערנען תורה. מען קען קיינמאָל קיין הפסקות נישט פּראַווען. פאַרקערט דווקא אונטערוועגנס איז די צייט פאַר הכשרה.

אָט אזוי האָבן מיר געוועקט יענע שאַפנדיקע אומרו, וואָס ליגט אין יעדן וואַכן חלום, אין יעדער שטרעבונג צו גליק און שיינקייט.

מיר האָבן מיט דעם גרויזאַמען נעכטן און דעם שפּלדיקן און דעמאָ־ראַליזירנדיקן היינט זייער גאולה־בענקעניש געשטאַרקט.

מיר האָבן גאַרנישט פאַרווישט אָדער פאַרשלאָפן.

און זיי, די יידן, האָבן אונדז פאַרשטאַנען און אויף די הענט גע־טראָגן.

און זיי, די גויים, האָבן אונדז אויך פאַרשטאַנען און אונדז געהייסן גיין.

איז אונדזער מיסיע געווען דערפאָלגרייך.

אָט אזוי האָט זיך עס געענדיקט, און אזוי האָט זיך עס געמוזט ענ־דיקן — מיט אונדזער אייגענער לאַנדסבערג.

:: :: ::

ס'איז געקומען א דיכטער און ביי די גויים א מונדיר זיך געבעטן. האָבן זיי פון אָנהויב אָן זיך געחידושט און געקווענקלט. ס'איז געווען ווי פייער וואָלט זיך וועלן מתלבש זיין אין אייז. איז האָט אין דער תנ"כישער שפּראַך אויך נישט פרעמד. אָבער זיי ווייסן נישט דעם פּסוק. האָבן זיי געקוקט מיט חשד.

מונדיר איז דיסציפּלין, דיכטער איז אומרו. מונדיר איז שקלאַף, דיכטער איז מענטש. מונדיר איז מוסקול, דיכטער איז גייסט.

האָט יעקב אָנגעטאָן אויף די הענט און אויפן האַלדז די פעלעכלעך, און זיי האָבן די ברכה געגעבן. איז עשו, אָדער עטלעכע עשולעך, באַלד געקומען און זיך צעשריגן: זע, וועמען האָסטו דיין ברכה געשענקט.

אָט די קליינע עשולעך, וועלכע זענען דאָ גאַנצע „יעלות" געוואָרן, די וועלכע ווייסן נישט „מאי דקאמרי רביצין", און האָבן דעם גורל פון יידישע מחנות אין זייערע הענט — זיי און די יידישע מוסרימלעך זענען אונדזער חרפּה און אונדזערע צעשטערער.

דער פאַקט איז, אַז אויב עס געפינט זיך אַ לאָקאַלער אונררא-דירעקטאָר, וואָס שטייט נאָענט צו די יידן און דינט זיי געטריי, רייסט מען אים אויס. אָט אַזוי האָט מען משלח געווען דעם דירעקטאָר פון שטוטגאַרט, און אויך — ווי מיר האָבן ערשט היינט געהערט — דעם גוטן מנהל פון פערענוואַלד.

:: :: ::

זיצט דער שלאַנקער יונגערמאַן מיט די שוואַרצע האָר און אויגן און טרויערט: געקומען אַ קולטור-דעלעגאַציע, שיקט מען זיי אַוועק ווי מיט אַ קאָנוואָי.

זיץ איך אַנטקעגן דעם ליבן חבר און טרויער: ברידער מיינע איר בלייבט איבער צווישן האַרטע מענטשן. וואָס וועט פון אייך ווערן?

און אפשר גאָר אויסטאָן מיין מונדיר און אָנטאָן אַן אַנצוג פון אַן אויסגעוואָרצלטן, און גיין מיט אייך צוזאַמען צו דעם טונקעלן, גורלדיקן סוף?

איך האָב געחלומט, אז איך וועל זוכה זיין צו זען ווי די ערשטע פון אייך גייען ארויס פון די טורמע־אינדזלען און זענען עולה מיט פרייד צו זייער היימלאַנד.

אַט אזוי האָט עס דאָך אויסגעזען ערב אונדזער אָפּפאָרן פון אמע־ריקע, און איבערהויפט ווען די ענגליש־אמעריקאַנישע קאָמיסיע האָט פאַר־עפנטלעכט איר באַשלוס.

ניין, מען נאַרט אונדז. זאָלן די יידן וויַיקן זיך אין פּיין. זאָלן זיי דעמאָראַליזירט ווערן פון היימלאָזיקייט, ערדלאָזיקייט און ענדלאָזן אונ־טערוועגנס. ווער קען ארט עס?

און אייער פאַרצווייפלונג שטייגט.

וואָס־זשע וועט פון אייך ווערן? וואָס וועט פון אונדז אַלעמען ווערן?

ניין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

צוריקוועגס

30סטער מאי.

די אָפיציעלע פּאַפּירן פאַר אונדזער אָפּפאָרן זענען שוין פאַרטיק, און היינט אָוונט הייבן מיר אָן אונדזער רייזע צוריקוועגס. עמא פאָרט קיין פראַג, פון וואַנעט זי וועט זיך אומקערן קיין מינכן אַלס מיטגליד פון דער ארץ ישראל דעלעגאַציע.

מען פרעגט: פאַרוואָס ווענדן מיר זיך נישט צו העכערע אינסטאַנצן. דער באַלטימאָרער בחורל איז נאָך אַלעמען נישט גאַנץ אונרא. ס'איז דאָ גבוהים מעל גבוהים. כ'האָב אַליין געטראַכט וועגן טעלעגראַפירן ד"ר וויזן, אָבער צו מעשים איז עס נישט געקומען.

און באמת, צו וואָס באַמיען זיך אומזיסט? ס'איז גורל, יידישער גורל.

:: :: ::

ד״ר זלמן גרינבערג קומט צו אונדז אין צימער און זעצט זיך אוועק אנגעלענט אויפן בעטל. א שטומער אנגסט איז אויסגעגאסן אויף זיין פנים, וואס איז נאך בלאס פון דער קראנקהייט, פון וועלכער ער איז ערשט אויפגעשטאנען. כ׳האב שוין עטלעכע מאל באמערקט אין אים א שטייגנדיקע אומרואיקייט, כאטש ער האט אויסגעטאן די שווארצע אבלות-בגדים א יאר נאך דער באפרייאונג. ער איז געקומען הערן אווארט פון אונדז, איידער מיר פארן אפ.

מיר ענטפערן. מיר פארגייען זיך אפילו אין א שטיקעלע וויכוח וועגן דער ראלע פון גלות. אבער ניין. גרינבערג האט נישט געמיינט, אז מיר זאלן זיך ארייננלאזן אין טעארעטישע פראגן. ער וויל אונדז עפעס מיטגעבן צו די אמעריקאנער יידן און אפשר צו דער פרייער וועלט. מיר זענען געקומען אהער מיט א מיסיע פון די אמעריקאנער יידן. איצט מוזן מיר טראגן א מיסיע פון דער שארית הפליטה. ס׳ברעכן אויס אלץ מער אומרוען צווישן די דייטשן און די יידן. די אמעריקאנער אקופאציע-מאכט ווערט אלץ שטרענגער. ענגלאנד וויל נישט אויספאלגן די רעקאמענדאציע פון דער אנגלא-אמעריקאנער קאמיסיע.

ער רעדט שטיל, געלאסן, אנגעלענט אויפן בעטל. כ׳זיץ קעגן דעם פענצטער. אינעם הויף פון אונדזערע באראקן, אויפן גראז, ליגן אפיצירן האלב-אויסגעטאן, און ווארעמען זיך אויף דער זון. א וויים־רוסישע פרוי הענגט אויס די וועש אויף א שטריק. ד״ר גרינבערג זעצט זיך אויף און זיין פנים ווערט איינגעקראמפט. ער הייבט אויף זיין האנט אזוי ווי מיט תחנונים.

— איר האט געזען דעם שוידערלעכן קנויל פון הונדערט טויזנט בלומרשט באפרייטע יידן, וואס וואלגערן זיך דא אין די לאגערן. מיר האלטן אין איין שפייזן זיי מיט א האפענונג, וואס הייבט אן אויסצורינען אין אונדזערע אייגענע הענט. ווי לאנג נאך וועלן מיר קענען זיי צוריקהאלטן פון פונאנדערפאל? דערציילט זיי אלץ, די אמעריקאנער יידן, די פינף מיליאן ברידער אונדזערע, זאלן זיי וויסן! זאלן זיי עפעס טאן!

זיינע שווארצע אויגן האבן זיך אווארף געטאן אין פארצווייפלונג.

פון זיין אויפגעהויבענער, פארגליווערטער האנט איז געהאנגען אַ שטומער געשריי.

:: :: ::

ארום ניין אַזייגער אין אָוונט. מיר געזעגענען זיך אינעם צעבראָכענעם מינכענער וואָקזאַל מיט גרינבערגן, שאליטאנען, עמאן, און אויך מיט אַנדערע יידן, וואָס זענען געקומען אונדז ארויסבאַגלייטן. מיר גייען אריין אין צוג און שטעלן זיך אוועק ביי די פענצטער מיט אַ שווער געמיט.

דער צוג שטייט. די זון איז שוין פארגאַנגען. נאָר עפּעס אַ געלבלעכע זאַפראַן־ליכטיקייט גיסט זיך פונעם הימל, אַזוי אַז די צעלעכערטע, רואינירטע מויערן פון דער אַנדערער זייט פון די רעלסן שטייען פארטייעט ווי מתים אַזעלכע איינגעוויקלט אין טליתים, ווי גייסטער פון הייזער. און פּלוצים דערשיינען טאָפּלטע רעגנבויגנס, און די רואינען ווערן אַזוי ווי באַוואָרפן מיט בלומען־שאָטנס פון אַלע קאָלירן.

ס'האָט זיך געדוכט, אַז גאָט אַליין האָט זיך געטוליעט צו די דייטשע רואינען, זיי באַגאָסן מיט הימלישער שיינקייט און זיי באַדעקט מיט בלומען־בלעטלעך, און די דורכטעניש האָט געריסן שטיקער פון דער נשמה און זיך אַליין צום וואַנזין געטריבן.

און דער צוג האָט אָנגעהויבן ציען און די דייטשע שטאָט האָט געלאָזט אירע רואינירטע גאַסן גיין אין אַ פּרעכן, זיך נאָך אַלץ רייצנדיקן פאַראַד.

:: :: ::

31סטער מאי.

געקומען קיין פראנקפורט אין דער פרי, זיך דערשלאָגן צו אַ רויטן קרייץ, און מער ווי אַ טעפּעלע קאַווע נישט געקראָגן.

זיצן סאָלדאַטן אין די פארשידענע חדרים, לייענען, רויכערן, שלאָפן. און מיר זיצן אין דורכגאַנג מיט אונדזערע קלומאַקעס, אָפּגעזונדערט און אַליין.

וואָס-זשע זאָלן מיר איצט טאָן? דער צוג קיין פּאַריז פאָרט אָפּ ערשט אין אָוונט. ווו-זשע זאָלן מיר זיך דערווייל אַהינטאָן?

בליצט אויף אין מיר אַ נאָמען — ראַביי פיליפּ בערנשטיין, ערשט אָנגעקומען אַלס דער בעל יועץ צו דער אָקופּאַצ״ע־מאַכט וועגן יידישע ענינים, און אַ פּערזענלעכער פריינט.

ס'איז נישט אַזוי לייכט דאָ זיך צו פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט ווע־מען עס איז. פריער מוז דאָס געדולד עטלעכע מאָל פּלאַצן, און דו הייבסט זיך אָן צו בייזערן אינעם טויטן טרייבל אַריין, ביז ס'ווערט דיר נמאס דער גאַנצער פאַנטאַסטישער געדאַנק צו רעדן טעלעפאָניש אין אַן אָקו־פירט לאַנד. איך האָב אָבער נישט אָפּגעלאָזן, אַזוי ווי מיין גאַנץ לעבן איז געהאַנגען אויף דער פאַרבינדונג. אַ גאַנצע שעה איז פאַריבער און איך האָב דעם ראַביי געקראָגן און ער האָט מיך געבעטן צופאָרן.

איך כאַפּ זיך אַרויף אויף אַן אונרראַ-אויטאָמאָביל און פאָר. וואָס זאָל איך ביי אים בעטן? מבטל זיין דעם פּסק-דין, אַז מיר זאָלן אַרויספאָרן? פאַרוואָס נישט? ווען ער וויל, קען ער דאָס אויספועלן. ס'איז דאָך בלויז אין די קלייניקע ביוראָעלעך פון די קלייניקע טשינאָווניקלעך, וווּ ס'איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צו באַנייען אונדזער טערמין. ס'וואָלט געווען אַ זיס שטיקעלע נצחון. זאָל סימפּאַטיע מיט יידן נישט זיין קיין זינד, פאַר וועלכער ס'קומט כרת.

אַלנפאַלס אפשר וועט ער קענען קריגן פאַר אונדז אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען אין דער ענגלישער זאָנע, אין בערגען־בעלזען, וווּ מ'האָט אונדז איינגעלאַדן דורך שליחים און בריוו.

כ'קום אַריין אין זיין ביוראָ. אַ פאָרשטייער פון „דזשאָינט“ קומט מיר אַנטקעגן מיט אַ רחמנות־פּנים. דער ראַביי אַליין נעמט מיך דאַן אַריין אין זיין חדר מיוחד. ער פרעגט מיך אויס וועגן מיין משפחה. ער דערמאָנט ווי מיר האָבן זיך געטראָפן אַמאָל אין אַ זומער־פּלאַץ. איך קום צום עצם הענין. ער קען גאָרנישט טאָן. ער איז נאָך אַ פרישער מענטש.

פאָר איך צוריק. זיצן מיר ווייטער אין דורכגאַנג מיט אונדזערע קלו־מאָקעס. וואָס-זשע זאָלן מיר איצט טאָן? ס'איז נאָך לאַנג ביז אָוונט, ביז דער וואָקזאַל וועט זיך עפענען און מיר וועלן קענען אין צוג אַריין.

יאָ, מיר האָבן אַן אדרעס פונעם אַלטן רב פון פראַנקפורט. ווען מיר זיך זען מיט אַ יידן און הערן עפּעס אַ וואָרט וועגן דער קהילה, וואָס אַמאָל האָט זי געגרעשט און געשמט מיט איר אָרטאָדאָקסישער יידישקייט. און אפשר קען ער עפּעס אויפטאָן פאַר אונדז.

בלאָנקען מיר אַרום אין דער רואינירטער, טויטער שטאָט, ביז ענד־לעך מיר קומען אָן אין אַ טויט הויז. מיר דראַפּען זיך אַרויף אויפן דריטן שטאָק. דאָרט איז דער בית הרב. אַ מיידל קלאַפּט אויף אַ שרייבמאַשין. זי קומט אַריבער און הייסט אונדז וואַרטן. פון אַ זייטיקן צימער קומט אַ ריח פון געקאָכטע פיש. הונגעריק זענען מיר. אפשר וועט דער רב אונדז מיט עפּעס מכבד זיין. אפשר וועט ער אונדז איינלאַדן צו מיטאָג.

אַ צימער עפנט זיך אויף און מיר גייען אַריין. דער רב — אַן עלטע־רער ייד מיט אַ יאַרמולקע און אַ גרוי בערדל — זיצט ביים שרייבטיש נעבן אַ טונקעלן פענצטער, און מיר זעצן זיך קעגן אים. יידיש, זאָגט ער, קען ער נישט; העברעאיש, זאָגט ער, יאָ; אָבער נישט דאָס מאָדערנע לשון, נאָר די שפּראַך פון ישעיה. און אָט באַווייזט ער זיינע ידיעות ציטירנדיק אַ פּסוק.

— וויפל יידן זענען דאָ אין פראַנקפורט?

— צוויי הונדערט און פופציק גאַנצע יידן און דריי הונדערט און פופציק האַלבע יידן.

עפּעס האָט דער ענטפער אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ מעסער און געשניטן פיש. גאַנצע פיש. האַלבע פיש.

כ'האָב אים געוואָלט אויספרעגן וועגן דעם לעבן פון די יידן: זייער באַשעפטיקונג, זייער קולטור, זייערע אָרגאַניזאַציעס, זייערע שטרעבונ־גען. אָבער עפּעס איז געשטאַנען אַ טונקעלע וואַנט צווישן דעם רב און אונדז. ס'האָט געוויייעט אַ ווינט פון פרעמדקייט. נישט ער האָט געפרעגט: ווער מיר זענען, וואָס מיר טוען דאָ? און נישט מיר האָבן געזאָגט. מיר זענען געווען בלויז צוויי עקזעמפּלאַרן פון אָסט־יידן, צו וועלכע קענטיק ער באַציט זיך נאָך אַלץ מיט ביטול. מיר האָט זיך אויך געדוכט, אַז ער אינטערעסירט זיך נישט בכלל אין לעבעדיקע פּראָבלעמען, אַז ער זיצט נעבעך, און ווייסט נישט, אַז ער זיצט — אויף זיינע אייגענע רואינען.

און דאָס איז געווען פראַנקפורט, די שטאָט פונעם קאַבאַליסטישן של"ה, און פון אברהם גייגער און שמשון רפאל הירש.

מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אונדז געוויזן מיט שטאָלץ זיין ביבליאָטעק, זיינע מקראות גדולות, זיין אוצר ישראל. אויף אַ טישל איז געלעגן אַ שווערער און חשובער פּנקס, שיין געבונדן, פון דער פראַנקפורטער קהילה.

די קהילה געשטאָרבן, אַ פּנקס געבליבן.

גייען מיר אַרויס, און וואָס טוט מען איצט? שוין ביידע, אַ ראַביי און אַ רב, געזען. און הונגעריק זענען מיר, און דאָס לעצטע ברעקעלע האָפענונג אויף אַ שטיקעלע נצחון איבערן בחורל פון באַלטימאָר איז שוין אויך פאַרשוווּנדן. בלאָנקען מיר ווייטער, ווו איז ערגעץ אַ דאַך, אַ הויז, אַ פריינט? מיר זעצן זיך אַוועק אויף אַ רואינע, שווייגנדיק, מיד און טריב.

און דאָ נישט ווייט איז דער לאַגער ציילסהיים, ווו מען וואַרט אויף אונדז, ווו מען וואָלט זיך דערפרייט מיט אונז. אָבער מען האָט אונדז פאַרזיגלט די ליפּן, ווי מען פאַרזיגלט אַ פראַכט-וואַגאָן: נישט אויפצועפענען ביז פראַנקרייך.

הין און הער אין די טויטע זוניקע גאַסן, צוויי הונגעריקע, מידע, אין חרם געלייגטע יידן. ס'איז איינער פון מיינע בעסטע טעג.

:: :: ::

דער צוג, געפּאַקט מיט סאָלדאַטן, לאָזט זיך אַרויס אויף זיין איבערנאַכטיקן וועג קיין פּאַריז. איך שטיי ביים פענצטער. ס'איז ניין אַזייגער אין אָוונט, אָבער דער בין-השמשות גרויט נאָך אין דרויסן.

מיר פאָרן פאַרביי דייטשע שטעט, וועלכע ליגן אונדז גוט אין זכרון, נאָך פונעם ערשטן און צווייטן קרייץ-צוג. טויזנט יאָר פאַראיבער, און די דייטשע טייוולאַנישע שנאה צו יידן האַלט אין איין פלאַקערן. איז ווי לאַנג דאַרף אונדז די געשיכטע עפּעס אויסלערנען?

זעט, וואָס פאַר אַ שיינע גרינע פעלדער, אָנגעפּיקעוועט מיט רויטע מאָן-בלימעלעך, וואָס ציען זיך ווי פייערדיקע טייכן און אָזערעס. כ'האָב

נאָך אַזעלכע פעלדער אין ערגעץ נישט געזען.
וואָס־זשע זאָל איך אייך ווינטשן, איר רוצחים פון מיין פאָלק, אַט די לעצטע נאַכט פון מיין זיין דאָ? זאָל איך שעלטן אייערע פעלדער, אַז זיי זאָלן איינגעטרוקנט ווערן, אָדער די אייטערס פון אייערע רינדער, אַז זיי זאָלן איינגעשרומפן ווערן? ניין. נאָר דאָס: אַז עס זאָל אייער ערד זיין שפעדיק אָנגעלאָדן מיט כל טוב, אָבער אין יעדער פרוכט פון ערד און בוים זאָלט איר דערפילן דעם ביטערן, געזאַלצענעם טעם פון אונדזער בלוט, וואָס איז דאָ פאַרגאָסן געוואָרן. און שווער מיט מילך זאָלן זיין די אייטערס פון אייער פי, נאָר אין יעדן טראָפּן מילך זאָל זיך פלעקן אַ טראָפּן בלוט. און אַ גרויסע שטילקייט זאָל הערשן איבער אייערע פעלדער, נאָר אין דער שטילקייט זאָלט איר הערן, תמיד הערן, דאָס געשריי פון אַ געקוילעט פאָלק, ביז געטריבן צום וואַנזין, וועט איר לויפן פון אייערע שטעט און דערפער. ס'וועט קיין פיינט אייך נישט נאָכיאָגן, און איר וועט דאָך לויפן, לויפן, לויפן, פון אייער אויפגעוואַכטן צעשריענעם געוויסן. אפשר איז עס דאָך אַ שטיקל ברכה.
איך גיי אַריין אַוועקליינען דעם קאָפּ אויף אַ קלומאַק.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

מאָרגן פרי — אין פּאַריז

31סטער מאַי.

מיר זענען פאַרפאָרן צו אַן אונררא־קוואַרטיר, אָבער נאָר דריי טעג האָבן מיר געקענט איינשטיין, ווייל אונדזער שייכות מיט אונררא האָט זיך געענדיקט. אויס אָפּיצירן, אויס מונדירן. בינתים האָבן מיר זיך פאַר־בונדן מיטן פאַריזער ביוראָ פונעם יידישן קאָנגרעס און ער האָט אונדז בכבוד גדול גענומען אונטער זיינע פליגלען.

אַרום אונדז קאָכט די וועלט־שטאָט. קיין רואינען זענען אין פּאַריז נישטאָ. די שטאָט איז אינגאַנצן אומבאַשעדיקט. מענטשן זיצן נאָך אַלץ

אין די אָפענע קאַפעען ביי די טישלעך און טרינקען דעם אַפּעריטיוו. און עסן קריגט מען, וואָס נאָר מען וויל. ס'הייסט טעאָרעטיש קריגט מען גאָר־נישט, אָבער פּאַקטיש, אויפן שווארצן מארק, קריגט מען אַלץ. ס'קאָסט נאָר טייער. ס'הייסט טייער! תרפ"ט אַלפּים פראַנק אַ אַנבייסן.

קאָכט זיך די עקאָנאָמיע, און ס'קאָכט זיך די פּאָליטיק. באַלד קומען פאַר די פראַנצויזישע וואַלן, און אַ נייע קאָנסטיטוציע וועט געגעבן ווערן דעם פראַנצויזישן פאָלק. לעאָן בלום איז דער העלד פון טאָג, געקומען צו־ריק פון אַמעריקע מיט אַ הלוואה, געראַטעוועט פראַנקרייך.

און ס'קאָכט זיך אויך די יידישע פּאָליטיק. די קאָמוניסטן און בונ־דיסטן שרייען הייזעריק די אַלטע לאָזונגען. ס'האָט זיי אונדזער גרויסער בראָך גאָרנישט געלערנט, אַזוי ווי גאָרנישט אָנגערירט.

און אָט האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן אין האָטעל, אָנגעפלויגן ערשט היינט פון אַמעריקע, און היינט אָוונט פליט ער שוין אַוועק קיין צפון־אַפ־ריקע. די הימלען זע:ען אָפן. פליט מען פון איין עק וועלט צום אַנדערן, אַמאָל צוליב אַ ענין וואָס איז אינגאַנצן גרויס ווי אַ גענעץ.

נאָר די העברעער זענען דאָ שטיל ווי גראָז. ס'איז נישטאָ קיין איין ריכטיקע העבראַישע שולע אין גאַנץ פראַנקרייך. און ס'גייט דאָ אַרויס אַ בידנער חודש־בלאַט „מחברות". און שטיל איז דאָ דער ציוניזם, אָן יוגנט, אָן אימפּעט, אָן לעבן.

ס'וואָלט באַדאַרפט קומען אהער אַ ענערגישער מענטש און אָרגאַ־ניזירן העבראַישע שולן אין יעדער פראַנצויזישער קהילה, איבערהויפּט דאָ אין פּאַריז, און אין אַלגעמיין אַריינבלאָזן אַ נייעם לעבעדיקן גייסט אין די טויטע נאָזלעכער און ראַטעווען הונדערט און אַכציק טויזנט יידן פון אַסימילאַציע און אומקום. מיר האָבן דאָך אַזוי פיל פאַרלוירן, מוז מען דערוואַרעמען און אויפלעבן יעדן שטיקעלע „יש", ווו נאָר עס געפינט זיך.

איז גוט כאָטש, וואָס אַנדערע קאָכן זיך. דאָס אויג ווערט פאַרכאַפּט, אַמאָל אויך אַ אויער. איך לאָז דערווייל דאָס האַרץ מיינס צורו.

מיר נעמען אָן איינלאַדונגען פונעם פאַראייניקטן קולטור־פאַרבאַנד, פונעם קינסטלער־פאַראיין, און פאַרשטייט זיך פונעם יידישן קאָנגרעס. און אַז עס קומט צום רעדן צו אַ קבלת פּנים, קען איך נישט. איך זאָג אַ

פאַר ווערטער, לייען אַ ליד, און נישט מער. וואָרום ווו זאָל איך אַנהייבן און ווי אַזוי ווייטער גיין, אַז דאָס האַרץ לאָזט נאָך דעם געדאַנק נישט צו, אַז איך טראָג אין זיך אַ שווערן קרוג מיט נאָך נישט אָפּגעזעצטע הייוון.

ווי לייכט עס איז מיר אָנגעקומען צו רעדן דאָרט, אין די לאַגערן, צו די מענטשן פון ליידן, און ווי שווער עס איז מיר צו רעדן דאָ וו ע ג ן זיי! ווי שווער עס איז מיר צו פאַרוואַנדלען די שארית הפליטה פון אַ נוכח אין אַ ניסתר.

אַ באַקאַנטע, אַ מאַלערין, וואָס האָט דורך די היטלער־יאָרן זיך אויס־באַהאַלטן אין אַ משוגעים־הויז, לאַדט מיך איין צו גיין מיט איר אין דער לוווער. איך דאַנק איר, אָבער איך קען איצט נישט די קונסט־שיינקייט אויפנעמען.

ס'פאַראינטערעסירן מיך אָבער די יידישע יתומים־הייזער. מען האָט געבראַכט אַהער טויזנטער יתומימלעך, און די פאַרשידענע פאַרטייען האָבן זיך איינגעטיילט מיט זייערע נשמהלעך. אפילו די איידלסטע און הייליק־סטע געפילן ווערן פערדלעך אינעם רייטוואָגן פון דער אידעאָלאָגיע.

די הייזער, וואָס מיר האָבן געזען, זענען פּרעכטיקע ווילעס אויסער דער שטאָט. מען־דאַרף פאַרן עטלעכע שעה, ביז מען קומט צו זיי. און מען דאַרף אָפּגעבן כבוד די יעניקע, וואָס האָבן זיך געמיט, אַז די קינדער זאָלן איבערגעפירט ווערן אין אַזעלכע שיינע מקומות.

אָט זענען מיר אין אַ יתומים־הויז, וואָס געהערט צום פאַראיין, וואָס רופט זיך „אפּעדוש". אַ שטיינערנע, מאַסיווע, געביידע. מיר קומען אַריין און עס באַגריסט אונדז אַ וואַנט מיט די עשרת הדברות אויף פראַנצויזיש. פאַרוואָס נישט אויף העברעאיש? פאַרוואָס זאָל דאָס קינד נישט זען פאַר זיך יידישע אותיות און לינדערן זיך דאָס האַרץ מיט זיי און באַהעפטן זיין כוח הדמיון מיט די רמזים פון זייערע פאָרמען? שטיי איך און לערן זיך פראַנצויזיש דורך די עשרת הדברות, און עס גיט מיר אַ שנייד אַ וויי־טיק ביים כבד את אביך ואת אמך. ווו איז טאַטע, און ווו איז מאַמע, אין דעם יתומים־הויז?

די קינדערלעך זענען נישטאָ. זיי זענען אין דער פראַנצויזישער שולע. אָט אַזוי יעדן טאָג, אויסער דאָנערשטיק און זונטיק, ווען מען לערנט זיי

יידישע למודים אויפן שפיץ מעסער. און אזוי אין אלע יתומים-הייזער.

פון וואנעט קומען די קינדער? פון פעלדער און וועלדער, און אויך פון קלויסטערס. ס'זענען דא קינדער, וואס ווילן נאך אלץ נישט אנדערש נאר זיך איבערצלמען פארן שלאפן. זייער דערציאונג צוריק צו יידישקייט וועט פאדערן געדולדיקייט און ליבשאפט.

און אט איז אן אנדער יתומים-הויז. קינדערלעך האבן אפגעגעסן מי־טאג און צעגייען זיך. בלויז איינזיקע, זייער יונגע, בלייבן איבער. און זע, ווי זיי טוליען זיך צו א יונגער שווארץ-אויגיקער פרוי. זע, ווי זיי קלע־טערן איר אויף די אקסל, אויף די ארעמס, און באדעקן און באקרוינען זי ווי טייבעלעך. ס'איז די יונגע מאמע פונעם אנשטאלט. איר גאנצע משפחה האט זי פארלוירן אין ווארשע, אויך איר מאן און איר קינד. אליין איז זי געבליבן, מיט א גרויס מאמע-הארץ, וועמעס קאנאלן, וועלכע האבן איר שפע געזויגט, זענען אפגעשניטן. האט זי זיך פארבונדן מיט אן אונטער־ערדישער גרופע און זיך גענומען ראטעווען אנדערע קינדער. איין מיידעלע האט זי געפונען שוין טויט פארחלשט אין א שראנק. פון פעלדער און וועלדער, ווי מען קלייבט קארטאפל אדער יאגאדעס, האט זי צוזאמענגע־קליבן קינדערלעך, וואס האבן געהאט געשוואלענע בייכעלעך און שוואכע קלייניקע פיסעלעך, וואס האבן שוין נישט געדינט. זי האט זיך אויך פארבונדן מיט דאקטוירים און דורך זיי און אויך „אויף אייגענע וועגן" האט זי יידישע קינדערלעך פון קלויסטער געראטעוועט. און אט זענען איינזיקע פון זיי. ווי זיי טוליען זיך צו איר! זע, ווי איין קליין מיידעלע מיט ברוינע לאקן און א רונד ליבלעך פנימל, וואס איז ארויפגעקלע־טערט אויף איר פון הינטן העכער איבער די אנדערע, בייגט זיך איין אי־בער דער יונגער מאמעס קאפ, און קושט איר שטערן.

קוש זי, קינדעלע, אויך פאר מיר, אויך פאר אלע יידן.

און ס'קומט אריין א יונג בחורל, אין שטערן א לאך, איין זייט פון זיין פנים איינגעשניטן ביזן אויג אריין, און שראמען אהער און אהין. וואס איז מיט אים געשען? אין וואלד, וו ער איז אפגעווען איינס און א האלב יאר צוזאמען מיט די רוסישע פארטיזאנען, איז ער צעשאסן געווארן פון א מינע און געקראגן זיבעצן וואונדן. ניין חדשים איז ער אפגעלעגן אין

שפיטאָל און פיל מאָל אָפּערירט געוואָרן, כדי די שטיקלעך שטאָל און אייזן אַרויסצונעמען פון אים, ביז ער איז געקומען אַהער. ער צעבראַסטעט זיין ברוסט און שטרעקט אויס זיינע צעלעבערטע הענט און שטייט אַזוי אַנטבלויזט מיט אַלע זיינע וווּנדן: אַט זעט.

:: :: ::

5טער יוני.

אייראָפּעאישער סך-הכל — דריי שאַטנס. איבער מזרח־אייראָפּע, אַריינרעכענענדיק איצט אַזעלכע גרויסע יידישע קהילות ווי רומעניע און אונ־גאַרן — איזאָלאַציע. איבער מערב־אייראָפּע, ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד — אַסימילאַציע. און אין מיטן, איבער די יידן אין דייטשלאַנד — הונ־גער, פיזישער און גייסטיקער הונגער.

און דאַכט זיך איין גוטער שטראַל וואָלט די אַלע שאַטנס פאַרטריבן.

:: :: ::

9טער יוני.

נעכטן אָוונט האָט דער יידישער קאָנגרעס אונדז געגעבן אַ קבלת־פּנים אין אַ גרויסן זאַל. היינט דאַרפן מיר אַראָנזשירן אונדזער אָפּפאָר.

איך וואָלט זייער וועלן פאָרן פון דאַנעט קיין ארץ ישראל. ס'איז אָבער ביי מיר אַ פראַגע, אויב איך בין מסוגל, אין מיין איצטיקער שטי־מונג, אויפצונעמען דעם אויפבראויז און די גבורה פון ארץ ישראל, און טאָמער וועט דאָס נישט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק פון דער שארית הפליטה.

ציטערנדיק, ווי אַ מאַמע איבער איר בן־יחידל, טראָג איך דעם צער פון די לאַגערן.

:: :: ::

זיצט אַ פרוי און דערציילט:

דאָס ערגסטע איז געווען דער הונגער. מען האָט געכאַפּט פליגן און זיי איינגעשלונגען. מען האָט זייגערלעך אָוועקגעגעבן פאַר אַ קאַרטאָפל־שאָלעכץ. איינמאָל האָב איך דערזען אויף דער ערד אַ שקאַרינקע ברויט און עס אויפגעהויבן. האָט מען מיך אַוועקגעשטעלט באָרוויס אויפן שניי, און אַזוי בין איך געשטאַנען פון זעקס אין דער פרי ביז זעקס אין אָוונט.

נאָכדעם האָט מען מיך מכבד געווען מיט פינף און צוואַנציק שמיץ און געשיקט צו מיר אַ דאָקטאָר. נאָר איך האָב אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים. כ׳האָב געוואָלט שטאַרבן. כ׳בין אַריינגעלאָפן צו אַ פריינט, וואָס איז געלעגן אין טיפוס און האָב אויסגעלעקט זיין טעלער און אַנגעטאָן זיין שוויי־סיק העמד, און געלאָפן צו מיר אין בונקער, כדי זיך אויך אַוועקלייגן אין טיפוס און שטאַרבן. דער מלאך המוות האָט צו מיר נישט געוואָלט קומען.

:: :: ::

דרייצנטער יוני. פינף אזייגער נאכמיטאג.

ענדלעך פליען מיר אָפּ. דוכט זיך, דאָס זעלבע מיידל, וואָס האָט אונדז איינגעהילט אין בלויע קאָלדרעס אויף דער לופט־שיף, ווען מיר זענען אָפּגעפלויגן קיין איראָפּע. ווי לאַנג צוריק? צען וואָכן אָדער צען יאָר?

ביזן לעצטן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן ארץ ישראל. אַ יונגע פרוי, וועמעס כמעט לעגענדאַרישע אַרבעט פאַר עליה וועט נאָך באַזונגען ווערן, האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיר באַזאָרגן די נויטיקע פּאַפּירן. אָבער, דערוויסנדיק זיך, אַז אַן ענגלישע צייטונג אין ניו־יאָרק האָט געדרוקט אַן אָנפאַל, פאַרוואָס מיר האָבן באַדאַרפט פאַרלאָזן די לאַגערן, און אַז ד״ר ווייז און לאַגוואַרדיאַ וואַרטן אויף אונדז, כדי צו באַקומען אַן ערשט־האַנטיקע ידיעה וועגן די פאַקטן, האָב איך באַשלאָסן צוריקצופאָרן.

האָבן מיר זיך דעם עלפטן יוני אין דער פרי אין פּאַריזער וואָקזאַל געזעגנט מיט חברים און אַרויסגעפאָרן מיטן באַן. נאָכדעם זענען מיר געפאָרן מיטן שיף איבערן ענגלישן קאַנאַל, וועלכער האָט מיך אַנטטוישט מיט זיין סטאַטעטשנעקייט. און אָט זענען מיר אָפּגעפלויגן פון לאָנדאָן און פאַרלאָזן אינגאַנצן די אַלטע מכשפה — איראָפּע.

די זון איז נאָך הויך און גליענדיק, כאָטש אונדזער שטאָלענער פויגל פליט אַזוי גלייך צו איר מיט מעכטיקע אויגן. כ׳וואַרף צוריק דעם קאָפּ אויפן שטול. ס׳פאַרמירט זיך ביי מיר אַזאַ מאָדנע פראַגע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וועבן נאָך אין פּאַריז: וואָס איז דער שארית הפליטה מענטש? און ווירקלעך, ס׳איז דאָך נישט מעגלעך, אַז די היטלער־יאָרן זענען פאַר־

איבער אינגאנצן אָן אַ ירושה פון מעלות און חסרונות. וואָס־זשע זענען זיי, די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטריכן?

ניין, נישט איצט. מיר לאַנדן דאָ באַלד אין אירלאַנד. דאָס מיידל מיילט אויס קיי־גומע. מיר קומען אָן אין שאַנאָן. מיר גייען אריין אין וואָקזאַל עסן אָוונטברויט. מען אַנאָנסירט, אַז מחמת דער וועטער־אומזיכערקייט קענען מיר נאָך נישט ווייטער פליען. וואַרטן מיר אין גרויסן זאַל.

אין ווינקל איז דאָ אַ קלייטל מיט צייטונגען, סיגאַרעטן, שאָקאָלאַד און אויך אירלענדישע קאָלדרעס. חבר לייוויק גייט צו, באַטאַפּט אַ קאָלדרע, גייט פאַרביי היין און צוריק מיט זשעדנע אויגן, גייט צו נאָכאַמאָל, אַביסל דרייסטער, שלעפּט זי אַרויס, צעשפּרייט זי אַרום זיך אַזוי ווי ער וואָלט וועלן מאַכן פון איר עפּעס אַ קליידל. יאָ, ער קויפט — אַ מתנה פאַרן ווינגעלע פון זיין ניי־געבוירן אייניקל.

9,35. מיר פליען ווייטער. די רויטע זון זינקט, אָבער מיר פליען אַזוי שנעל אַז מיר לאָזן זי נישט אַרונטערזינקען. שוין צען, צען און אַ האַלב, און זי שטייט נאָך אַלץ ביים ראַנד. ווען די שיף פליט אַביסעלע שנעלער, וואָלטן מיר אפשר געזען ווי די זון הייבט זיך און גייט צוריקוועגס. עלף אַזייגער, ס'איז נאָך אַלץ שקיעה. אפשר וועט היינטיקע נאַכט קיין נאַכט נישט זיין, בלויז שקיעה, און מאָרגן וועט זיך די זון דרייען צוריק, אַלץ וועט זיך צוריקדרייען, אויפדרייען און זיך אויפלייזן?

פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע שטריכן. יאָ, אָבער אַלץ איז צוזאַמענגעהעפט און געפלאָכטן, און פילע נעגאַטיווע פירן צו פּאָזיטיווע שטריכן און ווערן פאַרוואַנדלט אין זיי. אַלנפאַלס, איך בין זיכער, אַז די מעלות וועגן איבער.

שטעלט אייך פאָר אַ קליין ייִנגעלע, וואָס ווערט געיאָגט ווי אַ חיהלע פון אַ נאַצי. דעם נאַצים קוילן קראַכן, און דאָס ייִנגעלע לויפט אריין אין אַ חורבה. דער נאַצי קומט אָן, שפּרינגט דאָס ייִנגעלע איבער אַ פּלויט, קריכט אַריין אין אַ נאָרע, פאַרלירט זיך אין אַ וועלדל. און די קוילן האַלטן אין איין קראַכן. איז בשעת דעם ייִנגעלעס נשמה פּלאָטערט צווישן לעבן און טויט, גנבענען זיך אַריין צוויי געפילן, וואָס קענען זיך צעוואַקסן און

דעם יינגעלע פסיכישן שאָדן אָנטאָן, אָדער, אונטער גינסטיקע אומשטענדן, צעגיין ווי שאָטנס אונטער אַ זון.

געיאָגטקייט (די וועלט איז אַ שונא) און ביטערקייט (אויב נישט ביסטו אַ פאַרלוירענער).

און נישט נאָר דאָס יינגעלע. דער מלאך המוות האָט זיך דאָך נאָך זיי אַלע געיאָגט. און נישט נאָר איינמאָל, נאָר די גאַנצע צייט, אָן אַן אויפהער.

רעכנט מען נאָך אַריין דעם שטענדיקן הונגער, וואָס האָט אפשר אייניקע פון זיי אַביסעלע פאַרהאַרטעוועט און אויך דעם טיפערן מאַן-און-פרוי־הונגער און די צניעות, וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן פון די אומ־ריינע אויגן פונעם שונא, האָט מען דורכט זיך דעם גאַנצן נעגאַטיוון קאָמ-פּלעקס. און די נשמה אַליין וויינט אין דער שטיל אויף אירע פּנימות. און אין ארץ ישראל, אין אַ וואַרימער, ברידערלעכער און זיכערער סביבה וועלן זיי געהיילט ווערן.

אָבער וויפל שיינקייט און שטאַרקייט ליגן און וואַרטן אין זייערע דורכגעליטענע נשמות.

ראשית, זייער שטילער שטאָלצירן אַלס שארית הפליטה, זייער אַריס־טאָקראַטיע פון צער, וואָס זוכט זיך דאָך נישט צו דערוויטערן, נאָר, גראַד פאַרקערט, זיך צו דערנענטערן, און אויך זייער כמעט רעליגיעזער געפיל פון נס. דאָס אַלץ טראָגט אין זיך מעגלעכקייטן פון מאָראַלישע התחייבותן און שיינקייטן.

דערפאַר, און אויך צוליב אַנדערע טעמים, וועגן וועלכע איך האָב שוין גערעדט, זענען זיי תמיד גרייט אייך אַלץ אויסצודערציילן, מיט אַ פאַרגאַפטקייט, מיט פרישן וווּנדער, און מיט אַ סענסיוויטעט, וואָס שפרינגט צוריק פון יעדן ריר און האָט דאָך פון אים אַ ווייטיקדיקע הנאה, אַ ציטעריקייט, וואָס צעשרייט זיך פון שרעק, ווען איינער קוקט אַריין און עפנט דאָך טיר און טויער.

דערפאַר אויך טוליען זיי זיך צערטלעך, בן־יחידיק, יתומדיק צו יעדן איינעם, וואָס ווייזט זיי אַרוים אַביסל הערצלעכקייט, און זוכן קרובים אין דער גאָרער וועלט. דאָס אָפּגעריסענע בענקט נאָך באַהעפטונג. אָט אַזוי ווערט דער פחד און חשד־געפיל פון געיאָגטקייט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן

פליום: שעצונג און ליבע און התקרבות צום מענטשן וואס ליבט.

און זעט ווי סתירהדיקע געפילן פלעכטן זיך אריין איינער אין דעם אנדערן. צוזאמען מיט דער פרעמדקייט פון איינעם לגבי דעם אנדערן, געבוירן אין די הונגער־ראנגלענישן איבער א רעפטל ברויט, איז אויך געוועזן און איז דא אויך היינט א גרויסער כלל־געפיל און א קאלעקטיווע פאראנטווארטלעכקייט. ווען איינער אין די קאצעטן האט זיך גענענט צום תהום פון דעגענעראציע, פלעגן אנדערע אנשרייען אויף אים: די אויגן פון דער גאנצער וועלט קוקן אויף אונדז. און אמאל איז דאס געפיל געשטיגן אפילו צו זעלבסט־אפפערונג, א שטייגער ווי אין דעם פאל, ווען איין העפטלינג האט אויף זיך גענומען די שולד אויך פון אנדערע, וואס מען האט געפונען ביי זיי מאפעס און צייכענונגען פונעם לאגער, און איז אליין געגאנגען צו דער תליה. און אויך היינט. ווארום וואס דען האט געשאפן און האלט אויף דעם גאנצן ארגאנישן געוועב פון פאך־שולן און קונסט־אונטערנעמונגען און פארשידענע קאמיטעטן, אונטער אומשטענדן וואס רייסן די נערוון אויף שטיקער און שטופן צו דעגענעראציע, און פונאנדערפאל, אויב נישט דאס געבענטשטע געפיל פון כלל־אחריות?

און שטארקע בויענדיקע כוחות ליגן אין די נשמה־טיפענישן פון דער שארית הפליטה. טאקע די זעלביקע נעגאטיווע פארהארטעוועטקייט, וואס האט געזען מענטשן אויסגיין אויף די תליות און פאלן ווי זאנגען אין שניט, קען ווערן די טרייב־קראפט און דער מעכטיקער געזאנג פון א מארש צו אויפבוי פון זיך און פון פאלק. זיי האבן דאך שוין פאר גארנישט קיין מורא נישט. טויט? זיי האבן געלעבט מיט אים. ער איז געוועזן זייער ברויט און זייער אויסגעבעטע בעט. צו מאטערניש זענען זיי שוין אויך צוגעוווינט. זאל מען נאר זיי לאזן אין לאנד אריין, וועט קיין ארבעט נישט שווער זיין פאר זיי נאך דער היטלער־ארבעט.

ווארום איין הלכה האבן זיי גרינטלעך דורכגעלערנט דארטן אין די קאצעטן אויף דער סעלעקציע צווישן רעכטס און לינקס און פארנאכט אויף די משופעדיקע דעכלעך פון די בונקערס, נעמלעך, אז גלות איז פריער אדער שפעטער אונטערגאנג. זיי ווילן אפילו אט די טייער־באצאלטע לערע אריבערווארפן איבערן אקעאן — קיין אמעריקע. זיי זענען גלות־מיד. אט

אזוי ווערט אויך דאָס נעגאַטיווע געפיל, אַז די וועלט איז אַ שונא און דער אָפּגעשטאָרבענער גלויבן אין פעלקער-הבטחות אַ פּאָזיטיווע און מעכטיקע שטרעבונג צו דער ענדגילטיקער גאולה, ווען זיי וועלן מיט געזאַנג טראָגן שטיינער פאַר זייערע אייגענע בנינים, און מיט פריידיקע טרערן קושן זייער אייגענע צעאַקערטע ערד.

און דער וואונדער פון אַלע וואונדער איז כוח פון אמונה, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן דורך די לאַנגע שווערע יאָרן פון פּיין. היטלער האָט היסטעריש געבאָרבלט: „ס'וועט קיין איין ייד נישט בלייבן אויסער אין אַ מוזעאום", און „אַ צווייטער פּורים וועט פאַר די יידן נישט זיין". און ער איז געווען אַן אומר ועושה. און דאָך זענען זיי זיכער געווען, אַז זיי וועלן אים איבערלעבן. פון וואַנעט האָט זיך ביי זיי גענומען אַזאַ גלויביקייט? פון וואָס האָט זי זיך גענערט? דער גאַנצער אַרום האָט דאָך אָפּגעלאַכט פון אַזאַ בלינדער אמונה. ס'איז געווען אַ נס מן השמים; און עס האָט זיי ביים לעבן אויפגעהאַלטן. ס'זענען געווען יידן, ווי די פרוי פון פּאַריז, ווי דאָס מיידל פון פּערענוואַלד, ווי דער וואַרשעווער בן-תורה פון לאַנדסבערג, וואָס האָבן געוואָלט שטאַרבן. און דאָך האָבן זיי אַלע געזונגען „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", און אפילו מאַרשירט צום טויט מיט אַ דערהויבענעם געזאַנג — וואָס האָט אויסגעשריגן זייער טריאומף איבער די נישטיקע פּייניקער; — מיטן געזאַנג פון אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח! דערפאַר האָבן זיך געפונען העפטלינגע, וואָס האָבן אונטער היטלערס ממשלה געקליבן ליידן-מאַטעריאַל און עס באַגראָבן אין פלעשער, כדי מ'זאָל עס אויסגראָבן אין פרייהייט. און אין איין לאַגער האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ יונגן ייד, קאַדיש הייסט ער, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ קליינינקע פאָטאָגראַפיע-מאַשינקע און עס אַריינגעקנעפּלט אין זיין קאַמעזויל און אַראָפּגענומען בילדער פון אַלע מעשים תעתועים, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אַרום אים, זיינע טויזנטער פאָטאָגראַפיעס זענען טאַקע נאָכדעם באַנוצט געוואָרן אַלס דאָקומענטן ביים נירנבערגער פּראָצעס. אַזוי שטאַרק איז געווען זייער אמונה אין נצח ישראל. און פון דעם ניסימדיקן קוואַל ציען זיי נאָך אַלץ מוט און האָפענונג.

אָבער עס יערט און עס קאָכט טיף אין זייער האַרץ אַ גאַליקע ביטערקייט. אַזוי פיל געליטן, אַזוי פיל נפשות אָנגעווירן, און ס'רייסט זיך ווי פון קייטן אַ נאַטירלעכער אינסטינקט — נקמה! און יעקבס הענט זענען נישט עשוש הענט. און ס'איז באמת נישטאָ קיין נקמה. ווי אַזוי נקמה נעמען פאַר זעקס מיליאָן הרוגים און פאַר די צעוווּנדעטע נשמות פון די איבערגעבליבענע? נישטאָ קיין פאַרגיטיקונג, קיין באַצאָלונג פאַר אונדזער בראָך.

און מען האַלט זיי נאָך אַלץ צווישן זייערע אומברענגער, צווישן די קרעמאַטאָריומס, וווּ זייערע עלטערן און קינדער זענען מיט פלאַמען אויפגעגאַנגען, אויף אַן ערד, וווּ זיי טרעטן ממש אויף די קנאָכן פון זייערע ברידער און שוועסטער, און די ביטערקייט שטייגט און גיסט זיך איבער. קען דאָס אויך אַ שטאַרקנדיקער ווײַן זײַן. אָבער ווען די האָפענונג ציט זיך ווי אַ גומענער פאָדים ביז צום פּלאַצן, איז דען נישט מעגלעך אַז די אומגעזעטיקטע נקמה וועט זיך פאַרוואַנדלען אין זײַן סאַמען היפוך, און די יידן וועלן זיך צעוואַרפן איבער דײַטשע שטעט און דערפלעך און געבן זייער זאָמען צו די דײַטשן און דורות צו זייערע פאַרניכטער, און ס'וועט זײַן אַזאַ מאָראַלישער פונאַנדערפאַל און אַזאַ גראָטעסקער שפּיל, אַז דער גורל אונדזערער וועט באַדאַרפן באַהאַלטן זײַן פנים פאַר שאַנדע, און פון נצח ישראל וועט זיך אויסלאָזן אַ חוזק?

:: :: ::

כ'האָב געעפנט די אויגן. ס'איז שוין שטאָק-פינצטער אין דרויסן. כ'האָב אַרײַנגעגראָבן מײַנע אויגן אין פענצטער אַרײַן און ביסלעכווײַז דערזען דעם תהו ובהו פון דער וועלט. אונטער אונדז — גרויע און שוואַרצע וואָלקן-פּלאַכטעס, וואָס האָבן זיך געדרייט און געקנוילט ווי אין שטורעם. הויך איבער אונדז — אַ שטילער בלויער הימל. און קענען אונדז האָבן זיך געוואָרפן ווי מלאכי חבלה מחנות וואָלקנס, וואָס זענען פאַרבײַגעלאָפן און זיך אָנגעריבן ביים ברעג פליגל פון אונדזער שיף, אַזוי אַז בײַ יעדן רייב האָט אַ שטיק פײַער ווי אַ שקיעהדיקע זון אויפגעפלאַקערט. און פון

הינטן איז אויבן נאָכגעלאָפן אַ רונדע לבנה אַזוי ווי זי וואָלט זיך געיאָגט נאָך מיר מיט אַ וואָרט פון רחמים און תנחומים, און אַן אַנדערע לבנה האָט אָפּגעבליאַסקעט פון אונטן אינעם תהום צווישן די קנוילנדיקע וואָלקנס און האָט זיך געריײצט.

איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם תהו ובהו און פון די צוויי לבנות, וואָס לויפן מיר נאָך. כ'האָב געקוקט און געקוקט, און פּלוצים געפילט, ווי איך אַליין פלי אין דער וויסטער וועלט, מיט איין אויסגעשטרעקטן אָרעם קעגן די לויפנדיקע כמאַרעס, וואָס צינדן זיך אָן ביי מײַנע שפּיץ־פינגער, און מיט דעם אַנדערן אָרעם פּרעס איך צום האַרצן אַ וויי־געשריי פון דער שארית הפליטה. איך פלי דעמאָניש אין דער ווילדער נאַכט, און ערגעץ־ווו שלאָפט די וועלט.

:: :: ::

פערצנטער יוני. אכט איז דער פרי.

ניו־יאָרק. איך גיי אַרויס פון לופט־שיף, און שטיי אויף אַ רגע פאַר־וווּנדערט און פאַרגאַפט. איך קוק אויפן שטילן, רואיקן, זומערדיקן פרי־מאָרגן.

פרעסע-שטימען וועגן:

דאָס פוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

יעקב באַטאַשאַנסקי שרייבט וועגן מ. נודעלמאַנס בוך „געלעכטער דורך טרערן" („די פּרעסע", בוענאָס-איירעס, דעם 29סטן יאַנואַר 1947) צוו. אנד.:

דער ערשט-דערשינענער צענטער באַנד פון דער סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", וואָס דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פוילישע יידן אין אַרגענטינע גיט אַרויס, איז אַ בוך פעליעטאָנען פון מ. נודעלמאַן א. נ. „געלעכטער דורך טרערן".

מ. נודעלמאַן איז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען איינער פון די יינגסטע יידישע פעליעטאָניסטן און הומאָריסטן אין פוילן און נאָך דער מלחמה האָט ער זיך באַוויזן אַ טרויעריק-באַנייטער, אַ רייפער, אַ כאַקטישער און אַפילו אין אַ געוויסער מאָס אַן אייגנאַרטיקער.

עס איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז פון דעם פוילישן לאַנד, ווו מען האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן, זאָל קומען הומאָר און סאַטירע. עס איז זיך געווען שווער פאָרצושטעלן, אַז אין פוילן זאָל מען אויף יידיש לאַכן און אויסלאַכן און עס זאָל נישט נאָר נישט שאָקירן, נאָר עס זאָל אַ קוויק טאָן. מ. נודעלמאַן האָט באַלד אין זיין ערשטן פעליעטאָן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין לאָדזשער

„דאָס נייע לעבן" א. נ. „אַ פעליעטאָן — יאָ, אַ פעליעטאָן!.." דערוויזן, אַז מען קען אין היינטיקן פוילן לאַכן און עס זאָל דאָך נישט זיין קיין „לועג לרש". ער האָט דאָס דאָזיקע געקענט דערווייזן, ווייל ער איז קיין איין רגע נישט געווען קיין דרויסנדיקער. ער האָט מיטגעמאַכט דעם גאַנצן צאָרן. ער האָט זעקס יאָר נישט געשריבן קיין יידיש וואָרט פאַר א

יידישער צייטונג און ווען ער האָט געדאַרפט צום ערשטן מאָל אָנשרייבן אַ פעליעטאָן, האָט ער נישט געוווסט ווי אַזוי אים צו שרייבן און וואָס פאַר אַ נאָמען אים געבן. ער האָט אַזש באַשלאָסן צו אַרויסלאָזן דעם פעליע-טאָן אָן אַ נאָמען און נאָר מיט אַ גרויסן פרעגצייכן, האָט ער זיך אָבער געכאַפּט, אַז אין פוילן ווערט איצטער אַ יידישע דרוקעריי שווער קריגן אַ גרויסן פרעגצייכן... און נוצן עטלעכע קליינע פרעגצייכנס אָנשטאָט איין גרויסן, האָט ער אויך נישט געוואָלט, ווייל די קליינע פרעגצייכנס, האָט ער געוווסט ווער ער מוזן האָבן. ער ווייזט אָן אויף אַ סך שאלות, וואָס ער וועט פרעגן, אָבער איינע ברענט ממש אין האַרצן אַריין. ער האָט דאָך געמוזט פרעגן: „ווי לאַנג וועט נאָך אויסלאַנד דאַרפן זיך „באַקענען" מיט דער לאַגע פון די פוילישע יידן, ביז מען וועט ענדלעך זען אַ קאָנקרעטע אויפבוי-אַרבעט?" און ער האָט נישט גע-שטעלט נישט קיין גרויסן פרעגצייכן און נישט עטלעכע פרעגצייכנס און ער האָט געשריבן.

ווען צוזאַמען מיט די מיליטער-אָפּטיילונגען וואָס געפינען זיך אַ 15 קילאָמעטער פאַר בערלין, איז ער אַריין אינאיינעם מיט אַנדערע פוילי-שע אָפיצירן און סאָלדאַטן אין אַ דייטשער וווינונג, וואָס די באַלעבאַ-טים האָבן פריער פאַרלאָזט, האָבן זיך געוואַלגערט שטיקלעך קאָסמעטיק מיט אויפשריפטן „נור פיר דויטשע", „נור פיר וועהרמאַכט" און עס איז ווי אויף צו להכעיס געלעגן אַ האַלב קאַרטאָן בלעטל מיט די „עשרת הדב-רות", וואָס זענען געווען דווקא גע-שריבן אויף העברעאיש און וואָס האָ-בן זיך אָנגעהויבן מיט „לא תרצח". נודעלמאַנען האָט צונויפגעפירט דער געדאַנק, אַז פאַר זייף, וואָס מען מאַכט פון מענטשן-פעטס, דאַרף דער „זאָלסט נישט מאָרדן" דינען ווי אַן עטיקעט... מ. נודעלמאַן האָט דאָס אַלץ אויפגעשריבן און ער האָט דאָס געהייסן אָנרופן „אַ פעליעטאָן, יאָ אַ פעליעטאָן".

און איך וועל דאָ באַלד צוגעבן, אַז שוין מיטן ערשטן פעליעטאָן זיינעם האָט ער געמאַכט אַ רושם. מען האָט עפּעס באַלד דערפילט אין נודעלמאַ-נען אַ פאָרשטייער און אַ וואָרטזאָגער פון שארית הפליטה, וואָס ווייזט ווי אַזוי אָט די יידן ווילן לאַכן און אויס-לאַכן... זיי קענען נישט און טוען דאָס דאָך.

און אין משך פון אַ קורץ שטיקל צייט זענען נודעלמאַנס פעליעטאָנען געוואָרן דער גלייענטסטער מאַטע-ריאַל אין דער גאַנצער יידישער פרע-סע. מען האָט זיי איבערגעדרוקט אין פּראָ-סאָוועטישע און אַנטי-סאָוועטישע צייטונגען, אין ציוניסטישע און נישט ציוניסטישע. מען האָט דערפילט, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס ער שרייבט, איז אַלעמענס. עס איז דער טרויעריקער און בלוטיקער שפּאָס פון אַלע יידן אין פוילן. נודעלמאַן האָט אויסגע-לאַכט די הילף וואָס מען שיקט פון אַלע עקן אַמעריקע, ער האָט אויסגע-לאַכט די דעלעגאַטן, וואָס זענען גע-קומען קיין פוילן זען מיט די אייגענע אויגן און אָנטאַפּן מיט די אייגענע הענט און ער האָט אויסגעלאַכט די אַרטיקע יידישע ביוראָקראַטיע. און ער האָט נישט געדאַרפט צו שטאַרק אויסטראַכטן די סאַטירע און דעם הו-מאָר, ער האָט זיך געהאַלטן נישט

זוייט פון דער ווירקלעכקייט. ער זאָגט אין זיין הקדמה צום ערשטן בוך זיינעם, אַז אַ וויץ דאַרף זיין דער וועג צווישן ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע און ער דערציילט אַ שאַרפן וויץ, וואָס איז נישט ווייט פון דער ווירקלעכקייט. אַ פּראָווינצער ייד קומט אַריין אין „קאָמיטעט" און ער פרעגט דעם סעקרעטאַר ווי שפּעט עס איז, פרעגט אים דער סעקרעטאַר, צי ער איז רעגיסטרירט אין זיין קאָמיטעט און ווען יענער ענטפערט אים, אַז נישט, ענטפערט ער אים: „אויב אַזוי האָב איך קיין רעכט נישט צו זאָגן ווי שפּעט עס איז. איר געהערט צו וואַרשע"...

מ. נודעלמאַן האָט זיינע פעליעטאָנען פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען א. נ. „געלעכטער אין אַ זייט". אין בוך־פאָרם האָט ער זיי אַ נאָמען געגעבן „געלעכטער דורך טרערן".

אויסער דעם פאָרוואָרט פון מ. טורקאָוו, וואָס איז רעדאַקטאָר פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" און אויסער דעם פאָרוואָרט פון מחבר אליין האָט דאָס 250 זייטנדיקע בוך פאָלגנדיקע זעקס אָפּטיילונגען: 1) עס הייבט זיך אָן אַ נייַ לעבן; 2) היטלער־אַבוייעניש; 3) נחת פון דער וועלט; 4) אַמאָל איז געווען; 5) פריילעכער רעפּערטואַר; און טרויעריקע רעצענזיעס; און 6) מנחם מענדל עמיגראַנט.

דער פעליעטאָן „איך דער פּוילישער ייד" דערמאָנט מיט עפּעס אין שלום עליכמס „מיר איז גוט, איך בין אַ יתום", אָבער ער איז אַזוי רירנדיק עכט, אַז ער רופט אַרויס אַ טרויעריקן געלעכטער און מען דערפילט די בלוטיקייט פון דעם גאַנצן ענין. דער מחבר זאָגט, אַז ווען ער וואָלט געווען אַ האָלענדישער, אַ גריכישער, אָדער אַן אַנדער ייד, וואָלט אים געווען אָך און וויי, אָבער ווייל ער איז אַ פּוילישער ייד, איז אים גוט. פאַר אים מאַכט מען קאַמפּיינען, פאַר אים מאַכט מען הילפס־אַקציעס, פאַר אים האַלט מען אויס אָטעם מיט קאָמיטעטן, מיט אַפּאַראַטן. צוליב אים קויפן זיך מענטשן מצוות, צוליב אים קויפן זיך מענטשן כבוד און ער ענדיקט: אָבער פון דעם אַלעמען, ווען איך אַליין זאָל מיר אויך קענען עפּעס קויפן — וואָלט גאָר גוט געווען". דער דאָזיקער מאָטיוו קומט נאָך שטאַרקער צום אויסדרוק דורך דעם פעליעטאָן „יידן זאָרגט נישט, מען זאָרגט פאַר אייך". דער מחבר זאָגט איראָניש, אַז דאָס אייז האָט געפּלאַצט און די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אויסלאַנד האָט איינגעזען, אַז זי דאַרף עפּעס טאָן פאַר דער קליינער צאָל געראַטעוועטע ברידער און שוועסטער. און ער ברענגט אַ ריי טעלעגראַמעס פון אַלע עקן וועלט, וואָס דערציילן וועגן באַשלוסן צו העלפן די לעבנגעבליבענע טשענסטאָכאָווער יידן און אַרויסגעבן אַן אַלמאַנאַך, אָדער צו אַרויסגעבן אַ בראָשור וועגן סאָסנאָוויץ, אָדער גרינדן אין ניו־יאָרק אַ קלוב, ווו די ביאַליסטאָקער יידן וועלן זיך אַראָפּריידן פון די הערצער, אָדער מאַכן אין בוענאָס איירעס אַ טרויער־אָוונט מיט רעדעס וועגן די לובלינער יידן...

אין פעליעטאָן „דעלעגאַטן פאָרן, דעלעגאַטן קומען" שילדערט נודעלמאַן די רעדעס, וואָס מען האַלט לכבוד די געסט און די רעדעס, וואָס די געסט אַליין האַלטן. אַלץ איז מעכאַניש און קאָמיש און דאָך טראַגיש. די דעלע־

גאָטן קענען נישט געבן מערער וויפל זיי ברענגען. און ער גיט צו צום שלום, אַז די דעלעגאַטן דאַרפן אויף אים ניט קיין פאַריבל האָבן, אַ פעליעטאָניסט בלייבט דאָך שטענדיק אַ פעליעטאָניסט און — גיט ער צו — נישט אַלץ איז דאָ אויטענטיש, פאַראַן דאָ גוטע פינף פּראָצענט פאַנטאַזיע... דער דאָזיקער זאָג איז פאַקטיש אַ מאָטאָ צום בעסערן מאַטעריאַל פון בוך.

דער פעליעטאָן „יידן האָבן אין געטאָ אויך געלאַכט" איז אַן אינפאָרמאַמיווער און ער אַנטהאַלט וויצן, וואָס וועלן אַריינגיין אין פאָלקלאָר־זאַמלונגען פון דער גרויסער מוראַדיקער צייט און זיי וועלן דינען אַלס מאַטעריאַל צו שטודירן יידישע פסיכאָלאָגיע. יידן האָבן אין זייערע וויצן קליין געמאַכט היטלערן, כאָטש ער האָט זיי אומגעבראַכט אין דער גרעסטער צאָל. ווען אַ ייד האָט געגעבן אַ קליינע נדבה, אַ צווייער, אַ שטייגער, אָדער אַ דרייער, האָט מען אים געזאָגט, אַז „אַ צווייער ליגט אין דער ערד", „אַ דרייער ליגט אין דער ערד" און אַ „פירער" ליגט אויך אין דער ערד". אַ דייטשער נאַצי, דערציילט אַ וויץ, האָט געהאַט צוויי מעטער סחורה און ער האָט געוואָלט אויפנייען דעם „פירער" אַן אַנצוג. קיין שום דייטשער שניידער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערנעמען צו מאַכן פון דעם ווינציקן שטאָף אַן אַנצוג, אָבער אַ יידישער שניידער האָט זיך אונטערגענומען. און ווען דער דייטש האָט אים געפרעגט ווי אַזוי ער וועט דאָס מאַכן, האָט ער אים געענטפערט:

„ביי אייך איז דער „פירער" גרויס אָבער ביי אונדז יידן אין געטאָ איז דער „פירער" גאָר קליין.

אפילו די אייגענע קרבנות האָט מען באַגלייט מיט אַ בלוטיקן געלעכטער. געווען אין געטאָ אַ באַוווסטער משוגענער רובינשטיין, פלעג ער צוגיין צו אַן עגלה, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן ביז אַרויף מיט מתים און ער האָט צו זיי געזאָגט: „געדענקט חברים מתים, אַז נאָך דער סמאָטשע גאַס גייט דער וועג באַרג אַראָפּ, זייט פאָרזיכטיק, „האַלט ענק גוט!" און דעם בעל עגלה האָט ער איינגערוימט אין אויער, אַז עס איז ווי יענער האָט אַמאָל געזאָגט: „חתן, מאַך דיר לב (האַרץ!)"...

ווי די יידן האָבן עס געקענט לאַכן! זיי האָבן אויסגעלאַכט האַנס פראַנקס רחמנות, כאָטש געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן זייער אייגענעם לעבן. האַנס פראַנק, דער תלין פון דער וואַרשעווער גענעראַל גובערניע, האָט געגעבן אַ באַפעל צו אויסשיסן טויזנט יידן און ווען מען האָט אים רעפּאָרטירט, אַז מען האָט אויסגעשאָסן טויזנט איין ייד, דערציילן יידן, האָט ער געזאָגט: „אַך, אומשולדיקער קערל, אומזיסט איין ייד דערשאָסן!"

ווען היטלערן האָט אָנגעהויבן גיין שלעכט, האָט די יידישע וויץ־פאַבריק גענומען אַרבעטן. היטלער האָט גע־הייסן הימלערן און גערינגן, דערציילט דער וויץ, מאַכן אַ חשבון וויפל פּראָוויאַנט עס איז נאָך דאָ אין לאַנד, האָבן די צוויי מיניסטאָרן רעפּאָרטירט, אַז עס איז נאָך דאָ אַ רעזערוו אויף פינף יאָר. און ווען היטלער האָט געפרעגט, צי דאָס איז נאָר פאַר דער אַרמיי, אָדער אויך פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג, האָבן זיי געענטפערט: „מיר האָבן גענומען אין באַטראַכט בלויז אונדז דריי!"

„טלאָמאַצקע דרייצן" האָבן אין די אַלע צייטן אַלע באַשריבן מיט חוזק. אַפּילו ערנסטע שרייבער זענען געוואָרן הומאָריסטן, ווען זיי האָבן גענומען באַשרייבן טלאָמאַצקע דרייצן...

באַשעווויס האָט בעת דעם קריג באַשריבן אין „צוקונפט" דעם לאָקאַל פון **די אידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן** אין וואַרשע, האָט מוקדוני געהאַט טענות צו אים פאַרוואָס ער האָט געשריבן מיט חוזק וועגן קדושים. ז. סעגאַלאָוויטש האָט זיין בוך „טלאָמאַצקע דרייצן" געשריבן עלעגיש און אין טאָן פון אַ הספד. נודעלמאַן איז אַ הומאָריסט און ער האָט אָנגעשריבן אַ פאַרבענקט הומאָריסטישן פּעליעטאָן וועגן זיין גייסטיקער היים, וואָס איז געווען די גייסטיקע היים פון אַלע זיינע קאָלעגן און דער הומאָר איז אַ צאַרטער און אַזאַ טאַקטישער. נודעלמאַן שניידט נישט אין טויטן פלייש, ער בענקט מיט אַ שמייכל. ער פרעגט: „ווו נעמט מען, ווו נעמט מען דעם פאַריין פון טלאָמאַצקע דרייצן, וואָס אַלע האָבן אים באַרעדט און אַלע האָבן אים אַזוי שטאַרק ליב געהאַט". אויך נודעלמאַן „באַרעדט" דעם דאָזיקן פאַריין, אָבער — מיט וויפל ליבע!

אין זעלביקן טאָן באַשרייבט נודעלמאַן די „אַמאָליקע" וויצן־שרייבער, וואָס פלעגן צושיקן אַנעקדאָטן אין די הומאָריסטישע זייטן פון די וואַרשעווער צייטונגען. איינער פון זיי, ר' שלמה, האָט געקראָגן אַזויפיל ביכער־פרעמיעס, אַז ער האָט זיך אַזש געמאַכט אַ בוכהאַנדלונג. אַן אַנדערער, סענדערל, פלעג שיקן די זעלביקע וויצן צו אַלע צייטונגען און ווען אין אַלע צייטונגען זענען דערשינען די זעלביקע וויצן און מען האָט געהאַט צו אים אַ טענה, האָט ער געענטפערט„ הלמאי שיקן די נייעס־אַגענטורן די זעלביקע נייעסן צו אַלע צייטונגען? זיי האָבן נייעס־אַגענטורן און ער האָט וויצן־אַגענטור.

וועגן „מנחם מענדל עמיגראַנט", די סעריע, וואָס פאַרענדיקט דעם בוך און האַלט ערשט ביים אָנהויב, וועט נאָך אויסקומען צו ריידן, ווען זי וועט פאַרענדיקט ווערן. מיר וועלן דעם מחבר געבן, ווי מען זאָגט אויף ענגליש, דעם קרעדיט פון וואָרטן. ער אַליין זאָגט דאָך, אַז עס איז ריזיקירט צו אַריינקריכן צו שלום עליכמען הינטער דער פּאָלע. אין די ערשטע פעליעטאָנען איז פאַראַן פאַקטישער שטאָף און דאָרט ווו נודעלמאַן איז אמתדיק, איז ער איבערציינגנדיק און ער פאַרמאָגט הומאָר. דער אמת אַליין ווירקט אָפט ווי הומאָר... די אילוסטראַציעס פון דעם קאַריקאַטוריסט מישקע כעס צו אָט דער סעריע פאַרמאָגן הומאָר, אָבער מנחם מענדל אַליין איז שוין דאָ נישט קיין אַמאָליקער און נישט קיין הייַנטיקער...

בכלל דאַרף מען מ. נודעלמאַנס בוך מאַכן אַ „שהחיינו". ווער וואָלט זיך עס געגלויבט, אַז מיר וועלן דערלעבן צו זען אַ יידיש בוך פון פוילן וועגן, בעת און נאָך דעם קריג און דערצו מיט הומאָר און סאַטירע. אַפּילו דאָס האָבן מיר דערלעבט —

אוי, וויי און כאַ—כאַ...

Este libro se terminó de imprimir el día 14 de Enero del año 1947, en los Talleres Gráficos de Julio Kaufman, Corrientes 1976. Bs. Aires, Rep. Argentina